STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06398

FUN DOR TSU DOR

Mosheh Bar Aba-Zis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה
בראבא־זיס

פון דור צו דור

נאָכמלחמה - ראָמאַן
און דאָס בלבול אויף יידישע דאָקטוירים
ביילאַגע: רוסישע לידער מיט יידישער איבערזעצונג
געלייענטע און פאַרשפרייטע אויף די הענט
אין ראַטן־פאַרבאַנד

ישראל 1978

געבוירן אין 1892 יאָר. זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער קעשענעווער „אונזער צייט", רעדאַגירט פון זלמן ראָזנטאַל ז״ל. שפּעטער אין דער טשערנאָוויצער „אָסט־יידישער צייטונג" פון מאיר עבנער, אין דער בוקאַרעשטער „די וואָך", אין זשורנאַל „אינזל", אין זשורנאַל „אויפגאַנג" אין סיגעט ־ מאראמורעש. שפּעטער באַ די סאָוועטן — גאָרניט געדרוקט. מיט שוועריקייטן דורכגעשלעפּט מיינע כתבים קיין ישראל אין 1976 יאָר — אין דעם ביכל גיב איך דאָס וויכטיקסטע, לויט מיין מיינונג, דערפאַר האָב איך שוין צוגעגיבן דריי פון מיינע רוסישע לידער, ווייל איך בין שוין אַלט האָב איך מיך געאיילט דאָס אַרויסצוגיבן.

ד ע ר   מ ח ב ר

ערשטער טייל

חיים נייכין איז געשטאַנען אויף אַן עק פון דער שטאָטישער הויפּט־גאַס מיט צוויי פּעק ביכער אונטער די אָרעמס. אַזוי האָבן אים שוין מענטשן געקענט: דער ייד מיט די ביכער. אַזוי פלעגט אים אָפּשטעלן אין מיטן גאַס יעדער, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט ביכער. אויך דאָס מאָל האָט אים אָפּגעשטעלט אַ הויבשע דאַמע אין אַ לייכטן רויטן מאַנטל, און געפרעגט וואָסערע ביכער ער האָט.

— וואָס אינטערעסירט אייך?

— צי האָט איר ניט צופעליק עפּעס פּוילישע ביכער?

— יאָ, נאָר ניט מיט זיך, זאָגט מיר אייער אַדרעס.

— גלינקאַ־גאַס, נומער 15, אַ באַזונדער וווינונג, מער וווינט דאָרט קיינער ניט.

און באַלד האָט די דאַמע געווענדעט אירע אויגן אויף דעם מענטשן־שטראָם, וואָס האָט געאיילט צום וואָקזאַל.

— וואָס איז דאָס? יידן פאָרן אַוועק פון דאַנען? וואָס איז די סיבה? פאַרוואָס פאָרן זיי אַוועק? — האָט זי געפרעגט מיט אַ זיכערן טאָן.

און נייכין האָט געגעבן אַן ענטפער:

— מענטשן זענען קורצזיכטיק, זיי מיינען, אַז מ'האָט זיי דאָרט עפּעס אָנגעגרייט.

שפּעטער מיט יאָרן האָט ער זיך ניט געקענט מוחל זיין דעם ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן דער דאַמע. ער האָט גאָרניט באַטראַכט זיינע רייד. עפּעס זענען דאָך געווען סיבות דערצו, יידן לויפן... מ'האָט אפילו אויסגעטראַכט אויף זיי, אַז זיי האָבן ליב צו וואַנדערן, אָבער מ'דאַרף אַמאָל באַקלערן די סיבות דערפון. שפּעטער מיט יאָרן האָט ער געטראַכט: אַן ענטפער, וואָס איז געווען אויסגערעכנט צו געפעלן דער הויבשער סאָלידער דאַמע.

אין דער שטאָט ביי דער דרום־מערבדיקער גרעניץ, זענען אין די נאָכמלחמה־טעג אָנגעקומען פיל יידן. און

דער העלער ליכטיקער זומער טאָג האָט זיך פאַר די מענטשן, וואָס זענען ערשט אַרויס פון לאַגערן, פון עוואַקואַציע, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעוואַלגערט עטלעכע יאָר אין דער גרעסטער נויט און שמוץ, אין די מוראדיקסטע יסורים — פאַר אָט די מענטשן האָט דער טאָג אויפגעלויכטן ווי אַ בלענדענד־שיינענדיקע האָפנונג אויף אַ נאָרמאַל לעבן. זיי האָבן צעעפנט פאַרוואונדערטע אויגן אויפן גאַנצן אַרום. ס'האָבן זיי נאָך פאַרפאָלגט די לאַגער־בילדער, זיי האָבן נאָך ניט פאַרגעסן די איבערגעלעבטע קלעפּ, די פיזישע און מאָראַלע באַליידיקונגען. ס'האָט זיך זיי ניט געגלייבט, אַז די צרות האָבן זיך געענדיקט, ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז אָט־אָט קען זיך דאָס איבערחזרן, און אויף יעדן באַגעגנטן סאָלדאַט אָדער ציווילן אומבאַקאַנטן האָבן זיי געקוקט מיט פאַרדאַכט, מיט אומצוטרוי... און אַ מיידעלע האָט זיך אַ כאַפּ געטון אין דער מוטערס קלייד:

— אוי, אָט גייט אַ סאָלדאַט!

איינער האָט געטראַכט: אפשר חלומט זיך מיר נאָר, אַז די צרות זענען פאַרשוווּנדן, און גיט זיך אַ רייב דעם שטערן, די אויגן....

די דרום־מערבדיקע גרעניץ איז דערקלערט געוואָרן אָפן: ווער ס'וויל איז פריי אַוועקצופאָרן. האָבן יידן זיך געאיילט צום וואָקזאַל, צו דער באַן. מערסטנטייל איז מען געגאַנגען צופיס, מיט קליינע רענצלעך, מיט קליינע פעקלעך, דאָס גרעסערע פאַרמעגן איז שוין לאַנג ניט געווען: יענץ איז אינגאַנצן פאַרבליבן דאָרט, פון וואַנען זיי זענען אַוועק אין אָנהויב מלחמה. ס'זענען געגאַנגען איינציקע אָדער צו צוויי מענטשן. די גרעסטע טייל פון די משפחות זענען אומגעקומען אויף די ברייטע פול מיט יסורים און פּיין מלחמה־וועגן. פון די לאַגערן איז נישטאָ וואָס צו רעדן, פון דאָרט זענען אַרויסגעקומען געציילטע..

דער שיינער טאָג האָט זיך ביי זיי צונויפגעגאָסן מיט דער בשורה, אַז מ'איז פריי, מ'קען אַוועקפאָרן ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט, אפשר וועט מען כאָטש דאָרט ניט זען די,

וואָס האָבן ערשט געהרגעט און געהאָלפן הרגענען יידן.

אַ מענגע איילנדיקע מענטשן, שלעכט געקליידטע, מיט אויסגעמאַטערטע פּנימער האָבן געאײַלט צום וואָקזאַל. דער אָנלויף פון מענטשן האָט זיך ערשט אַרויסגעזען אויף דער באַן־סטאַציע, ווו מ׳האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן, באַזאָרגן בילעטן. דער צוג איז נאָך ניט געווען. דערווייל האָט מען געפירט געשפּרעכן מיט באַקאַנטע, מיט אומבאַקאַנטע. פון דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַן „אוי״ און אַ „וויי״.

— אוי, ווי און ווינד איז מיר — האָט גערעדט אַ מיטל־יאָריקע יידישקע צו אַן אַנדער פרוי, האַלטנדיק אַ קליין בינטל אונטערן אָרעם אַרומגעבונדן מיט אַ שטריקל — אָט אַזוי ווי איר זעט מיך אַזוי מאָלט מיך, מיין פריינט. פון דאַנען זענען מיר אַוועק אַ משפחה פון זעקס מענטשן, איצ־טער בין איך נאָר מיטן מאַן, די איבריקע מיינע האָב איך איבערגעלאָזט ערגעץ אין פעלדער און וועלדער...

פון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן, וועלכע זי האָט זיך באַמיט צו פאַרהאַלטן מיט אַ טיכל. איר צוהערערין האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ און אַ קוק געטון אויף איר לעבן איר שטייענדיקן מאַן.

מענטשן, פרעמדע, אומבאַקאַנטע, האָבן פאַרפירט גע־שפּרעכן, זיך אויסגערעדט.

— דאַכט זיך, איר האָט דאָ געהאַט אַ וווינונג ?

— יאָ.

— נו, האָט איר עס פאַרקויפט ?

— ניין, כ׳האָב דאָס פּשוט איבערגעלאָזט.

— וואָס הייסט ?

— ע, — האָט יענער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — כ׳האָב מיך איבערצייגט, אַז פאַרמעגן באַ דער איצטיקער צייט פאַר אַ יידן איז נאָר אַן אומזיסטיקע משא, מ׳טראָגט זי, מ׳רייסט זיך אונטער און אין אַ געוויסן מאָמענט מוזט איר זי אַוועקוואַרפן און לויפן. מיט אַ משא אויף די פּלייצעס איז דאָך אומעגלעך צו לויפן. איר האָט ניט געהאַט קיין אייגענע וווינונג ?

— ניין.

— נו, איז אייך טאַקע גרינגער אָװעקצופאָרן, אָבער אַז מ׳לאָזט איבער אַ פּאַרמעגן, װאָס מ׳האָט אַלע יאָרן געהאָרע־װעט דערױף... באַ מיר איז עס ניט קײן ירושה, כ׳האָב אַלע יאָרן געאַרבעט ביז כ׳האָב מיך דערשלאָגן צו אַ װױנונג, און איצט מוז איך עס איבערלאָזן. נאָר אַז איך דערמאָן מיך פֿון װאָסאַראַ צרות איך בין אַרױס, שפּײ איך אױף מײן פּאַרמעגן. כ׳װיל אַנטלױפֿן װאָס װײטער פֿון די ערטער, װוּ כ׳האָב אַזױ פֿיל געליטן.

— יאָ, אַנטלױפֿן דאַרף מען — האָט זיך אָנגערופֿן אַ שכן. װאָס איז געזעסן אױף אַ פּעקל בעבעכעס. — איך, קײן פֿאַר־מעגן האָב דאָ נישט, איך האָב דאָ געװױנט אין אַ דאָרף, איצט קען איך אין דעם דאָרף נישט װױנען. כ׳האָב דאָרט אױך איבערגעלאָזט אַביסל אָרעמקײט, נאָר דערפֿון איז אפֿילו קײן פֿאָדעם נישט געבליבן, מײנע שכנים האָבן דאָס פֿאַרזאָרגט. מיר װײסן דאָך שױן, אַז טאָמער עפּעס אַן אומרויִקע צײט מוזן מיר ס׳ערשטע מורא האָבן פֿאַר אונ־דזערע שכנים. ער איז דיר כלומרשט אַ גוטער פֿרײַנט, נאָר, בײ געװיסע אומשטענדן, באַשולדיקט ער אין אַלע צרות דעם יידן און דעמלט װערט ער אים דער געפֿערלעכסטער שונא. איך האָב מיך אָנגעהערט, װאָס מײנע דאָרפֿס־לײט האָבן געטון, איז מיר שװער צו קוקן זײ אין פּנים...

— מ׳קען נישט װיסן װאָס ס׳דערװאַרט אונדז דאָרט. װוּהין מיר לױפֿן, נאָר פֿון דאַנען מוז מען אַנטלױפֿן.

דער אײגנטימער פֿון דער איבערגעלאָזטער װױנונג האָט פֿאָרגעזעצט נאָך אַ קלײנער פּאַוזע :

— איך מײן, אַז מיט פּאַרמעגן באַ הײנטיקער צײט האָט מען זיך ניט װאָס איבערצונעמען, און יאָגן זיך נאָכדעם — אװדאי ניט. מיר זעען װי גרינג מ׳פּאַטערט עס, אין אײן שמע ישראל. און פֿיל יידן האָבן געטון דאָס גרױסע נאַריש־קײט, זײ האָבן זיך ניט געװאָלט שײדן מיטן פּאַרמעגן, זע־נען זײ אומגעקומען אינאײנעם מיט דעם. די צײט ברענגט

אונדז צום אויספיר, אַז מיר דאַרפן אויסמיידן שאַפן פאַר־מעגן אפילו ווען ס׳איז דאָ אַ מעגלעכקייט דערצו.

די מענגע מענטשן איז געווען געדיכט, מ׳איז געשטאַנען ענג איינס לעבן ס׳אַנדערע. און טאַקע אַ צוויי שריט פון זיי איז געשטאַנען אַ מאַן מיט אַ פרוי מיט אַ פּאָר קינדער. די משפחה האָט אויסגעזען בעסער און געווען בעסער געקליידט. דער בעל המשפחה, אַ סאָלידער מענטש מיט אַ גלאַט ראַזירט פּנים, האָט צוגעהערט דעם געשפּרעך פון די לעבן אים שטייענדיקע יידן. מעגלעך, אַז בײַ נאָרמאַלע אומשטענדן וואָלט ער ניט גערעכנט פאַר אַנשטענדיק פאַר־פירן אַ געשפּרעך מיט אַזעלכע שלעכט געקליידטע און אַזוי געמיין אויסזעענדיקע מענטשן, נאָר איצט האָט ער זיך אָנגערופן:

— אָט האָט איר איבערגעלאָזט אייער וווינונג... און וואָס האָב איך דערפון, אַז כ׳האָב מיין וווינונג יאָ פאַרקויפט מיטן מעבל מיט אַלעמען... אַ שען פאַרמעגן — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט זיכערקייט — נו, האָב איך דען באַקומען דאָס געלט, ווען וועלכן ס׳איז אָפּגערעדט געווען. מיין קונה האָט אָפּגערעדט פאַר אַזויפיל און אַזויפיל און האָט מיך געפירט ביז אין לעצטן מאָמענט, און צום סוף האָט ער מיר געזאָגט: אויב דו וועסט ניט אויפהערן פאָדערן בײַ מיר געלט, וועסטו בײַ מיר ווייט אַוועקגיין, נאָר פאָרן וועסטו שוין איגערגעץ ניט... אַזוי אַז מיר האָבן זיך מיט אייך אויסגעגליכט, איר האָט ניט פאַרקויפט אייער וווינונג און איך האָב יאָ פאַרקויפט, קיין געלט האָבן מיר ביידע ניט באַקומען — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ באַדויערנדיקן שמייכל.

פלוצים איז געוואָרן אַ געדרענג, אַ שטופּעניש. דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון צו די וואַגאָנעס, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו צווויסן געגעבן, אַז מ׳פאָרט.

1

נייכין פלעגט אָפט שטיין אין מאַרק. די ביכער צעלייגט אויף דער ערד, אַמאָל אויף אַ פרייען מאַרק־טיש.

דעם רוישיקן מאַרק האָבן פאַרפולט פרויען און מענער מיט קוישלעך, באַלאָדענע מיט גרינוואַרג, מיט אויבסט, נאָר צווישן די אַלע מענטשן, וואָס האָבן געזוכט צו קויפן עסנוואַרג, האָבן זיך שטענדיק געפונען עטלעכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים און איבערגעקוקט די ביכער, מענטשן, וואָס האָבן ליב ביכער. צו די מענטשן האָט ער געהאַט גרויס סימפּאַטיע, ווייל ביכער האָט ער אַליין ליב געהאַט. אָפט איז מען צו אים געקומען און גערופן קויפן ביכער און איבערגעלאָזט אַן אַדרעס. אַז ער פלעגט קומען אין אַ שטוב און זיך גענומען איבערקוקן די ביכער, האָט ער געהאַט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן. מיט אומגעדולד געעפנט אַלע מאָל אַן אַנדער בוך, זיך אָפט געוווּנדערט אויף אַ מחבר, וואָס ער האָט נאָך פון אים ניט געהערט. אָט טרעפט ער אַ ביכל פונעם 16־טן יאָרהונדערט.. עפּעס אַ פרוי גליקל פון־גאָמעלן דערציילט מיט אַ גאָר אַלטע־יידישער און חצי־דייטשישער שפּראַך, וועגן איר לעבן, וועגן לעבן פון יענער צייט. און אָט איז עפּעס אַ בערל אייזיקס, ער באַשרייבט זיין לעבן פון 12־טן יאָרהונדערט, ווי אַזוי ער האָט געלעבט אין שוועדן און געהאַנדלט מיט גאָלד און איידל־שטיינער ביים שוועדישן קעניגלעכן הויף. ס'איז נאָר צו באַוווּנדערן ווי אין אַלע צייטן האָבן זיך געפונען שרייבער, וואָס האָבן געשטרעבט איבערלאָזן נאָך זיך דער וועלט זייערע עטלעכע געדאַנקען, זייערע איבערלעבענישן. צו וואָס? אָפט וווּנדערט ער זיך, ווען ער אַנטדעקט נאָך אַזעלכן און נאָך אַזעלכן. דאָס געביין פון די מענטשן איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן, אָבער דאָס ביכל מאַכט זיי לעבעדיק פאַר נייכינס אויגן אין הונדערטער יאָרן אַרום, און ער טראַכט וועגן זיי. מיט אַזעלכע ביכער איז ער אַם־מערסטן פאַראינטערעסירט. ער קומט דאָ אין באַרירונג מיט געדאַנקען, מיט אידייען, וואָס האָבן איבערגעלעבט יאָרהונדערטן. און ווען ער שטייט אינמיטן פון אַ רוישנדיקן מאַרק באַטראַכט ער אים מיט אויגן פון אַ דענקער.

די מלחמה־צייט האָט אים געבראַכט צו האַנדלען מיט

ביכער, ווען פריער איז ער געווען נאָר אַ ליבהאָבער פון ביכער. און די ליבסטע זענען ביי אים געווען פושקין און לערמאַנטאָוו, פון וועלכע ער האָט אַ סך געקענט אויף אויסנווייניק, און בכלל די רוסישע ליטעראַטור, און דער־פאַר האָט ער איצט געהאַט די געלעגנהייט און פאַרשטאַנען צו רעדן מיט אַ קונה וועגן אַ ביכל, רעקאָמענדירן עפּעס צו לייענען און דערפאַר האָבן אים פיל קונים באַשאַנקען מיט אַכטונג און דרך־ארץ.

ער איז געשטאַנען פאַרטראַכט ביי זיין קרעמל ביכער, ווען צו אים איז צוגעקומען בראַזער.

— זעט, איר זענט ניט אָוועקגעפאָרן, בראַזער? — ווונדערט זיך נייכין — ס'איז נעכטן געווען אַ לויפעניש צום וואָקזאַל און איר זענט פאַרבליבן?

— יאָ, איך האָב ניט באַוויזן, כ'האָב פאַרשפּעטיקט. און היינט בין איך צוגעגאַנגען צו דעם, וואָס פאַרוואַלטעט מיט דעם ביוראָ, זאָגט ער מיר: נילזאַ יעכאַט. (מטאָר ניט פאָרן).

דער קליינוווּקסיקער, פּערציקיאָריקער בראַזער האָט געהאַט אַ ליסע קאָפּ, די באַקן האָבן אַראָפּגעהאַנגען ווי בייטעלעך, קליינע בייטעלעך זענען ביי אים געווען אונ־טער די אויגן. די פיר יאָר עוואַקואַציע און לאַגער האָבן אויסגעבייטלט זיין אַמאָל פולבליכן קערפּער.

— וואָסזשע דענקט איר איצט צו טון?

— איך מוז חתונה האָבן — האָט בראַזער געענטפערט מיט אַ פאַרזאָרגט פנים — מיין פרוי, ווייסט איר דאָך, איז געשטאָרבן אין לאַגער. נו, און דער מענטש... עפּעס ליגט אין אים אַזעלכעס... איך בין נאָר אַרויס פונעם לאַגער, בין איך שוין געגאַנגען זוכן אַ פרוי... איר פאַרשטייט דאָך מיין לאַגע... דערווייל בין איך אַליין. און אַז איך לעב מוז איך דאָך האָבן אַ באַלעבאָסטע אין שטוב.

— וועט איר טאַקע אפשר חתונה האָבן מיט דעם ווייבל, וואָס כ'האָב אייך אַ מאָל געזען מיט איר. כ'זע, זי איז אַ ווויל ווייבל.

— ניין — האָט בראזער געענטפערט לאנגזאם, אַנ־בויגנדיק דעם קאָפּ אויף אַ זייט — איך וועל מיר אפשר זוכן אַ יונגערע. זי מיינט טאַקע חתונה האָבן מיט מיר, נאָר איך וועל מיך נאָך באַטראַכטן. זי איז טאַקע אַ ווילע, אַן ערלעכע, נאָר חתונה האָבן וויל איך מיט אַ יונגערער.

נייכין האָט אים מעלאַנכאָליש באַטראַכט, ווען ער האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט.

— אי, דער מענטש... — האָט נייכין געטראַכט — ערשט זענען פאַרניכטעט געוואָרן טויזנטער משפּחות און מ׳שאַפט שוין נייע... מ׳איילט זיך שוין געבוירן נייע קינ־דער.

נאָך אין אַכצנטן יאָר, נאָך אַ פּאָגראָם, האָט ער גע־הערט ווי אַן עלטערער ייד האָט געזאָגט אויף אַ יונגן מאַן, וואָס האָט געהאַלטן אַ קינד אויף די הענט: מ׳מאַכט קינ־דער ס׳זאָל זיין וועמען צו הרגענען.

פון זיין מוח און פון זיינע אויגן איז פאַרשווינדן אינ־גאַנצן דער מאַרק מיט זיין קרעמל ביכער, לעבן וועלכע ער איז געשטאַנען. ס׳האָט אים אינגאַנצן פאַרשלינגען דער געדאַנק וועגן מענטשנס אייביקע יאָגעניש צו פאַרמערן זיך, פּונקט ווי די חיה, די בהמה, נאָר מיט דעם קליינעם חילוק, וואָס דער מענטש פאַרדעקט עס, באַהאַלט עס. און דווקא עלטערע מענטשן איילן זיך באַלד חתונה האָבן. אין דעם קליינעם שטעטל, ווו ער האָט אין 1918 איבערגעלעבט עטלעכע פּאָגראָמען, האָט דער אַלטער גראָער ייד מאלדאָווו־סקי באַלד נאָכן פּאָגראָם חתונה געהאַט און צום יאָר גע־וואָרן אַ טאַטע פון אַ קינד. ס׳איז געווען צום לאַכן, ווען ס׳וואָלט נישט געווען אַזוי אומגליקלעך־טרויעריק.

ער האָט ווייטער געטראַכט:

— און צו וואָס דאַרף מען עס? וואָס ליגט אַזוינס אין דעם מענטשן, אין דער בהמה, וואָס ביי די ערגסטע לעבנס־באַדינגונגען זוכן זיי נאָר פאַרזעצן דעם דור ס׳זאָל זיך, חלילה ניט איבעררייסן דער לעבנס־פאָדעם. וואָלט דען ניט געווען גלייכער אפשר אָפּשטעלן די געבורטן, וואָלט

ניט געווען וועמען צו הרגענען. און די וואָס קומען ניט אויף דער וועלט, וואָס ווערן ניט געבוירן, וועלן דאָך צו קיינעם קיין טענות ניט האָבן...

פון די געדאַנקען האָט אים אַרויסגעבראַכט אַ מיידל, וואָס איז צו אים צוגעקומען און אים באַגריסט מיט אַ ליב־לעכן שמייכל. דאָס איז געווען אַ דערוואַקסן מיידל פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, נאָר מיט אירע שוואַרצע האָר און טונקעלע אײדעלן פּנים, האָט זי אויסגעזען געגנוג חנעוו־דיק. אייניקע מאָל קומט זי צו צו נייכינען, פאַרפירט מיט אים געשפרעכן. זי האָט אים דערציילט, אַז זי איז אַ לע־רערין, ווינט ביי אַ ברודער און זיך אפילו באַקלאָגט אויף איר מאַנאָטאָן לעבן, זי ווערט אַלץ מער אָפּנהערציק, זי לאָזט זיך צו צו אים. ס'איז קענטיק: ס'איז דער פאַל ווען די פרוי קומט אַקעגן דעם מאַן. נייכין האָט אָבער ביי זיך באַשלאָסן: ער זוכט ניט קיין ניי ווייב.

בייטאָג, צו מיטאָג־צייט ווערט דער מאַרק שיטערער, אײנקויפערס גייען זעלטענער און נייכין האָט די מעגלעכ־קייט זיך צוקוקן אַביסל צו די פאַרקויפער: פויערן, פויער־טעס, נאָר צווישן זיי יידישע פּנימער: שטייט אַ דאַרער, אויסגעמאַטערטער ייד און לעבן אים זענען אויסגעשטעלט פלעשער מיט רויטן באַרשטש, שטייט אַ יידענע, וואָס פאַר־קויפט פעפער, לאָרבער־בלעטער, איינע פאַרקויפט אַלטע צייטונגען. אייניקע פאַרקויפער נעמען שוין צונויף זייערע קרעמלעך, קלויבן זיך אַהיים. נייכין איילט זיך ניט, ווייל גראָד נאָכן מאַרק קומען צו אים זיינע קונים, וואָס זוכן ספּעציעל ביכער. ווען דער מאַרק צעגייט זיך שוין און ווערט גאָר שיטער, קומט צו צו אים אַ מיטליאָריקע יידישקע קענטיק אַ באַלעבאָסטע, און שטעלט אים גלייך אַ פראַגע צי האָט ער אַ ווייב.

— יאָ, איך האָב אַ ווייב.

— וווּ־זשע איז זי?

— זי דאַרף קומען צופאָרן.

— אַ־אַ־אַ... — האָט די יידענע אויסגעצויגן, און באַלד

אַוועקגעגאַנגען, ניט אַנדערש זי האָט אים געוואָלט רעדן אַ שידוך.

— מענער זוכן ווייבער און ווייבער זוכן מענער — האָט נייכין אויסגעזיפּצט, נאָכקוקנדיק דעם ווייבל.

2

אין דער מלחמה־צייט איז ער געווען פאַרנומען מיט זיין הונגער און מיט זוכן אַ שטיקל ברויט. ער האָט ניט פאַר־געסן ווי דאָס קליינע אוזבעקישע מיידעלע איז צוגעקומען צו אים, ווען זי האָט געהאַלטן אין עסן אַ שטיקל „לע־פּיאָשקע”. זי האָט אויפגעהויבן אירע קינדערשע אויגן צו אים, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל פון דעם, וואָס זי האָט געגעסן און אים דערלאַנגט. ער האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט אַ שמייכל. אין דעם מאָמענט האָט זיך דאָס מיידעלע פאַר־אייביקט אין זיין האַרץ. אין יענער צייט, דערמאַנט ער זיך, איז ער געווען געגליכן נאָר צו אַ הונגעריקן הונט. פונקט ווי אַזאַ הונט איז ער געגאַנגען אויף דער גאַס און געקוקט אויף דער ערד אויף רעכטס און אויף לינקס, צי וואָלגערט זיך ניט עפּעס וואָס צו עסן. דער האַנדל מיט ביכער, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרנומען צופעליק, האָט אים געהאָלפן פאַטערן און פאַרגעסן די הונגער־צייט. ער האָט געלעבט אין אַ וועלט פון ביכער, זיין הונגער האָט ער שוין לאַנג געשטילט און געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון דער באַריִרונג מיט מענגעס ביכער.

נאָר דער האַנדל מיט ביכער האָט אים אָפּט געבראַכט צו גאָר טרויעריקע געדאַנקען. ווען מ׳האָט אים גערופן אין הייזער קויפן ביכער, האָט ער גאַנץ אָפּט געזען, אַז ניט די ביכער, ניט די הייזער, געהערן צו די בעליבתּים. אַמאָל האָט ער אין אַזאַ הויז געטראָפן אַ פּיאַנינאָ, וואָס האָט מיט איר גאַנצן פּרעכטיקן גלאַנץ געשריגן, אַז איר בעלהבית און אפשר דאָס מיידל, וואָס האָט אויף אים געשפּילט, איז ערגעץ ווער ווייסט ווו אַהינגעקומען, און גאַנץ פרעמדע מענטשן האָבן זיך דאָ באַזעצט. און צווישן די פאַרקויפער

פון די ביכער זענען גאַנץ אָפט געווען מענטשן, וואָס מ'האָט אויף זיי דייטלעך געזען, אַז זיי האָבן ניט קיין שום שייכות צו די ביכער, וואָס זיי לעגן אים פאָר. צווישן די פאַרקויפער זענען אָפט געווען יידן, וואָס האָבן פאָרגעלייגט פרעכטיקע יידישע ביכער און זיך אַפילו נישט געשעמט צו דערקלערן, אַז זיי קענען קיין יידיש ניט לייענען. נייכין האָט זיי אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. אַמאָל האָט אַ צעפּאַטלטע עלטערע פרוי פאָרגעלייגט אַ הויפן ביכער. ער האָט געזען, אַז זי וויל פשוט פאַטערן די ביכער. נייכין איז געווען נייגעריק, ער האָט יעדעס בוך דורכגעקוקט און דערביי געטראַכט וועגן די פאַרשווּנדענע בעליבתים, זיך פאָרגעשטעלט ווי אַזוי די אמתע פריערדיקע בעליבתים האָבן ליב געהאַט די ביכער, זיך געשפּיגלט אין זיי.

פאַר ניט גרויס געלט פלעגט נייכין אַוועקטראָגן פון אַזעלכע הייזער אַ גאַנצן פּאַק מיט ביכער.

נאָר אַן עלטערע יידענע מיט אַ ווייס שיין פּנים, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן אַ פאַרגאַנגען שיין לעבן, האָט אים איינמאָל גערופן קויפן ביי איר ביכער. דאָס זענען געווען דייטשע ביכער וועגן יוריספּרודענץ. אירע זין זענען געווען אַדוואָקאַטן, האָט זי אים דערציילט, האָט זי איצט פאַר נויט געוואָלט פאַרקויפן זייערע ביכער. פאַר נייכינען זענען זיי קיין סחורה ניט געווען און ער האָט זיי ניט געקויפט. נאָר דאָס וואָס זי האָט אים דערציילט איז געווען פון גרויסן אינטערעס און עגמת נפש פאַר נייכינען.

געעפנט האָט אים די טיר אַ מיטליאָריקער קריסט, לויטן אויסזען אַ מיליטער־מאַן, מיט אַ בייזער דראָענדיקער צורה. זי האָט דערציילט, אַז דער־אָ האָט זי אַרויסגעשטעלט פון אירע צימערן און זי אַריינגעשיקט אין איר קליינער קיך, ווו נייכין האָט זי איצט געטראָפן זיצן. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי דערציילט, אַז דער נייער באַלעבאָס פון איר וווינונג באַציט זיך צו איר אכזריותדיק, שלאָגט זי, דראָט איר זי זאָל קיין וואָרט ניט רעדן, ער דראָט איר אַרויסוואַרפן אויף פון

דער קיך. אירע זין, האָט זי דערציילט, ווינען אין בוקאַ־רעשט, זי האָט צו זיי געשריבן און האָפט זיי זאָלן זי אַרויס־נעמען פון דעם נייעם פאַר איר אויף דער עלטער געשאַפע־נעם גהינום.

מיט האַרץ-ווייטיק איז נייכין פון איר אַוועקגעגאַנגען, העלפן האָט ער איר מיט גאָרניט געקענט.

די ערשטע צייט איז ער געגאַנגען איבער די גאַסן מיט צוויי פעק ביכער אונטער די אָרעמס, נאָר אינגיכן איז עס געוואָרן אוממעגלעך, ווייל די הענט האָבן אַזוי אָנגעהויבן ווי טון, אַז ער האָט מיט זיי ניט געקענט רירן, דעמלט האָט ער באַגרעניצט זיין האַנדלס־פּלאַץ נאָר מיטן מאַרק, קונים האָבן שוין געוווסט ווו אים צו טרעפן. וועגן פיל פון זיי האָט ער שוין געוווסט וואָס זיי זוכן. די יונגע, שענע פריילין האָט געזוכט דייטשישע ראָמאַנען. איינע אַ יונגע, אַ צאַרטע, מיט שטאַרק אָנגערויטע באַקן און ליפּן, האָט געזוכט נאָר פראַנצויזישע ראָמאַנען. דער הינקענדיקער יונגער בחור, וואָס גייענדיק האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, האָט געזוכט ציוניסטישע ליטעראַטור, די געשיכטע פון ציוניזם. יאָ, נייכין האָט עס, דאָס זענען עפּעס אַ אַכט ביכער, נאָר מיט זיך אויפן מאַרק קען ער אַזעלכע ביכער ניט מיטנעמען.

— קויפן — זאָגט דער הינקענדיקער בחור — קען איך זיי ניט, איך וויל זיי נאָר איבערלייענען און דערפאַר וועל איך אייך באַצאָלן.

דאָס אַליין, וואָס דער בחור איז אַזוי פאַראינטערעסירט, האָט שוין געשמעקט נייכינען און ער האָט אים גוטוויליק געענטפערט:

— נישקאשע, איך גיב דאָס אייך איבערלייענען. איי־נער, אַ דאָקטאָר האָט דאָס שוין באַ מיר באַשטעלט, ער וויל עס קויפן.

דער דאָקטאָר איז געווען אַ שלאַנקער, אַ הויכער, אַ שיינער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך געמאַכט די געוווינהייט

צולויפן צו נייכינען, כאַפּן אַ קוק אויף די ביכער, געזוכט ספּעציעל יידישע, געזוכט ביאַליקן, און ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט ביאַליקס אַ ביכל, האָט ער עס געהייסן ברענגען צו זיך אַהיים, און שוין אַוועקגעגאַנגען. דאָס ביכל איז געווען ביאַליקס לידער אויף יידיש און איידער ער האָט עס אָפּגעטראָגן דעם דאָקטאָר האָט ער עס אינגאַנצן איבערגעלייענט. ווען ער האָט עס געבראַכט דעם דאָקטאָר און געזאָגט די פּרייז, האָט יענער געענטפערט:

— פאַר אַזאַ קליין ביכל ווילט איר אַזויפיל געלט?

דאָ האָט נייכין שוין אויף אַ סוחרישן אופן אויסגענוצט זיין ביכערקענונג און געפילט, אַז ער זינדיקט:

— עפנט אויף דאָס צוועלפטע זייטל און לייענט איבער די צוויי און־דרייסיקסטע שורה. די שורה אַליין איז ווערט דאָס געלט.

די שורה איז געווען וועגן די שאָף, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון באַרג גילעד.

אויף נייכינען האָט די שורה אַ ווייע געטון מיט זיין פאַרחלומטער קינדהייט, ווען ביים חומש־לערנען איז ער געווען ענטציקט מיט די שאָף פון גילעד. און אפשר האָט דער דאָקטאָר אויך זיך אין עפּעס דערמאָנט. ער האָט עס איבערגעלייענט, אַ קוק געטון אויף נייכינען און באַצאָלט די געפאָדערטע פּרייז. אין דעם מאָמענט איז צווישן די צוויי מענטשן, גאַנץ פרעמדע איינער דעם אַנדערן, שוין ניט געווען קיין האַנדל, ס׳האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַזעלכעס, וואָס פאַראייניקט מענטשן האַרציק, נשמהדיק.

זיינע באַקאַנטע האָבן שוין געוווסט אים צו זוכן אין מאַרק. איז אַמאָל צוגעקומען בראַזער.

— נו, וואָס הערט זיך, בראַזער? — האָט זיך מיט אים נייכין דערפרייט.

— וואָס זאָל זיך הערן? כ׳האָב שוין אין דער צייט באַוויזן חתונה האָבן.

— יאָ? אין אַ גוטער מזלדיקער שעה — האָט אים נייכין געדרוקט די האַנט.

— איר מעגט אַריינקומען נעמען אַביסל בראָנפן.

— איך דאַנק, איך וועל קומען.

— איר האָט ניט געזען? האָט בראזער ווייטער געזאָגט — איינער פון די פאַרקויפער רייסט בלעטלעך פון אַ גראָבן בוך.

— ווו? — האָט זיך נייכין פאַראינטערעסירט — כאַפּט דאָ אַ קוק צו מיין קרעמל.

און איז אַוועק. אין אַ פינף מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַ סדור אין די הענט.

— בלעטלעך רייסט ער גראַדע פון שאָפּענהאַוערן אַליין. מיך אַרט שטאַרק, אַז מ׳רייסט פון אַ ביכל. קיין פּאַפּיר איז איצט נישטאָ, רייסט מען ביכער און מ׳וויקלט איין פּוטער און שמאַלץ און וואָס איר ווילט... נאָר כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, צו שאָפּענהאַוערן און צו זיינע דייטשן... צו אים און צו זיי האָב איך אינגאַנצן פאַרלוירן מיינע אַמאָליקע גוטע געפילן, נאָר אָט דאָס בידנע סדור האָב איך דאָך אָפּגעראַטעוועט פון זיינע הענט. איך דאַרף אים נאָך געבן עפּעס אַ ביכל אויף פּאַפּיר, נאָר ס׳האָט ביי מיר ווערט, איך באַגעגן איצט אַ סך יידישע ספרים אין אַזעלכע הענט...

דאָס אַלטע שטאַרק אָפּגענוצטע סדור מיט אָפּגעריבענע פאַרגעלטע עקן פון די בלעטלעך האָט נייכין צעעפנט און דורכגעבלעטערט. ווער ווייסט ווו דער אַלטער ייד פון דעם סדור איז ערגעץ? ער האָט אַ טיפן זיפץ געטון.

אָט די פאַרבלאָנדזשעטע יידישע ספרים האָבן ביי אים אָפּט אַרויסגערופן טרויעריקע געדאַנקען.

3

ס׳איז געווען אַ צייט ווען מענטשן האָבן פּשוט פאַרנומען ווױנונגען.. מ׳האָט ניט געדאַרפט קויפן, ניט געדאַרפט דינגען. ס׳איז געגנוג געווען אַריין און זיך באַזעצן אין דער ווױנונג און דאָרטן ווו אַנדערע זענען געווען אונטערנעמע-

ריש און צודרינגלעך, איז נייכין געווען פון די, וואָס קומען אַביסל שפּעטער און בלייבן אַרונטער. דערפֿאַר איז אים אויסגעקומען פֿאַרנעמען אַ וווינונג אָן פֿענצטער, אָן טירן, מיט אַ געלעכערטער סטעליע, מיט אַ דורכרינענדיקן דאַך, אַ רויִנירטע וווינונג. אין דעם זעלבן הויף זענען געווען גאַנץ פֿיינע וווינונגען, פֿון וועלכע די בעליבתּים זענען אין איילעניש אַוועק און איבערגעלאָזט אפֿילו פֿיין מעבל. נאָר נייכין איז אַריין אין אַ רויִנירטער וווינונג, ווו די ווענט זע־נען געווען צעבראָכן און געהאַט שפּאַרינעס. אָט די וווינונג האָט ער זיך גענומען רעמאָנטירן און יעדעס מאָל געמאַכט דאָ אַ טיר, דאָ אַ פֿענצטער, פֿאַריכט דעם דאַך, ווייל מיט־אַמאָל געלט דערויף האָט ער ניט געהאַט.

שכנים, וואָס האָבן דאָ פֿריער פֿאַרנומען וווינונגען אויפֿן צווייטן און דריטן שטאָק זענען שוין געווען איינגעאָרדנט, און זייער אויסזען האָט שוין אויסגעגיבן בעליבתּישע זי־כערקייט. פֿון די פֿריערדיקע יידישע איינוווינער איז קיין לעבעדיקער מענטש ניט געבליבן, האָבן זיך גוט איינגע־אָרדנט די נייע: איז געווען איינער אַ פֿאָטאָגראַף, איינער אַ פֿאַרקויפֿער אין אַ קלייט, אַן אייזנבאַן־אָנגעשטעלטער, אַן אָפֿיציר, אַ פּראָפֿעסאָר אַ מעדיצינער. כּמעט אַלע שכנים האָבן געקוקט אויף נייכינען פֿון אויבן אַראָפּ, ניט נאָר דער־פֿאַר, וואָס זיי האָבן געוווינט אויף די העכערע עטאַזשן, נאָר צום אַלעם ערשטן דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן געוווינט אין בעסערע וווינונגען, שוין געווען בעסער געקליידט און בע־סער געלעבט, און דאָס זענען געווען גענוגנדיקע סיבות צו קוקן אויפֿן נייעם שכן פֿון דער געמיינסטער וווינונג מיט ביטול און אין בעסטן פֿאַל אים ניט באַמערקן. מער מענטש־לעך און פֿריינטלעך האָט זיך צו אים באַצויגן דער מעדיקער, דער פּראָפֿעסאָר שופּנער. אים האָבן אינטערעסירט ביכער, וועלכע ער האָט געקענט ביי אים טרעפֿן, דערפֿון האָט זיך שוין געשאַפֿן באַקאַנטשאַפֿט. ווען אַנדערע שכנים האָבן ניט געפֿונען פֿאַר נויטיק זיך צו באַגריסן, האָט דער פּראָפֿעסאָר

זיך שטענדיק באַגריסט מיט אים פריינטלעך. נאָר נייכין איז שוין געווען אַ מענטש העכער פון די מיטעלע יאָרן און אין אַזאַ עלטער רעאַגירט מען שוין ווייניקער אויף אַ גלייכגילטיקער באַציִונג פון מענטשן. באַטראַכטנדיק זיינע שכנים און איבערהויפּט די יידישע, וועלכע האָבן ניט לאַנג איבערגעלעבט אַזעלכע צרות, וועלכע האָבן ניט געקענט ניט וויסן פון די פיל אויסגעהרגעטע יידן, און זענענדיק זייער זיכערקייט און צופרידנקייט, וואָס האָבן מיט דער צייט געוואַקסן, האָט ער זיך נאָכאַמאָל איבערצייגט, אַז דער גוטער מאַטעריעלער צושטאַנד אנשלייפט דעם מענטשן, שאַפט זיין גייסטיקן און פיזישן פּרצוף, ניט נאָר בײַ מענטשן אפילו בײַ בהמות האָט ער באַמערקט, אַז אַ ריינער שטאַל און בעסער עסן, מאַכט זיי שענער און לעבנסלוסטיקער. דערפאַר האָט ער גאַנץ קאַלטבלוטיק אויפגענומען דעם ביטול, וואָס זיינע שכנים האָבן צו אים אַרויסגעוויזן. ער איז שוין געווען איבערצייגט, אַז אויף זיכערקייט און צופרידנקייט זענען נישטאָ קיין שום גרונד בײַ יידן.

אונטן, טאָקע אין דער ריי מיט נייכינס וווינונג האָבן געוווינט אַ פּאָר קריסטן, אויך אין געמיינע וווינונגען. איינמאָל האָט נייכין אויפגעכאַפּט אַ געשפּרעך, וואָס איינער האָט געהאַט מיטן אַנדערן. קוקנדיק אַרויף און אָנווייזנדיק אויף די בעסערע וווינונגען, האָט איינער געזאָגט:

— זיי האָבן גוטע וווינונגען, אָבער איצטער וועלן מיר שוין ניט זיין אַזעלכע נאַראָנים, איך וועל שוין ניט גיין מער אין אַזאַ צימערל — אָנווייזנדיק מיט פאַרדראָס אויף זיין וווינונג.

נייכין האָט פאַרשטאַנען, אַז דער שכן זיינער האָפט ווייטער אויף אַזעלכע צייטן, ווען מ׳וועט קענען פאַרכאַפּן פאַרלאָזטע וווינונגען און אפשר טאָקע פאַרמעגן אויך...

דערביי האָט זיין האַרץ געקלעמט פון שווערע דערינערונגען און געדאַנקען...

4

אינגיכן האָט נייכין אָנגעקלינגען אין אַ ברייטער טיר אויפן צווייטן שטאָק. באַנאַנד זענען געווען נאָך עטלעכע אַזעלכע טירן, ריינע, אויסגעפּוצטע, וואָס פון דרויסן האָט מען געזען, אַז דאָס זענען גוטע וווינונגען און דאָ איז אַלעס אין אָרדנונג. דאָס איז געווען דער נייער אַדרעס פון בראַזערן. געעפנט די טיר האָט אַ יונגע שלאַנקע פרוי מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, שוואַרצע אויגן, אַ לענגלעך גאַנץ חנעוודיק פּנים.

ווען ער איז אַריין אין שטוב האָט ער געטראָפן בראַזערן. ער האָט אים באַלד באַקענט מיט זיין שוואַרץ־חנעוודיקער פרוי, וועלכע האָט אויסגעוויזן פיל יונגער פון אים. נאָר בראַזער אַליין האָט שוין אויסגעזען יונגער און בעסער ווי פאַר עטלעכע וואָכן. נייכין האָט זיך אויף אַלעס אומגעקוקט. דער טיש פאַרשפּרייט מיט אַ ריין געקעסטלט טישטוך, אין שטוב — ריין, אויפן דיל אויסגעשפּרייט נייע סטעזשקעלעך, און וווייטער אַרום האָט דער דיל ממש געגלאַנצט. אין דער שטוב האָט געהערשט בירגערלעכע באַלעבאַטיש־צופרידענע אַטמאָספער. און אַלעס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף בראַזערס פּנים.

באַלד איז אויפן טיש געשטעלט געוואָרן בראָנפן מיט געבעקס און נייכין האָט געטרונקען לחיים און געווונטשן מזל טוב די צעשמייכלטע מאַן־און־ווייב.

אין צווייטן צימער האָט נייכין באַמערקט אַ הויכוווקסיקן אַלטן יידן, ווייזט אויס דער פאָטער פון דער יונגער פרוי, ווייל ווי יונג זי איז געווען און, אין קעגנזאַץ, ווי אַלט ער איז געווען, האָט זיך דאָך געמערקט ענלעכקייט אין זייערע פּנימער.

ער האָט זיך דערוווסט, אַז בראַזער איז שוין איינגעאָרדנט אויף אַרבעט, אַז זיין יונגע פרוי איז אַ שניידערין, און נייכין האָט געזען, אַז דאָס לעבן פון זיין פריינט איז

שוין אַריין אין אַ געוויינלעכער געמיטלעכער לעבנס־קאַליע. און די גוטע, באַקוועמע וווינונג איז געווען די ערשטע און הויפּט־סיבה דערפון. נייכין איז שטענדיק געווען ווייט פון מקנא זיין עמיצן מיט לעבנס־באַקוועמלעכקייטן. נאָר דאָ האָט ער געזען אַ מעגלעכקייט ס׳זאָל זיך שאַפן אַ גרויסער חילוק צווישן אים און בראַזערן, און ביים לעצטן זאָל זיך שאַפן אַ געפיל פון איבערגעוויכט, אַ געפיל, אַז ער שטייט שוין העכער פון נייכינען און די סיבה דערצו זאָל זיין די געבעסערטע לאַגע פון בראַזערן.

5

כאָטש נייכין האָט געהאַט פּרנסה פון זיין ביכער־האַנדל און האָט די אַרבעט ליב געהאַט, האָט ער דאָך געמוזט אָנהייבן טראַכטן וועגן אַן אַנדער באַשעפטיקונג, ווייל די צייט האָט זיך גערוקט פאָרויס און אויפן מאַרק האָט מען אַלץ מער געשטערט פּריוואַטן האַנדל. אַלע יאָרן איז נייכין געווינט געווען צו אַרבעטן און שטענדיק געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף הענדלער, דערפאַר ווען מ׳האָט אָנגעהויבן טרייבן די הענדלער זיי זאָלן גיין אַרבעטן, האָט ער ניט געוואָלט בלייבן צווישן די געטריבענע. האַנדל בכלל און אפילו דער ביכער־האַנדל איז פאַר אים געווען אַ דערנידערונג. ביז איצט האָט ער ניט געקענט פאַרגעסן דעם פאָרוואורף, וואָס ער האָט אַמאָל באַקומען פון אַ יידן אַ קרעמער: „ע, איר זענט דאָך גאָר קיין סוחר ניט”. „איך בין טאַקע ניט קיין סוחר” — האָט ער געענטפערט מיט אַ צופרידענעם שמייכל. דאָס איז געווען אַ מאָמענט פון אַ מערקווירדיקן ווידערשפּרוך: יענער האָט עס גערעכנט פאַר אַ חסרון, ווען נייכין האָט עס גערעכנט ביי זיך פאַר אַ מעלה. אויסער די מאָמענטן ווען ער האָט געהאַט פאַרגעניגן פון דער באַרירונג מיט ביכער, האָט ער די איבעריקע צייט געהאַט עגמת נפש פון דעם באַוווסטזיין, אַז ער האַנדלט.

די פריינטלעכקייט צו אים פונעם פּראָפעסאָר שופנער

האָט אים געבראַכט צום געדאַנק, אַז ער קען פּרוּוון אים בעטן ער זאָל אים העלפן זיך איינאָרדענען אויף אַרבעט. האָט זיך געשטעלט די פראַגע: צו וואָסערע אַרבעט טויג בייכין? דער פּראָפעסאָר קען אים איינאָרדנען אין אַ הייל־אַנשטאַלט. יאָ, ער איז גרייט דערצו, אַבי פּטערן פונעם האַנדל, וואָס איז געווען ביי אים אַ באַזונדערער עול אויפן קאָפּ.

— אפילו פאַר אַ סאַניטאַר? — האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— אפילו אַ סאַניטאַר.

פּראָפעסאָר שופּגער איז געווען אַ זעלטן גוטהאַרציקער מענטש און דאָס האָט ער אַרויסגעוויזן אין זיין מעדיציני־שער אַרבעט, ווו גוטהאַרציקייט איז אַזוי נויטיק ווי פּאַד־קענטעניש. נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער אָנגעקלונגען צו זיין באַקאַנטער דאָקטאָרין, וואָס איז געווען פאַרוואַלטערין פון דער גיכער הילף.

— אַנגעלינע איוואַנאָוונע, אפשר קענט איר איינאָרדע־נען ביי זיך אַ מענטשן אויף אַרבעט?

— אויף וועלכער אַרבעט? קיין דאָקטוירים דאַרף איך איצט ניט.

— ניין, עפּעס אַן אַנדער אַרבעט.

— נאָר אַ סאַניטאַר קען איך איצט אויפנעמען.

— גוט, וועל איך אים צושיקן.

באַלד האָט דער פּראָפעסאָר געשיקט בייכינען אין דער גיכער הילף.

אַנגעלינע איוואַנאָוונע קאוואַנע, אַן אַרמענערין, אַ פרוי אונטער די פופציק יאָר, מיט אַ געל אָפּגעצויגן פּנים מיט אַ קאָפּ שוואַרצע וועלקנדיקע האָר, נאַכלעסיק געקליידט און מיט אַן אייביקן פּאַפּיראָס אין מויל — אַנסימפּאַטיש פון אויבן ביז אַראָפּ — אַזאַ איינדרוק האָט זי געמאַכט אויף בייכינען. זי אים האָט אָנגעקוקט מיט קוים איינגעהאַלטענער פאַראַכטונג, וועלכע בייכין האָט שוין לאַנג אָפּגעמערקט ביי

אייניקע דיפלאָמירטע אינטעליגענטן, און ווייל ס׳איז פאַר אים ניט געווען קיין נייעס, האָט ער עס אויך איצט אויפגענומען מיט גלייכגילט.

נאָך אייניקע איינשרייבונגען און אַנדערע פאָרמאַליטעטן איז ער געוואָרן סאַניטאַר אין דער גיכער הילף. און נאָך אַ לאַנגע צייט נאָכדעם פלעגן אים מענטשן אָפּשטעלן, פרעגן אויף ביכער, פאַרלייגן קויפן, און ער האָט מיט פאַרגרינגערונג און צופרידנקייט געענטפערט, אַז ער האַנדלט ניט מער מיט ביכער.

די אַרבעט פונעם סאַניטאַר איז באַשטאַנען אין נאָכטראָגן דעם דאָקטאָר דאָס קעסטעלע מעדיקאַמענטן ווען ער ווערט גערופן צו אַ חולה, וואַשן די מאַשין, אין וועלכער מ׳פאָרט צו קראַנקע, העלפן אַרייַנטראָגן אַ חולה אין מאַשין און אַנדערע ענלעכע אַרבעטן.

נאָר די הויפּט־זאַך פאַר נייכינען איז געווען דאָס, וואָס ער האָט דאָ דערזען אַנדערע מענטשן, אַזעלכע האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען, און סיטואַציעס... סיטואַציעס, אויף וועלכע ער פלעגט אָפט עפענען גרויסע אויגן. איינע פון די וויכטיקסטע אַרבעטן אין דער גיכער הילף איז געוועןביים טעלעפאָן, וווּ שטענדיק האָט געמוזט זיצן אַ מענטש, סיי באַטאָג, סיי באַנאַכט, און אויפנעמען אַרויסרופן צו קראַנקע, צו אומדערוואַרטע אומגליקס־פאַלן. אַלע אַכט שעה האָט זיך געביטן דער טעלעפאָניסט. דאָס מאָל איז ביים טעלעפאָן געזעסן אַ גאַנץ שיינער יונגערמאַן פון מיטעלע יאָרן.

ס׳איז אַרייַנגעקומען די דאָקטאָרין קאָוואַנאַ און געזאָגט צו אים:

— מישאַ, בעט עמיצן זיצן ביים טעלעפאָן און קום אַריין אין שטוב וועלן מיר איבערבייטן. נאָר גיכער, ווייל די קאַווע וועט קאַלט ווערן.

און מיט אירע דערפאַרענע און פון רויך פאַרגעלטע פינגער, האָט זי צוריק אַרייַנגעשטעלט דעם פּאַפּיראָס אין מויל. איר ווירבונג איז טאַקע געווען אין דערבייאיקע צײ־

מערן באַ דער גיכער הילף. דער טעלעפאָניסט איז געווען מיכאיל דאווידאָוויטש ראָזענבלום, אין דער אמתן אַ צייך־טעכניקער. ער איז געווען דער מאַן פון דער הויפּט־דאָקטאָרין. די טעלעפאָן־אַרבעט איז געווען זיין אָפיציעלע פאַרע־גיסטרירטע אַרבעט, נאָר פרנסה האָט ער געהאַט פון דענ־טיסטיק. ער האָט געאַרבעט, געהאַט אַ קליענטעלע און שיין פאַרדינט.

מיכאַיל דאַווידאָוויטש איז אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב און שוין געטראָפן זיצן ביים טיש אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן. מ'האָט באַלד געזען, אַז זי איז די טאָכטער פון דער דאָקטאָרין, ניט זיינע, כאָטש זי האָט אים גערופן פאַפאַ און געווען מיט אים גאַנץ פאַמיליאַר. ביים פרישטיק האָט זיי באַדינט די שמייכלענדיקע בליענדיקע דינסט־מויד נינאַ. זי האָט מיט פאַרגעניגן געקוקט אויף מיכאיל דאַווידאָוויטשן און ער האָט איר געענטפערט מיט ליבלעכע צופרידענע בליקן. נינאַ איז געווען כאָטש אין אַרבעטס־קליידער, נאָר ריינע, איר קאָפּ זאָרגעוודיק און שיין פאַרקעמט, ווי עס טוט עס אַ פרוי, וואָס ווייסט, אַז דאָ קוקט עמיצער אויף איר און זי נעמט עס גוט אין אַכט. די דאָקטאָרין איז געווען אַביסל צע־שויבערט, אין אַ טונקל אָפּגענוצט קלייד, און באַ איר גאַנ־צער מעדיצינישער בילדונג האָט זיך געפילט, אַז זי היט ניט אָפּ די עלעמענטאַרסטע קערפּערלעכע היגיענע. זי האָט ווייזט אויס, לחלוטין ניט געטראַכט, אַז זי קען נאָך ציען עמיצנס אויפמערקזאַמקייט, און אַמווייניקסטן האָט אויף איר געקוקט איר מאַן מיכאַיל דאַווידאָוויטש.

ווען ער איז נאָכן פרישטיק געגאַנגען צום טעלעפאָן, האָט ער אַריינגעשריגן צו זיך אין עס־צימער:

— נינאַ, כ'האָב דאָרט פאַרגעסן די פאַפּיראָסן, ברענג מיר זיי, כ'בעט דיך.

נינאַ האָט מיט ליבליכער שמייכלענדיקער גרייטקייט אים צוגעטראָגן דאָס שאַכטל. ער האָט איר געדאַנקט מיט אַ שמייכל.

6

נייכין האָט אָנגעהויבן זיך צוגעוווינען צו זיין אַרבעט און זי אפילו ליב באַקומען. ווען ער איז מיטן דאָקטאר גע־פאָרן אויף אַן אַרויסרוף האָט ער זיך שטאַרק אויפמערקזאַם צוגעקוקט צום חולה, גיך און גערן אויסגעפּולט די באַפעלן פונעם דאָקטאר און אַז מ׳האָט געדאַרפט טראַנספּאָרטירן דעם חולה האָט ער מיט מיטגעפיל און צערטלעכקייט אים אַרומ-גענומען און געפירט צו דער מאַשין.

נאָר צווישן די דאָקטוירים אַליין איז געווען אַ גרויסער חילוק אין זייער באַציונג צו די חולים. דער דיקער מיטן קיילעכיקן בויך, מיט אַ ראָז פולבלוטיק פנים, דאָקטאר גאָד־לער, איז געווען שטאַרק אויפמערקזאַם, פלעגט זיך אַוועק־זעצן, גוט באַטראַכטן, ווייכהאַרציק גערעדט מיטן חולה און אַרויסגעוויזן גרייטקייט אים צו העלפן, דערפאַר האָבן איי־ניקע קראַנקע ביים אַרויסרופן, געבעטן מ׳זאָל זיי שיקן דעם דאָקטאר גאָדלער, ניט פאַרשטייענדיק, אַז אין דער גיכער הילף קאָן מען זיך קיין דאָקטאר ניט אויסקלויבן. אַנדערש האָט זיך באַצויגן צו קראַנקע די קליינוווקסיקע, די צאַרטע, די געפּוצטע, פון צופיל אָדעקאָלאָן שמעקנדיקע דאָקטאָרין ליטינסקאַיאַ. זי האָט גערעדט מיטן קראַנקן מיט אַ שטימע פון אַ פרעמדער, שטרענגער פריצע, און איר באַציונג איז געווען אַן אָפיציעלע, אייז־קאַלטע. דעם טעלעפאָניסט פלעגט זי שטענדיק ראַטן ער זאָל ניט אָננעמען דעם אַרוסרוף, ער זאָל הייסן דעם חולה זיך ווענדן אין פאָליקליניק. ווען זי האָט דיזשורירט אין דער גיכער הילף האָט זי ליב געהאַט זיצן און „באַלאַקען״, און אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט, ווען אַ קראַנקער באַאומרויִקט זי און זי מוז פאָרן. אייניקע מאָל האָט זי זיך דענערווירט וואָס מ׳רופט זי אַרויס און זיך אַרויסגעזאָגט גאַנץ אָפן:

— דאָקטאָר ליטינסקאַיאַ, איר מוזט פאָרן, ס׳איז אייער רייע — האָט געזאָגט די טעלעפאָניסטין.

— וואָס איז דאָרט? — האָט זי געפרעגט מיט אַ הויך, אומצופרידן קול.

— איינע האָט זיך צעבראָכן אַ פוס.

— אוי, פאַרוואָס האָט זי ניט צעבראָכן ביידע! — האָט זי אויסגעשריגן.

נייכין האָט זיך צוגעקוקט און צוגעקוקט צו אַזעלכע דאָקטוירים און זיך געוואונדערט, וואָס אַזעלכע לעבן אויף דער וועלט.

דערפאַר איז די ליטינסקאַיאַ געווען זייער צופרידן, ווען קיין קראַנקע האָבן ניט אַרויסגערופן און זי איז געזעסן מיט נאָך פרויען־דאָקטוירים און געפירט געמיטלעכע געשפּרעכן וועגן קליידער־מאָדעס און ענלעכע זאַכן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר פרויען בכלל. אָפּטמאָל איז זייער טעמע געווען ווי אַזוי מ׳מאַכט דעם אָדער יענעם טאָרט, אַרומגערעדט רעצעפּטן... פון טאָרטן, זעלטן — אַ מעדיצינישע טעמע. אַ מעדיצינישער זשורנאַל אין זייערע הענט איז אויך געווען אַ זעלטנהייט. דאָקטאָר גאַדלער האָט שטענדיק, אינאיינעם מיט אַ היבש פעקל עסנוואַרג, געהאַט אין זיין טעקע אויך אַ מעדיצינישן זשורנאַל און געלייענט אין פרייער צייט, נאָר שטענדיק גערן געפאָרן צו אַ חולה.

אַמליבסטן איז נייכינען געווען צו פאָרן מיטן דאָקטאָר גאַדלער, ווייל ער האָט זיך אויפגעפירט איינפאַך און געווען צוטריטלעך פאַרן סאַניטאַר, מיט וועלכן ער האָט גערעדט פריינטלעך. פון גאַדלערס ביאָגראַפיע האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ קאַמאַשן־מאַכער, און אין די יאָרן ווען בילדונג איז געוואָרן צוטריטלעך פאַר אַרבעטער איז ער אַריין אין אינסטיטוט. ער האָט אָפט גערעדט יידיש מיט נייכינען און דאָס איז אים פאַר אים געווען דער ערשטער באַווייז פון פריינטלעכקייט, פון מענטשלעכקייט, ווען די ליטינסקאַיאַ האָט קיינמאָל ניט באַוויליקט צו רעדן אַ יידיש וואָרט, הגם האָט זי אַליין געשטאַמט פון אַ משפּחה פון אַ שוסטער, דערפאַר, ווייזט אויס, האָט זי זיך אַזוי

איבערגענומען מיט איר דאָקטאָריי. זי האָט זיך שטענדיק באַמיט ניט צו אַנטפּלעקן אפילו אַ שפּור פון איר אָפּשטאַם און קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט צו מעלדן, אַז זי איז אַ דאָק־טאָר, און גיבן צו פאַרשטיין אַ מענטשן מיט קלענערער ביל־דונג, אַז ער מוז געדענקען וועגן דעם... זינט נייכין איז גע־וואָרן סאַניטאַר האָט ער געזוכט בייזיין אַ מעדיצינישע לעק־ציע, אַ געשפּרעך וועגן מעדיצין און באַ אַ געלעגנהייט, גע־לייענט אַ מעדיצינישן זשורנאַל. דערפאַר האָט ער אָנגע־הויבן פאַרשטיין, אַז אַ מענטש, איבערהויפּט אין די עלטערע יאָרן, דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיטן עסן און ניט געקענט מוחל זיין דעם דאָקטאָר גאָדלער, וואָס ער עסט צופיל. אויף זיין דיזשורסטווע האָט ער מיטגענומען אַ פּאַק מיט עסן. נייכין האָט געשטוינט, צוזעענדיק ווי גאָדלער עסט אויף אַ פושקע קאָנסערוון, פיל גרינוואַרג, אַ סלויקל פלייש און דערנאָך פאַרביסן מיט געבעקס. אַמאָל האָט ער געהערט ווי גאָדלער האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר דער סעקרעטאַרקע, אַז ס׳איז אים שווער צו אָטעמען, שווער צו גיין אויף די פיס. נייכין האָט געמאַכט באַ זיך דעם אויספיר, אַז דאָס צופיל עסן פון גאָד־לערן איז אויך אַ סיבה צו פאַרשווערן דאָס אָטעמען. און ווייל ער האָט אַזוי סימפּאַטיזירט דעם דאָקטאָר האָט ער אים ניט געקענט מוחל זיין דאָס צופיל עסן. אייניקע מאָל האָט ער געטראַכט זיך ווענדן צו אים,אים וואָרענען, אַז ער טאָר אַזויפיל ניט עסן, נאָר זיך אָפּגעהאַלטן באַם געדאַנק: ווי וואַגט אַ סאַניטאַר גיבן מעדיצינישע עצות אַ דאָקטאָר. ער האָט עס ניט געטון, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַריין אין אַ לעכערלעכער לאַגע. אַזוי האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דער ווייטיקלעכער איבערצייגונג, אַז דאָקטאָר גאָדלער פאַר־קירצט זיך די יאָרן.

אַלס שטעלפאַרטרעטערין פונעם הויפּט־דאָקטאָר האָט זיך די לעצטע צייט באַוויזן אין דער גיכער הילף אַ הויכ־וווקסיקע, אַ היבשלייביקע פרוי, ניט קיין שיינע, נאָר וואָס ס׳האָט איר געפעלט צו שיינקייט האָט זי זיך באַמיט מיט

אַלע כוחות צו קאָמפּענסירן מיט איר געקינצלט גראַציעזער באַנעמונג און גאַנג, וועלכע איז געווען ענלעך צו אַ גאַנג פון אַן אַנגעבלאָזענער אינדיטשקע. באַ איר האָט מען שוין פון יעדער בליק און פון יעדער טראָט געמוזט פאַרשטיין, אַז זי איז ניט קיין פשוטע דאָקטאָרין, נאָר די שטעלפאַר־טרעטערין פונעם הויפּט־דאָקטאָר. און איינמאָל האָט נייכין צוגעזען ווי אָט די דאָקטאָרין מיראַנאָוואַ איז געזעסן אויף איר דיזשורסטווע און געפוצט די נעגל. אין דער צייט איז אַריינגעקומען אַן אַרבעטער מיט אַ צעבלוטיקטן פינגער און געבעטן מ׳זאָל אים איבערבונדן. די מיראַנאָוואַ האָט קוים אויף אים אַ קוק געטון און געזאָגט:

— גייט אין פּאָליקליניק.

— דאָקטאָר, ס׳גייט דאָך בלוט, לאָז מען פאַרבונדן וועל איך גיין אין פּאָליקליניק.

— ניין, גייט אין פּאָליקליניק.

און זי האָט ניט איבערגעריסן פוצן אירע נעגל, זיי נאָכ־אַמאָל באַטראַכט און נאָכאַמאָל צוגעפוצט. דער אַרבעטער האָט געמוזט אַוועקגיין. נייכין האָט דערביי געטראַכט: אָך, וויפל פעלט נאָך אייניקע אינטעליגענטן צו מענטשלעכקייט... ס׳איז ווייניק צו זיין אַ דאָקטאָר, מ׳דאַרף נאָך זיין אַ מענטש אויכעט.

גאָר פריילעך איז געווען אין דער גיכער הילף, ווען ס׳האָט דיזשורירט דער אַנעקדאָטן־דערציילער און חכמה־זאָגער דאָקטאָר שאַמראַן. אלע מאָל האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער אין דער גרופּע דאָקטוירים, וווּ אין דער מיט איז געשטאַנען שאַמראַן. און אָט האָט מען אים אַרויסגערופן צו אַ חולה. אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום קומט ער צוריק.

— אַך, האָב איך געהאַט אַן אַרויסרוף! אַך! אַ מיידעלע!

— נו, דערציילט — זענען די דאָקטאָרינס געוואָרן אומ־געדולדיק.

— כ׳קום אַריין, באַגעגנט מיך אַ מאַמע — האָט שאַמראַן

אָנגעהויבן מיט האַנט־באַוועגונגען און אוואיעס. — אַך, איר טאָכטער... זי ווייסט ניט וואָס איר איז... איך באַטראַכט זי... כ׳האָב אייגנטלעך גאָרניט געפונען. כ׳פאַרשרייב איר עפּעס צו באַרויִקן און לאָז מיך אַוועקגיין. הייבט אָן די מאַמע: דאָקטאָר, באַטראַכט זי נאָכאַמאָל, כ׳בעט אייך. איך טו איר די טובה... נאָר איר זאָלט געווען אָנקוקן אַ מיידעלע... און אַ בייכעלע... שאמראַן האָט אַ שמאָטשקע געטון זיינע פינגער און די דאָקטאָרינס זענען זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער.

7

די דאָקטאָרין קריווינא איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש אין דער גיכער הילף. אַ פרוי באַ די זעכציק יאָר, מיט אַ שווערוואָגיקן גרויסן קערפּער, מיט גראָבע געזיכטס־שטריכן אויפן געקנייטשטן פּנים, איז זי געווען די כלל־טוערין און פאָרזיצערין פונעם קאָמיטעט פון דער גיכער הילף. און כאָטש באַ איר אין הויזגעזונט איז ניט געווען אין גאַנצן כשר און איר מאַן איז געווען פאַרמישפּט אויף זיבן יאָר פאַר אַראָפּפירן פונעם דרך הישר דאָס מיידל, וואָס זיין פרוי, די דאָקטאָרין קריווינא, האָט גענומען צו זיך אויף דערציִונג און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זי גע־מאַכט פאַר אַ גאַסן־מיידל, דאָך איז די דאָקטאָרין קריווינא געשטאַנען אויף דער וואַך פון שטרענגער מאָראַל און זי האָט די ערשטע באַמערקט, אַז ביי דער דינסט־מויד נינא האָבן זיך אויף איר בליענדיקן פּנים באַוויזן, צוערשט קוים באַ־מערקבאַרע און שפּעטער דייטלעכע געלע פלעקן, און צו־קוקנדיק זיך צו איר האָט זי אויך באַמערקט, אַז דער בויך איז ביי איר אויסגעוואַקסן. און ווען דאָס האָבן באַמערקט אויך אַנדערע מיטאַרבעטער, איז דאָס געוואָרן דער סוד פון דער גאַנצער גיכער הילף, און די טעמע פאַר שושקען זיך פאַר אַלע דאָקטאָרשעס. פאַרשטענדלעך איז געווען פאַר יעדן, אַז דער שולדיקער אין נינעס וואַקסנדיקן בויך איז דער טעלעפאָניסט מיכאַיל דאַווידאָוויטש, דער שיינער מאַן

פון דער הויפּט־דאָקטאָרין קאַוואַנע. און אַלע האָבן אים איינשטימיק באַזאָרגט מיט באַרעכטיקונג.

נאָך אַן אינטימען דורכשמועס צווישן דער קריווינאַ מיט דער קאַוואַנע, — צווישן זיי ביידע האָט געהערשט די בעסטע פריינטשאַפט, — איז די דינסט־מויד נינע אָפּגע־שיקט געוואָרן אין איר דאָרף, פון וואַנען זי איז צוריק מיט אַ יאָר געבראַכט געוואָרן אין שטאָט.

נאָר אויך נאָך דעם האָט זיך מיכאַיל דאַווידאָוויטש ניט געלאַנגווייליקט, ווייל ער האָט תמיד ליב געהאַט מאַכן אַ קערטל און דערביי אַ פּרעס און אַ טרונק, און צו דעם האָט ער שטענדיק געהאַט אַ געטרייע פּאַרטנערין, די דאָק־טאָרין קאַוואַנע... טאָקע אין דערבייִיקן צימער ביי דער גיכער הילף פלעגן זיך צונויפקומען זיינע און אירע חברים און חברטעס און ביי די קאָרטן־שפּילן האָט מען זיך אייניקע מאָל פיין אָנגעטרונקען, און די ביינאַכטיקע דעזשורנעס האָבן ניט איינמאָל געזען די הויפּט-דאָקטאָרין אַריינקומען צעשויבערט, אין אַן אומגעלומפּערטן הולד, זיך שלעכט האַלטנדיק אויף די פיס, מיטן פּאַפּיראָס אין מויל.

דער שלום־בית איז ביי איר מיט מיכאַיל דאַווידאָוויטשן ניט געשטערט געוואָרן און דאָס האָט זיך גיך אַרויסגעוויזן אין אַ גאַנץ ממשותדיקער זאַך. ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז זיי קויפן אַ לייכטע אויטאָמאַשין. דערצו איז אַביסל פריער געלאָזט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז זיי האָבן געווינען געלט אויף אָבליגאַציעס. געדאַרפט האָט מען נאָר דעם קלאַנג, ווייל געלט האָט מיכאַיל דאַווידאָוויטש געהאַט פון זיין שטענ־דיקער דענטיסטישער אַרבעט. געאַרבעט האָט ער די גאַנצע צייט, ווען ער איז ניט געווען ביים טעלעפאָן. מיט דער ניי־געקויפטער מאַשין האָט ער שוין איצט געקאָנט אַרומפאָרן אויך אין ראַיאָן אָנצונעמען ציין־באַשטעלונגען. די מאַשין האָט געדינט אַלס מיטל זיך אָפּטער צו זען מיט דער אָפּ־געשיקטער נינא. די מאַשין האָט אָבער אינגיכן געבראַכט

צו אַ געשעעניש, וואָס האָט אפילו די צו אַלעמען געוווינטע משפחה, דערפירט צו אַ גרויסן סקאַנדאַל.

פון איצט איז ביי מיכאַיל דאַווידאָוויטשן געוואָרן איינגעפירט, אַז ער איז אַלע מאָל געפאָרן אין ראַיאָן אָננעמען אַרבעט. אַזוי איז ער געפאָרן אויף אַ טאָג, אויף צוויי, אַראָפּגענומען מאָדעלן אויף ציין, געבראַכט זיי אַהיים און אויסגעפולט די אַרבעט. נאָר איינמאָל איז ער אַוועקגעפאָרן און ס׳איז אַוועק אַ גאַנצע וואָך, און די קאַוואַנע האָט אָנגעהויבן פאַרלירן דאָס געדולד. ביים אָנהויב פון דער צווייטער וואָך האָט זי שוין געזאָגט צו איר אינטימסטער חברטע קריווינאַ:

— ווי געפעלט דיר, ווי מיין מישע איז פאַרפאַלן געוואָרן?

— דו מוזט עפעס פרווון זיך דערוויסן, דאָס מוז זיין ניט פשוט — האָט יענע געענטפערט.

נאָך די קאַוואַנאַ האָט שוין פריער אָנגעהויבן זוכן איר מישען, געלאָפן אַ פּאָר מאָל אין דער טעלעפאָן-סטאַנציע, זיך אָנגעפרעגט אין איין ראַיאָן-צענטער, אין אַ צווייטן, און שוין געהאַט אייניקע ידיעות, ווו זי דאַרף אים זוכן. און אין דער מיט פון דער צווייטער וואָך זינט ער איז אַוועקגעפאָרן, איז זי שוין אין אַ געדונגענער טאַקסי אַוועק אין ראַיאָן.

קיינער איז ניט געווען דערביי און ניט געזען ווו און ווי אַזוי זי האָט אים אָפּגעזוכט, נאָר אין דער גיכער הילף האָט מען שוין גערעדט צווישן זיך, אַז מיכאיל דאַווידאָוויטש האָט זיך זיכער פאַרטשעפעט מיט אַ נייער מויד און דערפאַר האָט ער זיך פאַרהאַלטן אַ לענגערע צייט. מ׳האָט אפילו אינגיכן געוווסט צו דערציילן, אַז דאָס מאָל איז די ריוואַלין פון דער קאַוואַנע געווען שוין ניט די דאָרפס-מויד נינע, פון וועלכער זי האָט געקענט זיך מאַכן ניט ווויסנדיק, נאָר אַ שיינע יידישע דאָקטאָרין, און דאָס איז שוין ניט געווען קיין קליינקייט, און די קאַוואַנע האָט געמוזט אויס־

נוצן אַלץ, וואָס איז געווען אין אירע הענט, כּדי אים צוריקברענגען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זי אים געבראַכט טאַקע אין זיין אייגענער מאַשין. זייער לעבן איז אַוועק ווי ביז איצט. מ׳האָט ווייטער געשפּילט אין קאָרטן און געכאַפּט אַ טרונק, נאָר די דאָקטאָרינס פון דער גיכער הילף האָבן געהאַט צו קאָמענטירן צווישן זיך אַ מעשה, וועלכע איז צו זיי אָנגעקומען דורך דער קריווינאַ. קיין חולים האָט די קאַוואַנאַ קיינמאָל ניט געהיילט און ס׳איז אפילו געווען צו באַוווּנדערן ווי זי איז קיינמאָל צו אַ קראַנקן ניט צוגעגאַנגען. ווען אַ קראַנקער האָט אַמאָל געטראָפן אין דער גיכער הילף און קיין דאָקטאָר איז ניט געווען, איז די הויפּט-דאָקטאָרין קאַוואַנא צום קראַנקן ניט צוגעגאַנגען. דער קראַנקער האָט געמוזט וואַרטן ביז ס׳איז אָנגעקומען עמיצער פון די דאָקטוירים. אַלע האָבן געוווּסט, אַז זי גייט ניט צו צו אַ קראַנקן. נאָר אַדמיניסטראַטאָרישע און אָנפירערישע פעיִקייטן האָט זי, ווייזט אויס, שוין לאַנג אַרויסגעוויזן, און אין מלחמה־צייט איז זי געווען אַ הויפּט־דאָקטאָרין אין אַ קריגס־שפּיטאָל און פון דאָרטן האָט זיך געצויגן איר באַקאַנטשאַפט מיט מיכאַיל דאַווידאָוויטשן. אין דער גיכער הילף האָט מען געוווּסט צו דערציילן, אַז זי האָט אים דאָרט אויפגעהאַלטן אַ גאַנץ היבשע צייט און דערפון האָט זיך גענומען איר מאַכט איבער אים. זי האָט אים אָפּגעהאַלטן פון גיין אויפן פראָנט און דערמיט אפשר געראַטעוועט זיין לעבן. דאָס איז געווען דער זיכערער קאַנטשיק, וואָס זי האָט איבער אים שטענדיק געהאַלטן און אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט ער זאָל זיך פון איר ווען עס איז באַפרייען. דערמיט האָט זיך דערקלערט דאָס רעטעניש, וואָס זייער צוזאַמענלעבן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַלע, וואָס האָבן זיי געקענט, וואָס אַזאַ שיינער און לעבנסלוסטיקער יונגערמאַן איז יאָרנלאַנג געווען פאַרבונדן מיט אַזאַ מיאוסער און אומגעלומפּערטער פרוי ווי די דאָקטאָרין קאַוואַנא. און ביי יעדן פרווו זיינעם

זיך פון איר צו באַפרייען האָט זי שטענדיק געהאַט מיט וואָס אים אָנצושרעקן און צוריקשטעלן אין דער פּאָזיציע, וואָס האָט איר געלוינט. זי האָט אים ווי אַ שלעפּ געטוןביים אַרבל און געזאָגט: גערענק ווער דו ביסט... און ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי גערעדט וועגן איר מאַן:

— איך וועל קומען מיט מיין מאַן — פּלעגט זי זאָגן צו באַקאַנטע.

און אין דער גיכער הילף האָט זי זיך געווענדעט צו אים ווען ער איז געזעסן ביים טעלעפאָן:

— מישענקא, מיר גייען עסן מיטאָג.

8

אין דער עוואַקואַציע האָבן מענטשן געהונגערט, גע־גאַנגען אין צעריסענע קליידער, מענטשן, וועלכע האָבן שיין געלעבט ביז דער מלחמה, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. אייניקע פרויען און מיידלעך זענען אפילו געגאַנגען באַר־וועס אויף דער גאַס. אין אייניקע פאַלן האָט זיך עס דער־קלערט דערמיט, וואָס פיל פון זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען צו גיין אַרבעטן, דאָס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געוווינהייט צו אַרבעטן. אַזעלכע האָבן דער־קלערט: אַרבעטן — דאָס ניט. איינמאָל האָט נייכין גע־הערט ווי מ'האָט אַ יידן געזאָגט, אַז מ'דאַרף געבן דעם קריזש, האָט יענער לאַנגזאַם, מיט גרויסער ווירדע אַ דריי געטון דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס און געזאָגט:

— דעם קריזש האָב איך אויף מיין לעבן ניט געגעבן.

דאָס זענען געווען די, וואָס זענען ניט געווען צוגע־גרייט צו אַזאַ אומגערעכטן לעבנס-קאַמף, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די עוואַקואַציע. שפּעטער האָט זיך נייכין איבערצייגט, אַז מערסטנטייל זענען אַזעלכע דאָרט אויסגעשטאָרבן.

כאָטש נייכין האָט פון אָנהויב אָן געאַרבעט איז ער דאָך געקומען פון עוואַקואַציע אין שלעכטע צעריסענע

קליידער, און ס'איז נאָך אַוועק אַ לאַנגע צייט ביז ער האָט באַקומען די מעגלעכקייט זיך בעסער אַביסל אָנטון. די רויִנירטע וווינונג, וווּ ער האָט זיך באַזעצט האָט אים אויך ווייניק געערגערט די ערשטע צייט, ווייל זי איז ניט געווען ערגער פון דער, אין וועלכער ער האָט געוווינט אין עוואַקואַציע. און בעסער איז זי געווען דערמיט, וואָס ער האָט דאָ געוווינט נאָר מיט זיין משפחה, ווען דאָרט איז אָפט אויסגעקומען צו שלאָפן צו צען און צוואַנציק מענטשן אין אַ צימער.

זיין פרוי איז געקומען צופאָרן, די וווינונג האָט ער צו־ביסלעך רעמאָנטירט און זיין טאָג־טעגלעך לעבן האָט אָנגענומען אַ נאָרמאַלן גאַנג. ער האָט אָנגעהויבן זוכן לעבנס־באַקוועמלעכקייטן, זיך מאַכן באַקוועמער, כאָטש יעדער מאָל ווען ער האָט זיך דערויף געכאַפּט, האָט ער געטראַכט, אַז ער דאַרף זיך צוימען — דערמאָנט זיך אין דעם הינטישן לעבן אין דער עוואַקואַציע. און ווען ער האָט געגעסן — דאָס איז שוין ביי אים פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן — האָט ער אָפּגעהיט די ברויט־ברעקלעך, ניט געלאָזט אַראָפּפאַלן קיין איינס, ווי אין דער עוואַקואַציע. דאָך האָט זיין געמיט זיך צוביסלעך באַפרייט, ער האָט אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן וואָס אַרום אים טוט זיך, אָנגעהויבן ווידער לייענען ווי צוריק מיט יאָרן. ביים ביכער־האַנדל איז ער געווען מער פאַרנומען. דאָ האָט מען אים גערופן קויפן ביכער, גע־דאַרפט גיין צו אַ קונה, איצט, אַלס סאַניטאַר אין דער גיכער הילף, איז ער געווען פאַרנומען נאָר אין דער אַרבעטס־צייט, און ווייל ברויט האָט ער שוין געהאַט גענוג, איז זיין קאָפּ פריי געוואָרן צו פאַרברייטערן זיין דענקונגס־האָריזאָנט. ס'האָט ביי אים אויפגעוואַכט דער אַמאָליקער נייגיר צו מענטשן. ס'האָבן זיך פאַרגרעסערט די מעגלעכקייטן צו מאַכן באַקאַנטשאַפטן, פאַרפירן מיט מענטשן געשפּרעכן, וואָס האָבן שוין גאָרניט געהאַט צו טון מיט מאַטעריעלע טאָג־דאגות.

אַזוי האָט ער אויפֿן צענטראַלן שטאָט-פּלאַץ פֿאַרפֿירט אַ געשפּרעך מיט יאַקען — אַ יונגערמאַן אַריבער די פֿער־ציק, פֿון הענכערן ווּקס, שלאַנק, מיט אַ פּנים, מיט אויגן, ווען מ׳האָט געקוקט אויף אים האָט מען געזען, אַז ער איז שוין גרייט זיך צעשמייכלען. ער איז געווען כמעט אָרעם געקליידט, נאָר מ׳האָט געזען אין אים, אַז זיין געמיינע קליידונג קען אין קיין פֿאַל ניט זיין קיין סיבה פֿאַר שלעכ־טער שטימונג. ער איז תּמיד געווען גרייט צו פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך אויף דער סאַמע אַבסטראַקטער טעמע.

נייכין האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטון אויף אים און געזאָגט:

— דאַכט זיך כ׳האָב אַמאָל געקויפֿט ביי אייך פֿלייש, איר זענט געווען אַ קצב?

— היינט בין איך ניט מער קיין קצב, היינט בין איך אַ וועבער און אַרבעט אין אַ פֿאַבריק — האָט יאַקע ווי אָפּגעהאַקט.

— אָבער דאָך זענען מיר באַקאַנט — נייכין האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— אוודאי זענען מיר באַקאַנט — יאַקע האָט שוין גע־שמייכלט.

און נאָך אַ פּאַוזע פֿאַרגעזעצט:

— גראדע שטיי איך דאָ און באַטראַכט אונדזער שטאָט און זוך טאַקע אַ מענטשן איך זאָל אַרויסזאָגן וואָס איך טראַכט. איר ווייסט דען וויפֿל דאָ זענען געווען יידן און וואָסאַרע רייכטימער זענען ביי זיי געווען, אָבער מ׳דאַרף דאָך עפּעס לערנען פֿון דער צייט, פֿון דעם, וואָס ס׳קומט פֿאַר פֿאַר אונדזערע אויגן. אָט דאָס געליבטע און גערימטע צוואַנציקסטע יאָרהונדערט האָט אונדז שוין איבערצייגט, אַז רייכטום איז אַ כימערע, אַ פֿאַרבלענדעניש. דער ייד האָט זיך געיאָגט כאַפּן, כאַפּן וואָס מער, אָבער ווי נאַריש דאָס איז געווען — יאַקע האָט מיט ביטול צעפּירט מיט די הענט און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל

פון אומענדלעכער באַדויערונג — וואָסאַראַ אומזין... דאָס זעען מיר ערשט איצט. און ס'איז גוט, וואָס די צייט האָט אונדז עפּעס אויסגעלערנט, כאָטש מיר האָבן דערפאַר טייער באַצאָלט.

יאקע האָט ענערגיש אויסגעשטרעקט זיין ווייז-פינגער.

נייכין האָט זיך מחיה געווען: — ער דענקט דאָך פּונקט ווי איך — האָט ער אַ טראַכט געטון — און ער האָט ליב צו האַלטן מאָנאָלאָגן — איז אויך דורכגעלאָפן אין געדאַנק ביי נייכינען.

יאקע האָט פאַרגעזעצט:

— און ווען מ'זאָגט איינעם אַזעלכן: פאַרקויף אַלעס און פאָר פון דאנען אַוועק, און העלף דערצו נאָך עטלעכע יידן, וואָלט ער דיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם... און וואָס איז פון דעם אַלעמען געוואָרן? אַלצדינג האָט מען צעראַבעוועט און אַליין זענען זיי ערשט אומגעקומען. אי, דאָס אָרעמע פאַרפאַלגטע יידישע פאָלק! — האָט ער נאָכאַמאָל אויסגעצויגן מיט אַ באַדויערנדיקן שמייכל.

נייכין האָט פאַרצייכנט ביי אים אַביסל סענטימענטאַליטעט. נאָר דאָך איז ער אים געפעלן. ער האָט אים ווייניק געקענט, און וועגן אַזעלכע זאַכן איז אים ניט אויסגעקומען מיט אים צו רעדן. ער האָט דאָ אַנטדעקט אַ מענטשן, וואָס רעדט מיט האַרץ וועגן פאָלקס-פּראָבלעמען. נאָר נייכינען האָט אַנטציקט דאָס, וואָס אַן איינפאַכער אַרבעטער, אין אַן אָפּגעריבענעם לייכטן מאַנטל מיט אַ פלאַך היטל — אַ לערמעשקע אויפן קאָפּ, טראַכט און איז באַזאָרגט וועגן גורל פונעם פאָלק.

— נו, מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען — האָט אים יאקע אויסגעשטרעקט די האַנט — איך מוז גיין, איך האָב צו טון. אויף ווידערזען..

זיי האָבן זיך צעשיידט און באַלד נאָכדעם האָט נייכין באַגעגנט בראַזערן.

— אַ, וואָס הערט זיך, וואָס טוט איר? זיי האָבן זיך פֿריינטלעך באַגריסט.

— איך האָב דאָ ערשט גערעדט מיט אַ מענטשן. אינ־טערעסאַנט וואָס יידן טראַכטן און נאָכמער וואָס פּראָסטע מענטשן טראַכטן וועגן גורל פֿון פֿאָלק. איינער יאקע, איר קענט אים אפשר?

— אַ, אָט דער משוגענער?

— אַ משוגענער? — האָט זיך נייכין פֿאַרוואונדערט.

— וואָס דען איז ער? ער קען אייך אָפּהאַלטן אַ שעה און דערציילן אַ באַרג מיט מעשיות. וואָס טוט איר בעסער, וואָס קומט איר ניט אַריין אַמאָל? איר אַרבעט?

— יאָ.

— קומט אַמאָל אַריין צו מיר. — איצט אייל איך מיך — און בראזער האָט זיך אָפּגעזעגנט.

אויפֿן וועג גייענדיק האָט נייכין געטראַכט: אַ משו־גענער גאָר? מיט וואָסאַראַ לייכטקייט מענטשן גיבן אַרויס אַן אורטייל. און בראַזער איז גראָד פֿון די, וואָס ביי זיי איז לייכט פֿאַראורטיילן אַ מענטשן. דאָס זענען פֿון די, וואָס גיבן זיך ניט אָפּ קיין חשבון וועגן אַרום. אָט אַזוי רופֿט מען אַן משוגע אַ גאַנץ קלאָרן, נאָרמאַלן מענטשן.

9

נייכין געדענקט פֿון זיין קינדהייט ווי אין די ימים נוראים, ראש השנה און יום כפור, האָט ביי זיי אין הויז געהערשט אַן ערנסטע שטימונג. אויף דעם טאָטן מיט דער מאַמען האָט זיך אָנגערוקט עפּעס אַ מרהשחורה, קיין לאַך, קיין שמייכל האָט מען ניט געזען אויף זייערע פּנימער, און וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ מער האָט ער דאָס באַ־נומען, אַלץ אַ שטאַרקערן איינדרוק האָט דאָס אויף אים געמאַכט. און די באָבע פֿלעגט זאָגן, אַז אין די ימים נוראים ציטערן די פֿיש אין וואַסער, און פֿון דער באָבעס רייד איז אים אויך דורך אַ ציטער דורכן לייב. ווען ער איז אונטער־

געוואַקסן איז ער אין שול ניט געגאַנגען און עס אפילו חוצפהדיק דעמאָנסטרירט. אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ער איז געוואָרן אַ יונגערמאַן, איז אין זיין געדאַנקען־גאַנג פאָרגעקומען עפּעס אַן ענדערונג און ער פלעגט ספּעציעל אַריינקומען צום טאַטן אין שול, אויסשליסלעך מיט דער כוונה אים וויזן, אַז ער דערווייטערט זיך ניט פון זיין שטאַם. דעמלט האָט ער אויך אָנגעהויבן פאַסטן יום כפור, און ווען די מאַמע האָט אים מוצאי יום כפור אויפדערנאַכט מכבד געווען מיט געבעקס און איינגעמאַכטס האָט זי ניט דרייסט אַרויסגעזאָגט איר צווייפל:

— האָסט מסתמא ניט געפאַסט?

— איך האָב געפאַסט — האָט ער געזאָגט.

— טאַקע? — אויף איר פּנים האָט אויפגעשיינט פרייד. — אַז ער האָט אַזוי געזאָגט האָט זי געוווסט, אַז ער זאָגט אמת. אין דער עוואַקואַציע האָט ער געטרוימט זוכה זיין נאָך אָפּריכטן אַ פּסחדיקן סדר צוזאַמען מיט דער מאַמען, דער טאַטע האָט שוין ניט געלעבט. נאָר ער האָט דער מאַמען אויך ניט געטראָפן און אפילו ניט געהאַט קיין ידיעה ווו זי איז אַהינגעקומען. נאָר דאָס איז שוין פאַר־בליבן אויף שטענדיק: ראש השנה און יום־כפור איז ער געגאַנגען אין שול און געפאַסט.

נאָך יום טוב האָט ער דעזשורעט אין דער גיכער הילף. דאָקטאָר גאָדלער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש פון דער סעקרעטאַרקע. זי איז געווען אַ פרוי מיט היכער בילדונג, און דער דאָקטאָר פלעגט גערן פירן מיט איר געשפּרעכן און דאָס האָט אָפט אַרויסגערופן אייפערזוכט ביי דער דאַרער ניט סימפּאַטישער און ניט געבילדעטער בוכהאַלטערקע, וועלכע קיינער פון די דאָקטוירים האָט ניט סימפּאַטיזירט און מיט איר כמעט ניט גערעדט. דער־פאַר פלעגט זי זיך באַנוצן מיט דער ערשטער געלעגנהייט אָנצופאַלן אויף דער סעקרעטאַרקע און זי אפילו באַליי־דיקן, און כאָטש די לעצטע האָט געליטן פון די באַליידי־

קונגען האָט זי גערן און ליבלעך גערעדט מיט גאדלערן, ווייל זיין פריינטלעכקייט האָט איר קאָמפּענסירט פאַר דער בוכהאַלטערקעס אָנפאַלן.

נייכין האָט געמערקט ווי די סעקרעטאַרקע און גאַד־לער זענען גוט געשטימט און, קענטיק, צופרידן. ער האָט געהערט ווי די סעקרעטאַרקע האָט געזאָגט:

— דאָקטאָר, איר זאָלט געווען זען וואָס ס'האָט זיך געטון יום טוב ביי דער שול, איך בין דאָרט צופעליק דורכגעגאַנגען, ס'איז אוממעגלעך געווען דורכצוגיין, פאַר־פלייצט געווען מיט יידן...

— איך וואָלט אויך גערן געגאַנגען, נאָר איך האָב מורא — האָט גאדלער געענטפערט מיט באַדויערונג — ס'קען עמעצער אָנווייזן, אַז איך גיי אין שול, וועל איך האָבן אַ געשעפט, די קריווינא זוכט אַזעלכע געשעפטן...

— יאָ, אָבער דאָס ווייסט איר, אַז די דאָקטוירים מאלנער און טשערקינא אַרבעטן קיינמאָל נישט יום כפור. תמיד דרייען זיי אויס, אַז יום כפור זאָלן זיי ניט אַרבעטן.

— איך האָב אויך פיינט צו אַרבעטן יום כפור, נאָר איך אַרבעט, וואָס זאָל איך טון...

נייכינען האָט איבערפולט פרייד ווען ער האָט דער־הערט די רייד פון גאדלערן, אַז ער וואָלט געגאַנגען אין שול. נאָר קיין שפור פון רעליגיעזן געפיל האָט ער אַליין ניט געהאַט און פאַרשטאַנען, אַז אויך ביים דאָקטאָר איז עס נישטאָ.

— ניין — האָט ער געטראַכט — דאָס איז איבערגע־געבנקייט צום פיל געליטענעם יידישן פאָלק. אָט די באַ־ציונג צו יידישקייט פון דאָקטאָר גאדלער האָט אים צוגע־געבן נאָכמער חן אין די אויגן פון נייכינען.

די צייט האָט זיך גערוקט פאָרויס און אָפּגעצייכנט אַן ענדערונג אין לעבן פון דער גיכער הילף. די קערמעשלעך און דאָס קאָרטן־שפילן ביי דער הויפּט־דאָקטאָרין אין שטוב האָבן אויפגעהערט. ביים טעלעפאָן האָט מען שוין לאַנג

ניט געזען איר שיינעם מאַן מיכאיל דאַווידאָוויטשן. ס׳איז שוין באַוווּסט, אַז ער איז קראַנק אויפן האַלדז צי אויף די לונגען, ער האָט גרויסע שטערונגען ביים אָטעמען, און די דאָקטאָרין קאַוואַנאַ קלויבט זיך מיט אים פאָרן צו גרעסערע פראָפעסאָרן אין דער הויפּט־שטאָט. צווישן די מיטאַרבעטער פון דער גיכער הילף האָט זיין קראַנקהייט אַרויסגערופן פאַרשידענע מיינונגס־אויסטוישן. אין זייערן אַ געשפּרעך איז גאדלער מיט דער סעקרעטאַרקע אויך איבערגעגאַנגען אויף דער קראַנקהייט פון מיכאיל דאַווידאָוויטשן.

— איר האָט געהערט, זי קלויבט זיך מיט אים אַוועק־פאָרן אין דער הויפּט־שטאָט?

— יאָ, נאָר איך גלויב ניט דאָס זאָל אים עפּעס העלפן

— האָט געזאָגט גאדלער — ווערליק איך האָב געזען זעגען ביי אים אַלע סימפּטאָמען פון ראַק. און דאָס איז אויף אַזאַ אָרט... די אָטעמונגס־וועגן... איך גלויב ניט, אַז די הויפּט־שטאָט־פּראָפעסאָרן זאָלן אים העלפן. אַן אָפּעראַציע אויף דעם אָרט איז אָן שום פּערספּעקטיוון.

— איך האָב געהערט, אַז זיי האָפן אויף די באַשטראַ־לונגען.

— איך צווייפל צי אויך דאָס זאָל אים העלפן. ס׳איז געפערלעך די לאָקאַליזאַציע פון דער קראַנקהייט. זאָל אים גאָט העלפן. נאָר פאָרן וועט זי מיט אים אומעטום, קיין לעבעדיקן לאָזט זי אים ניט אַרויס פון אירע הענט.

אויפן אַנדערן טאָג איז פאָרגעקומען דאָס געזעגענונג מיט די מיטאַרבעטער. די קאַוואַנע, אין אַ שוואַרצן מאַנטל, מיט אַן אומגעלומפּערט מיצל אויפן קאָפּ, כלומרשט אַ הוט אויף אירע וועלקנדיקע האָר, האָט זיך מיט אַלעמען גע־זעגנט און געדאַנקט פאַר די צוווּנטשונגען, וואָס קיינער האָט איר ניט געקאָרגט. מיכאיל דאַווידאָוויטש, אין אַ גראָען מאַנטל און אויך אַזאַ קאַפּעליוש, פיל בלייכער און אָפּגעצערט אויפן פּנים. ס׳האָט אויף אים געררוט די טראַ־גישע שיינקייט פון אַ מענטשן, וואָס טראָגט שוין אין זיך

די מורא פאַר דער נאָענטקייט פון פאַרלירן דאָס לעבן.

ביי דער קאָוואַנע האָט דאָס מאָל געפעלט דער פּאַפּי־ראָס אין מויל, נאָר מיטן טיכעלע ביי די אויגן האָט זי זיך אַריינגעזעצט מיט אים אין מאַשין.

10

אין דער גיכער הילף האָבן זיך אָפּט געביטן דאָק־טוירים, אָט איז איינער אַוועקגעגאַנגען, אָט איז צוגעקומען אַ נייער. אין אַ טאָג איז אַהין געקומען די יונגע דאָקטאָרין גורוויץ. אַ שלאַנקע, אַביסל העכער פון מיטעלער וווקס, מיט הויך פאַרקעמטן קאָפּ שוואַרצע האָר, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן פון אַן ערנסטן, גוטן אָפּנהאַרציקן מענטשן. יעדער נייער דאָקטאָר האָט געמוזט צושטעלן זיינע פּאַ־פּירן דער סעקרעטאַרקע און דערפון האָט זיך אָנגעהויבן די באַפריינדונג פון די צוויי פרויען, ווייל זיי זענען זיך קעגנזייטיק געפעלן. דאַקעגן מיט דער ליטינסקע האָט די סעקרעטאַרקע געוועדט נאָר געשעפטלעך, קיינמאָל קיין פריינטלעכע געשפּרעכן, ווייל אויך אין דעם פאַל האָט די ליטינסקע געגעבן אָנצוהערן, אַז זי איז אַ מענטש מיט הויכער בילדונג. דאָס איז איר די סעקרעטאַרקע ניט מוחל געווען, ווייל הויכע בילדונג האָט זי אויך געהאַט.

אין ערשטן טאָג האָט די דאָקטאָרין גורוויץ געטראָפן ביים טיש פון דער סעקרעטאַרקע גאדלערן, האָט זי זיך אויך צו אים דערנענטערט מער ווי צו אַנדערע מיטאַרבע־טער.

די גורוויץ האָט זיך אויך צוגעזעצט צום טיש און באַלד האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז געענדיקט האָט זי דעם אינסטיטוט צוריק מיט דריי יאָר און פון דעמלט אָן האָט זי געאַרבעט אין אַ קליין שטעטל אין ראַיאָן, וווּ ביז אין דער מלחמה זענען דאָרט געווען אַ סך יידן, איצט זענען דאָרט קיין יידן אינגאַנצן נישטאָ. באַלד האָט גייכין מיט צופריי־דנקייט דערהערט, אַז די גורוויץ איז איבערגעגאַנגען אויף

יידיש רעדן. פאַר גאדלערן און פאַר דער סעקרעטאַרקע האָט זי דערציילט:

— קיין שלעכטע באַציִונג צו זיך האָב איך דאָרט פון קיינעם ניט באַגעגנט, ס׳איז דאָרט געווען גוט צו אַרבעטן, נאָר ס׳איז מיר דאָרט געווען אומהיימלעך. איבערהויפּט אין די אָוונטן האָב איך מיר קיין אָרט ניט געקענט געפינען. ס׳האָט זיך אפשר גענומען דערפון, וואָס מ׳האָט מיר דאָרט אַ סך דערציילט, וואָס די יידן האָבן דאָרט איבערגעלעבט. און אין די אָוונטן האָבן זיך מיינע געדאַנקען געדרייט אַרום די אומגעקומענע יידן. נאָר ניט לאַנג האָב איך דאָרט געהאַט אַ פאַל, האָב איך נאָך דעם באַשלאָסן פאַר יעדן פרייז פון דאָרט אַוועק. מ׳האָט מיך ניט געלאָזט, ניט גע־וואָלט אַרויסגעבן די דאָקומענטן, נאָר ס׳האָט זיי גאָרניט געהאָלפן. אויב איך פאַרהאַלט אייך ניט, וועל איך אייך דערציילן.

— ניין, ניין, ביטע, דערציילט — האָט געזאָגט גאָד־לער.

— איך האָב דעזשורעט אין שפּיטאָל, ווען מ׳האָט אנגעבראַכט אַ קראַנקן מיט אַ צופאַל פון אינפאַרקט. דאָס איז געווען אַן עלטערער קריסט מיט אַ גרויסן קערפּער, מיט אַ פּאָר גרויסע הענט און, ווייזט אויס, ניט קיין נאַ־רישער, נאָר זיין האַרץ האָט געהאנגען אויף אַ האָר. כ׳האָב מיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ ווען מ׳האָט אים געבראַכט, מ׳האָט אים ניט געטאָרט דירן פונעם אָרט. כ׳האָב געשריגן פאַרוואָס מ׳האָט מיך ניט אַרויסגערופן צו אים אַהיים. כ׳האָב אים באַלד געמאַכט אַן איינשפּריצונג און אָנגענו־מען אַלע מיטלען אים צו ראַטעווען. ס׳איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן און איך האָב פון אים ניט אָפּגעטרעטן. אין דער צייט רופט מיך אַוועק אַ סאַניטאַרקע, אַ דאָרטיקע קריסטין, און זאָגט מיר: פּאַני דאָקטאָרקע, איר דאַרפט זיך פאַר אים אַזוי שטאַרק ניט באַמיען, ער האָט אַ סך מענטשן פון אייערע אויסגעהרגעט. ער איז אַ גרויסער

מערדער. איך האָב אַליין געזען אין יענער צייט ווי ער האָט געשלאָגן אַזאַ יונגעטשקע, אַזאַ שיינע ווי איר זענט, און איך ווייס נישט צי זי איז אַרויס פון אים אַ לעבעדיקע. לאָזט אים פייגערן, האָט זי געזאָגט מיט שנאה, ער מעג פייגערן ווי דער ערגסטער הונט! איר קענט זיך פאָרשטעלן ווי מיר איז געוואָרן אויפן האַרצן, נאָר צוליב סאָניטאַרקע האָב איך געזאָגט: נו, דו פאַרשטייסט, מאַריע, איך בין אַ דאָקטאָר, איך קען נישט אַנדערש, איך מוז העלפן אַ קראַנקן מענטשן. דערנאָך, ווען כ׳האָב זיך צו אים צוגעריירט, אים אויסגעהערט, האָב איך געטראַכט, אַז איך הייל אַ מערדער, אַ באַנדיט. און ער האָט קען זיין געטראַכט, אַז אַזעלכע ווי איך האָט ער אַמאָל געשלאָגן ביז צו טויט. ס׳איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז איינער פון די, וואָס שלאָגן אַ יידן איז ביי זיי אַזוי לייכט און געוווּנטשן, ווי אויסטרונקען אַ פלעשל וויין. נאָר אויף איין זאַך וואָלט איך געוועון שווער צו ענטפערן: פאַרוואָס ער שלאָגט אים. פון דעמלט אָן האָב איך מיך דערפילט אַזוי, גלייך איך וואָלט מיך געפונען צווישן וועלף. שפּעטער האָבן מיר שוין אַנדערע סאַניטאַרקעס דערציילט, וואָס די אָרטיקע האָבן געטון מיט די יידן בעת די דייטשן זענען דאָרט געווען. דעם מערדער האָב איך געגעבן אַלע מיטלען און ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, איז ער געקומען צו מיר: פּאַני דאָקטאָר, מיט וואָס זאָל איך אייך דאַנקען, איר האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן. האָב איך אים געזאָגט, אַז ער איז אַ מערדער און האָב אים פאַרטריבן פון זיך. דעמלט האָב איך באַשלאָסן אָננעמען אַלע מיטלען כדי פון דאָרט צו אַנטלויפן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַלע דריי האָבן אין זיך איינגעשלינגען אַ זיפץ.

— נו, ווען דאַרף איך קומען דעזשורען? — האָט זי געפרעגט נאָך אַ קליינער פּאַוזע.

— איר קומט מאָרגן פון ניין אַזייגער, דאָקטאָר — האָט די סעקרעטאַרקע גוטווילליק געענטפערט.

די יונגע דאָקטאָרין האָט זיך אָפּגעזעגנט און אַוועקגעגאַנגען.

— אָט האָט איר דאָס לעבן פון אַ יידישן דאָקטאָר — האָט געזאָגט גאָדלער — נאַטירלעך, פון אַן ערנסטן יידישן דאָקטאָר, איך מיין נישט די ליטינסקע, זי האָט נאָר איין זאָרג, איין אידיי פיקס, אַז יעדער זאָל געדענקען, אַז זי איז אַ דאָקטאָר — האָט ער פאַרענדיקט מיט איראָניע.

צום טיש איז צוגעקומען די טעלעפאָניסטקע שינקאַרענקאָ, אַ יונגע, אַ הויכע, מיט אַ שיין בלאַס פּנים, און צובויגנדיק זיך צו זיי האָט זי געזאָגט:

— מיר האָבן שוין אַ נייע דאָקטאָרין, און איך האָב געהערט, זי האָט גערעדט יידיש — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ לייכטן שמייכל.

— וואָס אינטערעסירט אייך צי זי האָט גערעדט יידיש, קלאַוודיע איוואַנאָוונע, איר זענט דאָך אַן אוקראַינקע.

— אַן אמתע אוקראַינקע, — האָט געזאָגט שינקאַרענקאָ.

— אַננאַ אַבראַמאָוונע האָט מיינע דאָקומענטן.

— אַן אמתע אוקראַינקע — האָט באַשטעטיקט די סעקרעטאַרקע מיט אַ לייכטן איראָנישן שמייכל.

קלאַוודיע איוואַנאָוונע שינקאַרענקאָ האָט שוין אַ פּאָר יאָר געאַרבעט אין דער גיכער הילף און געגילט פאַר אַן אוקראַינקע, נאָר צווישן די יידישע מיטאַרבעטער פלעגט זי די ערשטע אָנהייבן רעדן יידיש, דערציילט יידישע אַנעקדאָטן אפילו וועגן רבנים, און אין איר לעקסיקאָן האָבן פיגורירט העברעישע ווערטער: פּרנסה, הצלחה, משלך זיין און נאָך אַזעלכע. ווען זי איז אַוועק פונעם טיש האָט גאָדלער געזאָגט צו דער סעקרעטאַרקע:

— וואָס זאָגט איר אויף דער אוקראַינקע? זי איז אַזאַ אוקראַינקע ווי איך בין אַ טערק.

אַננאַ אַבראַמאָוונע האָט זיך הויך צעלאַכט. דאָס האָט

אַרויסגעבראַכט פון די כלים די בוכהאַלטערקע, וואָס איז געזעסן ביי אַ טיש אין אַ צווייטן ווינקל פונעם גרויסן צימער.

— ס׳איז ניט מעגלעך צו אַרבעטן אין אַן אַנשטאַלט, וו מ׳לאַכט אַזוי. אַ גאַנצן טאָג טוט איר גאָרניט, נאָר איר רעדט און לאַכט — האָט זי געשריגן אויף אַ קול.

גאדלער מיט דער סעקרעטאַרקע האָבן זיך שווייגנ־דיק איבערגעקוקט. באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— הייסט עס, קום איך מאָרגן פון זעקס, אַננאַ אַבראַ־מאָוונע?

— פון זעקס, דאָקטאָר — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכלענדיק פנים.

זי איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס דאָקטאר גאדלער פירט מיט איר געשפרעכן און דאָס, האָט זי געוווסט, איז די סיבה פונעם כעס און געשריי פון דער בוכהאַלטערקע, ווייל מיט איר רעדט קיינער ניט.

11

די שטילע שול־גאַס מיט איר גאָר קליינער באַוועגונג, איז אין דער שעה, עלף אַזייגער בייטאָג, געווען באַלעבט. פיל מענטשן זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער שול. צופעליק איז דאָרט דורכגעגאַנגען נייכין. ער האָט פאַרוונדערט זיך אָפּגעשטעלט. אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ דאַרער, אין אַן אַלט מיליטעריש היטל, אין אַן אָפּגעבליאַ־קעוועטער מיליטערישער גימנאַסטיאָרקע, קענטיק אַ דע־מאָביליזירטער סאָלדאַט פון די וואָס איילן זיך ניט צע־שיידן מיט זייער מיליטערישער קליידונג און, ווייזט אויס, אַזעלכער, וואָס האָט ניט קיין געלט זי צו בייטן, האָט זיך דערנענטערט צו דער שול. נייכין האָט זיך צו אים גע־ווענדעט:

— וואָס גייט מען אַהערצו?

— ס׳איז דאָ אַ פֿאַרזאַמלונג.

— וואָס פֿאַראַ פֿאַרזאַמלונג?

— מ׳זאָגט, אַז מ׳וועט דאָ פֿאַרשרייבן אין דער יידישער אַרמיי.

אויף דעם יונגנמאַנס פּנים האָט גערוט אַזאַ איינפאַכקייט און באַיוּוקייט, אַז נייכין האָט אים פֿאַרווּנדערט אָנגעקוקט און אַ טראַכט געטון:

— אָך, איז נאָך דאָ אין פֿאָלק נאַיווער גלויבן.

דער יונגערמאַן האָט אויפֿגעמאַכט די טיר פֿון דער שול. נייכין איז אים נאָכגעגאַנגען. ביי דער שוועל האָבן זיי זיך קוים געקענט דורכשטופּן, די שול איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. נייכין האָט זיך דורכגעשטופּט עטלעכע שפּאַן פֿון דער טיר, זיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעקוקט צו פֿאַראינטערעסירטע יידישע פּנימער, נאָר צוגעקוקט ווי אַ פֿרעמדער. דאָס, וועגן וואָס ס׳האָט זיך דאָ געהאַנדלט, איז אים געווען אינגאַנצן פֿרעמד.

אין צענטער פֿון דער שול איז געשטאַנען אַ ייד אין אַ טלית און גערעדט וועגן דער ניי־אַנטשטאַנענער יידישער מלוכה.

— ס׳איז נאָכאַמאָל די ציוניסטישע פּאָמפּע — האָט נייכין אַ טראַכט געטון.

און פּלוצים דערמאָנט ער זיך: אַ הייסער זומער־טאָג, אַ גרויסער עולם האָט זיך פֿאַרזאַמלט ביי דער אַלטער בריק אין עק שטאָט. עלטערן זענען געקומען באַגעגענען זייערע קינדער, נייגעריקע זענען גלאַט געקומען קוקן. אויף דעם גרויסן וועג, וואָס פֿירט אין שטאָט אַריין, באַווייזן זיך געדיכטע קאָלאָנעס יינגלעך מיט מיידלעך, זיי גייען אין רייען ווי סאָלדאַטן, פֿאַרשטויבטע, פֿאַרשוויצטע, מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס. דאָס קערט זיך אום די יידישע יוגנט פֿון אַ טיול, אויף וועלכן זיי זענען אַוועק צוריק מיט דריי טעג. ווייט אויפֿן וועג, וואָס ציט אין שטאָט אַריין, גייען קאָלאָנעס, מיטן אויג ניט אַרומצאַפּן ווי גרויס די

מחנה איז און ווו איז איר ענדע. אין קאָפּ פון יעדער קאָ־לאָנע פּלאַטערט אַ ווייס־בלויע פאָן. צווישן דער מחנה פוס־גייער זעט מען אויך רייטער. פּלוצים רייסן זיך אַרויס אַ פּאָר רייטער פאַרויס פאַר דער מחנה, ווייזט אויס איבער־צוגעבן אַ באַפעל. אַלעס דערמאַנט אַ מאַרש פון מיליטער. דער עולם, וואָס שטייט אַרום דער מאַרשירנדיקער מחנה, קוקט מיט נייגיר, אייניקע זענען אַנטציקט. מ׳רעדט איי־נער צום אַנדערן:

— דאָס איז דאָס יידישע מיליטער.

— יאָ, ענטפערט דער אַנדערער מיט אַ שמייכל.

דער בחור חיים נייכין איז אויך געשטאַנען צווישן עולם, געקוקט אויף דער מחנה מיט אַ קריטיש אויג. ער האָט ניט געפילט קיין שום אַנטציקונג, נאָר געטראַכט איראָניש: דאָס איז די פּאָמפּע, די ציוניסטישע פּאָמפּע, וואָס ער קען זי קיינמאָל ניט ליידן ווען ער זעט זי, ס׳איז פאַר אים ניט קיין רעאַלע אידיי... דאָס איז טאַקע שיין, אַלעס איז פּרעכטיק, דאָס גייט אַ יוגנט, דאָ זעט מען אַ כוח, נאָר צי וועלן זיי דאָס קענען אַמאָל פאַרטיידיקן... ס׳איז שיין — אויב זיי וועלן קענען אַמאָל פאַרטיידיקן אָט די שיינ־קייט... נאָר אין אַזאַ פאַל האָט עס עפּעס אַ ווערט.

אַזוי האָט ער דעמלט, צוריק מיט אַ פינף און צוואַנ־ציק יאָר געטראַכט.

און דער ייד אין טלית, שטייעדיק אין דער מיט שול האָט פאָרגעזעצט זיין רעדע מיט ענערגיע, מיט ברען:

— ...דאָס איז דאָך דער וווּנדער פון אונדזער צייט; נאָך צוויי טויזנט יאָר איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער טרוים, דער טייערסטער טרוים, דער עכסטער טרוים פון אַ סך דורות יידן, דאָס פאָלק האָט באַקומען אַ לאַנד, אַ באָדן אונטער די פיס. דאָס איז די גרעסטע און די מעג־לעכסטע קאָמפּענסאַציע, וואָס יידן האָבן באַקומען פון דער מענטשהייט פאַר די זעקס מיליאָן זייערע אומגעבראַכטע

ברידער און שוועסטער. אין דעם גערימטן צוואנציקסטן יאָרהונדערט, די וויכטיקסטע קאָמפּענסאַציע.

אין דער טיר פון דער שול האָבן זיך אַלע מאָל אַריינ־געשטופּט נאָך יידן, יונגע און עלטערע. יעדער אַריינגע־קומענער האָט באַלד געוועגדעט זיינע אויגן צום רעדנער. דאָס געדרענג ביי דער טיר האָט געדויערט, נאָר אָן שום רעש.

ווייזט אויס, צוזעענדיק דאָס, האָט דער רעדנער פאַר־געזעצט:

— ...און איך זע, אַז יידן האָבן אַן אינטערעס צו דער זאַך, איך זע, איר קומט אין די מאַסן, דאָס איז אַן ערנס־טער באַווייז, אַז די נייע יידישע מלוכה באַזירט זיך אויפן פאָלק. אין משך פון יאָרהונדערטן האָבן זיך געשאַפן גרויסע היסטאָרישע ליגנס, אַז יידן קענען ניט, יידן ווילן ניט אַרבעטן, יידן וווכערניקעס, לעבן נאָר פון פּראָצענט, יידן מענטשנפרעסער — הרגענען קריסטלעכע קינדער און נעמען זייער בלוט, יידן פּחדנים. קענען ניט מלחמה האַלטן. די אַלע ליגנס און בלבולים מוזן ענדלעך צעשטערט ווערן. יעצט קומט דאָרט פאַר אַ מלחמה, אַלע אַרומיקע פעלקער זענען אָנגעפאַלן, זיי ווילן פאַרניכטן דאָס ביסל יידן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דער גרויסער קאַטאַ־סטראָפע, פון די לאַגערן, פון די קרעמאַטאָריעס, פון די גאַז־קאַמערעס, נאָר מיר האָפן, אַז ס'וועט זיי געלונגען צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, וואָס יידן האָבן, נאָך אַזאַ לאַנג וואַרטן ענדלעך באַקומען. מיר האָפן, אַז זיי וועלן ביישטיין, אַז די שונאים וועט זיך ניט איינגעבן זיי צו באַזיגן. מיר זענען מיט זיי און מיר ווינטשן זיי פון גאַנצן האַרצן זיי זאָלן ביישטיין! *)

---

*) דער רעדנער איז געווען דער שטאָטישער רב. אינגיכן איז ער אַרעסטירט געוואָרן, פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר לאַגער און דאָרט געשטאָרבן.

בײַ נײַכינען אין מוח האָט בולט אויפֿגעשײַנט יענער זומער־טאָג, מיט דער היץ, מיטן שטויב אויף די פּנימער פֿון די ייִנגלעך מיט די מײדלעך, אומענדלעכע קאָלאָנעס, וואָס האָבן זיך געצויגן און געצויגן אין שטאָט אַרײַן. די ווײס־בלויע פֿאָנען, וואָס האָבן געשײַנט אויף דער זון... ער געדענקט דעם בטול, וואָס ער האָט דעמלט געפֿילט צו דער פּאָמפּע... די ציוניסטישע פּאָמפּע... ער האָט געוווסט, אַז מיט דעם האָבן אָנגעפֿירט ייִדן מיט גאָלדענע זײגערס, פֿון וועלכע ס׳האָבן זיך איבער די וועסטלעך געצויגן גאָלדענע קײטלעך. אָט די גאָלדענע קײטלען האָבן בײַ אים אַרויס־גערופֿן פֿאַראַכטונג, אפֿשר טאַקע דערפֿון האָט זיך גענומען זײַן בטול-באַציִונג צו דער פּאָמפּע, וועלכע אָט די ייִדן זענען געווען מאַכערס אײַנצואָרדנען. נאָר נײַכין געדענקט גוט ווי ער האָט דעמלט געטראַכט: אויב זײ וועלן עס קענען אַמאָל פֿאַרטײדיקן, אויב זײ וועלן בײַשטײן... אַ סך פֿון די ייִנגלעך מיט די מײדלעך זענען זיכער דאָרט, פֿירן איצט מלחמה... איצט דאַרפֿן זײ פֿאַרטײדיקן די שײנקײט פֿון זײער אַמאָליקן יוגנט־מאַרש — האָט ער געטראַכט, באַאומרויִקט פֿון דער פֿראַגע: צי וועלן זײ בײַשטײן?

פֿאַרטראַכטנדיק זיך וועגן דעם איז ער פֿון דער שול אַוועקגעגאַנגען.

נאָר דאָס מאָל האָט ער שוין געטראַכט מיט אומרו וועגן די ייִנגלעך מיט די מײדלעך. זײ האָבן פֿאַרשטעלט פֿאַר אים די ייִדן מיט די גאָלדענע זײגערס, ער האָט געזען פֿאַר זיך נאָר די ייִנגלעך מיט די מײדלעך, וועלכע קעמפֿן פֿאַר זײער פֿרײַהײט אין ייִדישן לאַנד.

12

ניט ווײַט פֿון דער שול איז אים אויסגעקומען פֿאַר־בײַגײן בראַזערס וווינונג, יענער האָט אים שוין פֿיל מאָל אײַנגעלאַדן. ספּעציעל אים באַזוכן האָט ער זיך ניט אויס־

געקליבן, נאָר איצט דורכגייענדיק, האָט ער באַשלאָסן אַריינגיין.

די טיר האָט אים געעפנט די יונגע שוואַרצהנעוודיקע פרוי בראַזער.

— קומט אַריין, זיצט — האָט זי גערעדט צו אים ליב־לעך — דער מאַן איז נישטאָ אין דער היים, נאָר ער דאַרף באַלד קומען.

— איך האָב מיך שוין לאַנג ניט געזען מיט אים. איצט בין איך גראָד דורכגעגאַנגען, האָב איך באַשלאָסן אַריינ־גיין.

— פון וואַנען זשע גייט איר דאָס ?

— צופעליק בין איך דאָ געווען אין שול.

— פון דער שול ? איר זענט געגאַנגען דאַוונען ? — האָט זי שוין געשמייכלט. דערביי האָט זי ברייט צעעפנט די אויגן.

— ניין, דאַוונען גיי איך גאַנץ זעלטן. נאָר איצט איז דאָרט אַ פאַרזאַמלונג, ס׳איז דערקלערט געוואָרן אַ יידישע מלוכה. איר האָט וועגן דעם געהערט ?

— יאָ, עפּעס האָב איך געהערט ?

— ווען כ׳האָב זיך וועגן דעם דערוווסט, האָט עס מיך פאַראינטערעסירט. ס׳איז דאָך אַ געשעעניש ביי יידן.

— יאָ, געוויס.

נאָך אַ קליינער פאַוזע האָט זי געזאָגט מיט אַ בנעי־מוסדיקן שמייכל :

— שיר־שיר וואָלט איך איצט געווען דאָרטן.

— ווי אַזוי ? איר האָט געוואָלט פאָרן אַהין ?

— ע, ס׳איז אַ גאַנצע געשיכטע.

זי האָט געשמייכלט. די צוגעזשמורעטע אויגן און די אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעפלעך האָבן דייטלעך באַוויזן די לאַנגע שוואַרצע וויעס.

— נאָך פאַר דער מלחמה איז אַוועקגעפאָרן אַהין אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט אינאיינעם מיט מיין

טאַטן אין וואַלד. איך בין געווען מיט אים גוט באַקאַנט. ער האָט זיך מיט מיר איבערגעשריבן. אין די בריוו האָט ער פאַרגעלייגט איך זאָל צו אים פאָרן. אַזוי האָבן מיר זיך שריפטלעך צונויפגערעדט. אינגיכן האָט ער מיר צוגעשיקט געלט אויף רייזע־הוצאות.

— פאַרוואָס־זשע זענט איר ניט געפאָרן?

— פאַרוואָס — האָט זי איבערגעכאַפּט אַ שטילן זיפץ — אַלץ דערפאַר, ווייל ס'טוט זיך ניט אַזוי ווי ס'רעדט זיך... מ'האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ פּאַספּאָרט, פּאַפּירן אַהין, פּאַפּירן אַהער, ביז מ'האָט דערקלערט, אַז מ'קען שוין ניט פאָרן.

— אַזוי? האָט נייכין אויסגעצויגן מיט באַדויערנדיקער פאַרוואונדערונג.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און ווידער געזאָגט מיט אַ לײַכטן שמייכל:

— מײַן טאַטע פלעגט תמיד זאָגן די קינדער: פאַרט קיין פּאַלעסטינע און מיר האָבן געלאַכט דערפון.

— און וואָס איז געווען די באַשעפטיקונג פונעם יונגנמאַן?

— ער איז געווען אַ בוכהאַלטער און זייער אַ פעיקער. ווען ער האָט דאָ געאַרבעט האָט ער, נאַטירלעך, געפירט די ביכער אין רומעניש. האָט דער בעל־הבית געפאָדערט ער זאָל זיי פירן אין העברעיש, האָט ער זיי שוין געפירט אין רומעניש און באַזונדער אין העברעיש.

איר פּנים האָט אויפגעלויכטן ביים דערציילן איר לעבנס־עפּיזאָד פון דער פאַרשווינדענער יוגנט. זי איז נאָך איצט, ווײַזט אויס, געווען שטאָלץ דערויף, וואָס איר בחור פון יענער צייט איז פעיק געווען צו פירן די ביכער אייןצייטיק אין ביידע שפּראַכן.

זי האָט זיך ווײַטער דערמאַנט אייניצלהייטן פון יענער צייט.

— איך בין דעמלט געווען זייער צאַרט, איך בין בכלל געווען זייער אַ צאַרטע, פלעגט מײַן מוטער מיך אויסלאַכן:

קוק נאָר ווען מען מ׳שיקט דאָ געלט, און ווען מען מ׳שלאָגט זיך אָן זי זאָל קומען אַהין צו פֿאָרן. נאָר ס׳איז ניט געווען באַשערט...

קיינמאָל ביז איצט האָט זי ניט אויסגעדרוקט אַפֿילו אַן אָנדייטונג אויף באַדויערונג וועגן איר צוזאַמענלעבן מיט בראַזערן, נאָר דאָס — האָט נייכין דערפֿילט — איז שוין געווען אַן אומדירעקטע באַדויערונג אויף אַ ניט פֿאַר־ווירקלעכטן טרוים.

זיין נייגיר צו מענטשן איז געווען גרויס און ער איז גרייט געווען אויסצוהערן נאָך עפּיזאָדן פֿונעם לעבן פֿון דער יונגער פֿרוי, ווייל דאָס וואָס זי האָט דערציילט האָט אים פֿאַרכאַפּט. נאָר ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלינג אין דער טיר און ווען די פֿרוי האָט אויפֿגעמאַכט איז אַריינגעקומען איר מאַן.

— אַ־אַ, שלום עליכם, איר האָט זיך דאָך דערמאָנט אַריינצוקומען.

— יאָ, איך בין דאָ גראָד געווען ניט ווייט, בין איך שוין אַריינגעקומען צו אייך. ס׳איז דאָ פֿאָרגעקומען אַ פֿאַר־זאַמלונג אין שול, איר האָט מסתמא געהערט וועגן דער יידישער מלוכה?

— אַ? יאָ, וועגן דעם האָב איך געהערט, נאָר מיך אינטערעסירט עס ניט — האָט בראַזער אָנגעברוגעזט דעם שטערן.

— אַזוי גאָר. פֿאַרוואָס?

— איך בין פֿון תמיד אָן געווען אַ קעגנער דערפֿון.

— הייסט עס, איר זענט ניט קיין ציוניסט. איך בין אויך ניט קיין ציוניסט, נאָר זאָגן, אַז איך בין אַ קעגנער קען איך אויך ניט. איצט האַנדלט זיך ניט וועגן אָנגעהע־ריקייט צו אַ פּאַרטיי. איצט איז פֿאָרגעקומען אַ גרויס גע־שעעניש, ס׳איז דערקלערט געוואָרן אומאָפּהענגיקייט...

— אָט קעגן דעם בין איך טאַקע — האָט בראַזער אי־בערגעריסן. איך בין ביי דער מיינונג, אַז ס׳וועט דערפֿון

גאָר ניט זיין. ס׳איז פאַר מיר שטענדיק געווען אַן אוטאָפּיע.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, פאַר מיר איז עס אויך אַ פראַגע, נאָר זאָגן אַזוי זיכער, אַז ס׳איז אַן אוטאָפּיע, קען איך ניט, די צייט וועט דאָס באַווייזן. ס׳איז דאָך פּאַרט אַ וואונדערלעך געשעעניש: אין צוויי טויזנט יאָר אַרום ווערט ווידער אויפגעשטעלט אַ יידישע מלוכה...

— נו, פאַר מיר איז עס גאָרניט, מיך אינטערעסירט עס אינגאַנצן ניט — האָט בראַזער פאַרענדיקט מיט דעם זעלבן אָנגעברוגזטן שטערן.

פרוי בראזער האָט בעת דער דיסקוסיע געכאַפּט אַ קוק אויף בייכינען און אויף איר מאַן, נאָר מיט קיין וואָרט זיך ניט אָנגערופן. ערגעץ אין די טיפענישן פון איר וועזן איז זי געווען געטראָפן פון איר מאַנס שאַרפקייט. און בייכינען האָט זיך אין איר בליק געדאַכט, אַז זי האַלט מיט זיין מיינונג.

באַלד האָט ער זיך אָפּגעזעגנט. בראַזער האָט אים ביי דער טיר געזאָגט:

— קומט נאָך אַריין צו אונדז.

און פרוי בראזער האָט צוגעגעבן ליבלעך:

— יאָ, איר קומט זייער זעלטן, קומט אָפטער.

שוין אויף דער גאַס גייענדיק, האָט בייכין געטראַכט: אַזאַ אַנטשלאָסענע קעגנערשאַפט.... פשוט אומפאַרשטענדלעך.

13

די סעקרעטאַרקע אַננאַ אַבראַמאָווגע איז געווען אין דער גיכער הילף ווי אַ געטרייע באַלעבאָסטע אין איר הויז. אַלצדינג איז איר אָנגעגאַנגען, יעדע אומאָרדענונג, אָדער מיספאַרשטענדניש, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען, האָט זי געאַרט און באַלד האָט זי געשטרעבט עס איינאָרדנען און אויסגלייכן. זי האָט געענדיקט אַ כעמישן פאַקולטעט, און ווי פריי זי האָט גערעדט יידיש און רוסיש,

אַזוי פֿרײַ האָט זי גערעדט פֿראַנצויזיש און דײַטש. נאָר אין מלחמה־צײַט, ווען זי האָט געמוזט אָפּזוכן וועלכע ניט איז אַרבעט, האָט זי געטראָפֿן אין דער גיכער הילף אַלס סאַניטאַרקע. די דאָקטאָרין קאָוואַנע האָט באַלד באַטראַכט, אַז זי קען זי אויסנוצן מער גינסטיק פֿאַר זיך, און דאָס ערשטע האָט זי זי געמאַכט פֿאַר אַן אומזיסטער לערערין פֿאַר איר מיידל, וועלכע האָט בכלל זיך שוואַך געלערנט אין שול און שטאַרק געהינקט אויף דער פֿראַנצויזישער שפּראַך, וואָס איז געווען אין דער שול־פּראָגראַם. דורכדעם האָט שוין די הויפּט־דאָקטאָרין זיך געזען פֿאַרפּליכטעט צו בעסערן די לאַגע פֿון אַננאַ אַבראַמאָוונע. זי האָט זי געמאַכט פֿאַר סעקרעטאַרקע און געהעכערט איר געהאַלט. זי האָט איר אויך איבערגעגעבן צו פֿירן די מעדיצינישע סטאַטיסטיק, וואָס איז נויטיק אין אַזאַ אַנשטאַלט. זי האָט פֿאַקטיש גענומען אָנטייל אין דער אָנפֿירונג פֿון דער גיכער הילף. זי האָט פֿאַרטיילט די דעזשורסטוועס און געשעפּטלעך באַטראַכט ווער צו וואָס ס'טויג. יעדער פֿון די מיטאַרבעטער איז געקומען צו איר מיט זײַנע פּערזענלעכע אינטערעסן: היינט איז ביי דער דאָקטאָרין דעם מאַנס געבורטס־טאָג, מאָרגן וואַשט אַן אַנדערע גרעיט — אָפּטמאָל, לעכערלעכע מאָטיוון.

ביי די שאָפֿערן און סאַניטאַרן פֿון דער גיכער הילף איז ניט געווען אַלציינס מיט וואָס פֿאַראַ דאָקטאָר צו דעזשורען, דערפֿאַר איז שטענדיק געווען ווענדונגען און טענות ביים פֿאַרטיילן די דעזשורסטוועס. מיטן דאָקטאָר גאָדלער האָבן זיי שטענדיק געוואָלט אַרבעטן, ער איז זיי אַלע געווען סימפּאַטיש. דאַקעגן, מיט דער געפּוצטער און פֿון אָדעקאָלאָן שמעקנדיקער ליטינסקע, אַז מ'האָט עמיצן פֿון זיי אויסגערופֿן צו פֿאָרן מיט איר, האָט מען זיך אַוועקגעדרייט און געקנייטשט מיט דער נאָז. ס'זענען אויך געווען קוריאָזע פֿאַלן: די יונגע דאָקטאָרין קראַלעווסקאַיאַ האָט אַלץ אָפֿטער געבעטן מ'זאָל זי שטעלן מיט דעם מיטליאָ-

ריקן ניט זייער סימפּאַטישן שאָפער באַנטשוק, ס׳האָט זיך טאַקע גאָר גיך אויפגעקלערט, אַז צווישן דעם ניט גלייכן פּאָרל האָט זיך פאַרקנופּט אַ ליידנשאַפטלעכער ראָמאַן. אָן שום בושה און אָן באַהאַלטונג האָט די יונגע דאָקטאָרין געבעטן די סעקרעטאַרקע זאָל זי שטעלן אויף איין דע־זשורסטווע מיט אים.

אוואָדע איז נייכינען געווען געוואונטשן צו פאָרן מיט אַ דאָקטאָר, וואָס איז אים געווען צום האַרצן. מיט גאַדלערן האָט ער געוואָלט פאָרן, נאָר ער האָט נאָך ניט געוווּסט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די גורוויץ. נאָר אָט איז ער אַריינגעקומען אין אויפנאַם-זאַל פון דער גיכער הילף. די סאַניטאַרקע מארוסיא בילא איז געשטאַנען אויף די קני און געוואַשן די פאָדלאָגע, לעבן איר איז געשטאַנען אַן אַנדער סאַניטאַרקע, מארוסיא האָט צו איר גערעדט און אַלע מאָל פאַריסן צו איר דעם קאָפּ:

— די פאַרשטייסט, זי איז אַזאַ ווילע, כ׳האָב נאָך דאָ, ביי אונדז אַזאַ דאָקטאָרין ניט געזען. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב מיינע צופאַלן, אייערנעכטן איז דאָס מיט מיר נאָכאַמאָל געשען. אַנדערע דאָקטוירים האָבן זיך נאָך ניט גערירט פון אָרט, ווען זי איז שוין געווען לעבן מיר... נאָר מיין מאַמע האָט אַזוי געזאָרגט פאַר מיר ווען איך בין געווען קראַנק.

נייכין האָט פאַרשטאַנען, אַז זי רעדט וועגן דער גור־וויץ און זיך אָפּגעשטעלט הערן. זי האָט גערעדט הויך צו איר חברטע און ווייזט אויס געוואָלט ס׳זאָל אָנקומען צו דער, וועגן וועלכער זי רעדט.

ניין אַזייגער אין דעם פרימאָרגן האָט זיך נייכין דער־וווּסט, אַז זיין דאָקטאָר זויף דער מאַשין איז די דאָקטאָרין גורוויץ. און ווען ער האָט זי דערזען האָט ער זי גוטמוטיק באַגריסט, זינט ער האָט געהאַט די געלעגנהייט אויסצו־הערן אירע איבערלעבונגען אין ראַיאָן־שטעטל, האָט ער באַקומען צו איר אַ באַזונדערן אינטערעס, ער האָט דער־

פילט אין איר אַן אייגענעם מענטשן, אַ מענטשן, וואָס וויטיקט איבער די צרות פונעם פאָלק.

— היינט פאָרן מיר מיט אייך? — האָט זי אים פריינט־לעך געפרעגט ביים אַריינזעצן זיך אין מאַשין.

— יאָ, דאָקטאָר.

דער סאַניטאַר האָט געהאַט זיין אָרט אין מאַשין, דער דאָקטאָר — אין קאַבינע לעבן שאָפער. ווי נאָר מ׳איז אַרויס פונעם מאַשין, האָט זי זיך געווענדעט צו אים:

— איר האָט מיט זיך דאָס וויערשטאָף־קישעלע — דאָ איז אַ האַרץ־צופאַל?

— יאָ, יאָ, דאָקטאָר.

די קראַנקע, אַן עלטערע פרוי, איז געלעגן אויף אַ קאַ־נאַפע און מיט אונטערטעניקע אויגן געקוקט אויפן דאָק־טאָר.

— נו, וואָס איז מיט אייך — האָט די גורוויץ אַ פרעג געטון, נעמענדיק איר האַנט צו דערפילן איר פולס.

— כ׳ווייס וואָס... דאָס האַרץ — האָט די קראַנקע קוים אַרויסגערעדט.

די גורוויץ האָט באַלד אָנגערופן די טראָפּן, וועלכע ביי־כין האָט איר געדאַרפט דערלאַנגען. אין דער צייט האָט זי באַטראַכט די קראַנקע מיט אַזאַ אינטערעס און אויפמערק־זאַמקייט, גלייך זי וואָלט צום ערשטן מאָל באַטראַכט אַ קראַנקע.

— איר מוזט ליגן די גאַנצע צייט, ניט אַראָפגיין אפילו אויף אַ רגע, אַלצדינג זאָל מען אייך דערלאַנגען צום בעט. די דאָקטאָרין האָט לייכט געלייגט איר האַנט אויף דער קראַנקערס קאָפּ. צערטלעכקייט האָט געפלאָסן פון אירע אויגן און פון איר האַנט אויפן חולה. נייכין האָט זי מיט אַנטציקונג אָנגעקוקט און באַוואונדערט. ווייזט אויס, די גורוויץ איז געווען איינע פון די, וואָס שטודירן מעדיצין טאַקע מיט איין באַשטימטן צוועק: העלפן מענטשן. פון

איצט און ווייטער איז פאַר אים געווען אַ יום טוב צו דע־זשורען מיט דער דאָקטאָרין גורוויץ.

ווען זיי זענען צוגעפאָרן צו דער גיכער הילף האָבן זיי געזען ווי פון אַ טאַקסי קריכט אַרויס די הויפּט־דאָקטאָרין קאָוואַנע און נאָך איר — אַ שטאַרק אָפּגעצערטער און, קענטיק, אָפּגעשוואַכטער מיכאיל דאַווידאָוויטש. ער איז געגאַנגען זייער לאַנגזאַם און די הויט פון זיין פּנים האָט דערמאָנט פּערגאַמענט.

אין דער גיכער הילף האָבן זיי אַלע באַגריסט, נאָר אויף מיכאַיל דאַווידאָוויטשן האָט יעדער דאָקטאָר גע־וואָרפן אַן ערנסטן בליק.

— נו, ווי פילט איר, ווי אַזוי איז אייער געזונט — האָט אים גאָדלער באַגעגנט און געדרוקט די האַנט.

— איר ווייסט, ווען מ׳האָט מיך דאָרט געהיילט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס׳וועט מיר לייכטער, נאָר איצט פיל איך עס ניט... ס׳האָט מיר ניט פאַרבעסערט.

— פאַרשטענדלעך, דער וועג מאַטערט אָפּ. איר וועט זיך אָפּרוען וועט אייך ווערן גרינגער.

אַזוי האָט אים יעדער געזאָגט אַ גוט וואָרט, נאָר אַלע האָבן געזען אין אים אַ פאַרמשפטן.

גאָדלער איז צוגעגאַנגען צו אַננאַ אַבראַמאָוונעס טיש און געזאָגט:

— איר זעט, ער איז אַן אמתער קאַנדידאַט אויף יענער וועלט.

— יאָ, צום גרויס באַדויערן... אַזאַ יונגער מענטש.

14

ווי געזאָגט, פריינטלעכער פון אַלע שכנים אין הויף האָט זיך צו נייכינען באַצויגן פּראָפעסאָר שופנער. עס פלעגט אָפּט טרעפן, אַז נייכין האָט נישט באַמערקט דעם פּראָפעסאָר, האָט ער פּלוצים דערהערט:

— גוט מאָרגן.

— גוט מאָרגן, פּראָפעסאָר — און נייכין האָט זיך גע־פילט שולדיק, וואָס ער האָט ניט דער ערשטער אים באַ־גריסט. דערביי האָט נייכין געטראַכט: וואָסאַרער חילוק ס׳איז צווישן מענטשן. דער פאָטאָגראַף, דער אייזנבאַן-באַ־אַמטער באַגריסן זיך אַלץ ניט מיט אים, קוקן אויף אים אַלץ פון אויבן אַראָפּ. ביים פּראָפעסאָר שופנער באַוואונדערט ער נאָך זאַכן: אין די טעג, פרייע פון אַרבעט, זעט אים נייכין שטיין אויפן באַלקאָן און פוצן שיך, אָדער אין משך פון אַ שעה זעט ער אים שטיין און קלאַפּן מיט אַ העמערל, שניידן מיט אַ זעגל, קענטיק — עפּעס מייסטרעוועט ער דאָרט פאַר זיין ווירטשאַפט. דאָס זעגען סימפּאַטישע אייגנ־שאַפטן פון אַן אַרבעטס-מענטשן. און דאָס וויכטיקסטע: ער האָט שוין באַמערקט דעם פּראָפעסאָר אַ פּאָר מאָל אַריינגיין צו שכנים און זיך דערוווסט, אַז ער גייט אַריין צו אַ שכן ווען יענער איז קראַנק, נאָר ביי זיך אין דער היים נעמט ער קיין חולים ניט אויף, נאָר באַזוכט שכנים, ווען זיי נויטיקן זיך אין הילף... דאָס איז שוין אמתע מענטשלעכקייט, האָט נייכין געטראַכט.

אַמאָל פרעגט ער ביי נייכינען צי האָט ער נאָך עפּעס ביכלעך, וואָס קענען אים אינטערעסירן. נייכין ענטפערט, אַז ער האַנדלט ניט מער מיט ביכער, היינט איז ער אַליין אַ קונה אויף ביכער. אָט האָט ער געטראָפן אַ ביכל, וואָס דערציילט פון צוריק מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר, ווי מ׳האָט באַשולדיקט דעם יידן ברוך לייבאָוו און דעם רוסישן ים-קאַפּיטאַן וואָזניצין, אַז ברוך האָט אַראָפּגעפירט פונעם קריסטלעכן דרך הישר דעם קאַפּיטאַן וואָזניצין, און יענער האָט זיך געלאָזט אַראָפּפירן. ער איז געקומען צו ברוכן אין יום טוב פסח, געגעסן מיט אים ביי איין טיש. און דערנאָך האָט מען זיי ביידע פאַרמשפּט צום טויט.

— יאָ — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר — יידישע יידן האָבן זיך ניט אָנגעהויבן נעכטן און ענדיקן זיך נאָך

ניט מאָרגן. איר זאָלט מיר גיבן דאָס ביכל, איך וויל עס לייענען.

דערביי פילט נייכין אַ וואַרעמקייט צום פּראָפעסאָר — ער איז אַ ייד, ער האָט אין זיך יידישע געפילן, ער טראַכט וועגן די ליידן פונעם פאָלק. נייכינען איז גענוג געווען דערהערן אַ גוט וואָרט פון אַ מענטשן, אַז זיין האַרץ זאָל אויפלעבן. זיין האַרץ איז געווען ווי אַ פילבאַרע סטרונע, וואָס רופט זיך אָפּ אויפן לייכטסטן צורירּ צו איר.

אַזוי טראַכטנדיק וועגן דער פריינטלעכקייט פון פּראָפעסאָר שופנער איז ער אומבאַמערקט אַריבער מיטן געדאַנק אויף בראַזוערן. זיין לאַגע האָט זיך אַלץ מער געבעסערט, ער האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל געזען אין פאַרשיידענע נייע אָנצוגן, אין אַ נייעם מאַנטל, זיין פּנים האָט זיך גאַנץ פיין אויסגעגלעט, זיין קערפּער האָט זיך אויסגעפולט און פאַרקיילעכיקט. ביי אַ באַגעגעניש פלעגט ער שטענדיק איינלאַדן נייכינען צו זיך. ער האָט געוווסט, אַז נייכין האָט אַ קליינעם געהאַלט אַלס סאַניטאַר, האָט ער אַמאָל צו אים געזאָגט:

— איר וואָלט געוואָלט בייטן אייער אַרבעט, נייכין?

— אויף אַ בעסערע, פאַרוואָס ניט?

— ס׳איז אַ לייכטערע אַרבעט און מ׳קען בעסער פאַרדינען.

— אדרבא, טוט מיר אַ טובה — האָט שוין נייכין געבעטן.

— איך וועל זיין דאָרט און וועל אייך פאָרלייגן.

— זאָגט מיר ווו, וואָס פאַראַ אַרבעט?

— וואָס דאַרפט איר, איך וועל אייך שוין קומען זאָגן.

אַזוי האָט ער זיך טאַקע ניט דערוואַרט, אַז בראַזוער זאָל אים נאָך עפּעס זאָגן וועגן דער אַרבעט. נייכין האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און נאָכאַמאָל זיך נאָכגעפרעגט ביי אים, נאָר יענער האָט אים אַ פּאָר מאָל אָפּגעלייגט, און נייכין האָט זיך איבערצייגט, אַז בראַזוער האָט

זיך באַרעכנט, ער האָט ניט קיין שום אינטערעס צו פאַר־בעסערן נייכינס לאַגע. דערביי האָט ער אים שטענדיק איינגעלאַדן צו זיך, אַרויסגעוויזן כלומרשטע פריינטלעכ־קייט. נייכין האָט שוין דערקענט, אַז קיין אמתע איז זי ניט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די בעסערע אַרבעט האָט ער אים פשוט ניט פאַרגינען. נייכין איז שטענדיק געווען גרייט עמיצן אַ טובה טון, בראַזער — ניט.

די יאָרן זענען געגאַנגען. ביי נייכינען האָבן אָנגעהויבן גראָ ווערן די האָר ביי די שלייפן. אַלץ אָפטער האָט ער גע־טראַכט וועגן באַציונגען פון מענטש צו מענטש און גאַנץ אָפט געמאַכט אויספירן. ווייזט אויס, אַז די עלטערע יאָרן ברענגען צום אונטערציען סך הכלען, צום אונטערצי פון לעבנס־חשבון. ער האָט נאָכאַמאָל מיט פאַרגעניגן באַגריסט דעם פּראָפעסאָר שופּנער, נאָכאַמאָל געטראַכט, אַז ער איז אַ ייד, אַן אמתער ייד, ניין, ער איז מער ווי אַ ייד, ער איז אַן אמתער מענטש. אַ ייד איז אויך בראַזער, אָבער מענטש־לעכקייט דאָס איז ביים פּראָפעסאָר שופּנער. יידישקייט איז נאָך ניט מענטשלעכקייט. מענטשלעכקייט איז דאָס העכ־סטע. — עך — האָט ער אַ זיפץ געטון — און וויפל שנאה איז ערשט דאָ ביי יידן אַליין — און ווייטער געזיפצט, און שטיל צו זיך געזאָגט: דער מענטשהייט איז נאָך בכלל ווייט צו מענטשלעכקייט.

נייכינען האָבן אָפט באַרירט זאַכן און צרות, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו אים. ער האָט זיך דערוווסט, אַז דער מאַן פון דער הויפּט־דאָקטאָרין מיכאַיל דאַווידאָוויטש איז ערנסט קראַנק און איז אָפּגעפירט גע־וואָרן אין שפּיטאָל. וועגן דעם האָבן מיט גרויס באַדויערן גערעדט די סעקרעטאַרקע מיטן דאָקטאָר גאַדלער. אויך די יונגע דאָקטאָרין גורוויץ האָט מיט גרויס מיטגעפיל גע־רעדט וועגן קראַנקן. דער פּערטער, וואָס האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צו דעם, וואָס מ׳האָט דערציילט וועגן מיכאַיל

דאַווידאָוויטשן, איז געווען דער סאַניטאַר נייכין. ער האָט מיטגעפילט און געווייטיקט פאַרן גורל פונעם יונגנמאַן.

15

אַזוי ווי פיל קראַנקע יונגע מענטשן איז אויך מיכאַיל דאַווידאָוויטש געווען ווייט פונעם געדאַנק, אַז ער שטאַרבט. ער האָט אפילו ניט גצווייפלט, אַז די היילונג, וואָס ער האָט באַקומען אין דער הויפּט־שטאָט, וועט אים אויסהיילן, און דערפאַר האָט ער זיך אַזוי געוווּנדערט, וואָס ס׳ווערט אים ניט לייכטער. פאַרקערט, ער האָט געפילט אַלץ גרעסערע שוועריקייטן ביים אָטעמען.

— ס׳ווערט מיר ניט לייכטער, פאַרוואָס ווערט ניט לייכטער נאָך דער היילונג, וואָס כ׳האָב באַקומען ? — האָט ער געזאָגט צו יעדערן, ווער ס׳איז אים געקומען באַזוכן אין שפּיטאָל.

יעדער פון די באַזוכער האָט אים געטרייסט, אַז ס׳וועט אים לייכטער ווערן. נאָר אים איז אַלץ ערגער געוואָרן.

די ערשטע צייט האָבן אים באַזוכט באַקאַנטע און דער ברודער דער ציין־דאָקטאָר. דער האָט זיך פאַרהאַלטן ביי אים מער ווי אַנדערע און געהאַט מיט אים לענגערע געשפּרעכן. דאָס איז פון אָנהויב אָן ניט געפעלן דער דאָקטאָרין קאַוואַנע, ווייל רעדן מערער האָט ער געדאַרפט מיט איר, מיט זיין פרוי, לויט איר מיינונג, נאָר מיט איר האָט ער אַמווייניקסטן גערעדט. זי האָט זיך אָבער שטאַרק צוגעקוקט צור אויפפירונג פון מיכאַיל דאַווידאָוויטשן. אייניקע מאָל איז דער ברודער געקומען צו אים צוויי מאָל אין טאָג. ס׳איז איר אויפגעפאַלן, אַז זייערע געשפּרעכן פירן זיי עפּעס וועגן אַ וויכטיקער זאַך. זי האָט געוווּסט, אַז דער מאַן האָט געלט אויף אַ שפּאָר־ביכל, האָט זי זיך דערטראַכט דערצו, אַז דעם מאַנס ברודער שטעלט פאָר מיט זיך אַ געפאַר פאַר איר : ער קען אין לעצטן מאָמענט בלייבן דער יורש פון אָט דעם געלט. און דאָ האָט זי אָנגעווענדעט איר אָרגאַניזאַטאָרישע און אַדמיניסטראַטיווע ענערגיע.

זי האָט געזען, אַז מיכאַיל דאַווידאָוויטש ווערט וואָס אַ טאָג ערגער, דער טויט איז אים געליגן אויפֿן פּנים. אין איינעם אַ טאָג איז די דאָקטאָרין אַנגעלינע איוואַנאָווגע קאָוואַנע געוואָרן די היטערן פֿון דער טיר פֿון דער פּאַלאַטע, וווּ ער איז געליגן. ווער ס׳איז געקומען אים באַזוכן האָט זי באַגעגנט ביי דער טיר מיט די ווערטער:

— מ׳טאָר צו אים ניט אַריינגיין, די דאָקטוירים האָבן דאָס פֿאַרבאָטן. מ׳טאָר אים ניט באַאומרויִקן. איר הויפּט־ציל איז געווען זיין ברודער זאָל צו אים ניט אַריינגיין. פֿון איצט אָן, וויפֿל מאָל ער איז צו אים געקומען, האָט זי אים אין פּאַלאַטע ניט אַריינגעלאָזט.

און וויפֿל דער ברודער האָט זי ניט געבעטן און זיך געשטעלט, אַז ער וויל אים זען, ער דאַרף מיט אים רעדן, האָט ער מער ניט געפּועלט זי זאָל אים דערלויבן רעדן מיט אים אַ וואָרט. ס׳האָט געזאָלט הייסן, אַז זי טרעט ניט אָפּ פֿונעם חולה, און מ׳האָט באַוווּנדערט:

— אַזאַ איבערגעגעבנקייט פֿון אַ פֿרוי.

דעם קראַנקן האָט שוין גאָרניט געקענט העלפֿן. ער איז שוין געליגן אַ ביז גאָר אָפּגעצערטער, מאַכטלאָז און האָפֿנונגסלאָז געקוקט אויף אַלעמען אַרום זיך און שוין קיין וואָרט ניט גערעדט. אין דעם טאָג איז דער ברודער צוגע־לאָזט געוואָרן צו אים, ווייל צום אָוונט איז מיכאַיל דאַווי־דאָוויטש געשטאָרבן.

צו די מיטאַרבעטער פֿון דער גיכער הילף איז אָנגע־קומען די מעשה מיטן שפּאָר־ביכל, און וועגן דעם האָבן די דאָקטוירים צווישן זיך שטיל גערעדט, בעת אין דער הויף האָט מען גערעדט וועגן בלומען און קרענץ, וועלכע מ׳איז געלאָפֿן באַשטעלן אויף אַלע זייטן. פֿון דעם מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעש און אַ געפּילדער וועגן אַ פּאָמ־פּעזער לוויה, ווי ס׳געשעט שטענדיק אין די פֿאַלן, ווען קיין אמתער צער נאָכן געשטאָרבענעם איז נישטאָ, דערפֿון צעוואַקסט זיך די שטרעבונג צו באַווייזן פֿאַר מענטשן, אַז

מ׳איז שטאַרק באַצאָרנט, און באַוויזן דערצו זענען קרענץ און בלומען.

די הויפּט-זאָרג ס׳זאָל זיין וואָס מער פּאָמפּעז האָט אַרויסגעוויזן די דאָקטאָרין קאָוואַנע. זי איז ספּעציעל גע־גאַנגען און באַשטעלט אַ גרויסן טרויער־קראַנץ מיט אַ גרויסן אויפשריפט: „פונעם ווייב און פון דער טאָכטער״, וועלכע האָט זיך אָנגעקערט מיט אים ווי דער פּאַראַיאַרי־-קער שניי.

ווען דער ברודער דער ציין־דאָקטאָר האָט געוואָלט באַשטעלן די קבורה טאַקע אויפן אַנדערן טאָג האָט אַנ־געלינע איוואַנאָוונע ניט איינגעשטימט.

— ניין, דאָס קען ניט זיין, איך האָב טעלעגראַפירט נאָך מיין שוועסטער, זי דאַרף פאָרן פון קאָווקאַז, זי וועט קומען ערשט מאָרגן, מיר וועלן וואַרטן אויף איר, זי איז דאָך אים ניט קיין פרעמדע — האָט זי פּרעטענציעז גע־זאָגט מיט אַ געהעכערטער שטימע.

דער ציין־דאָקטאָר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. די משפחה פון מיכאיל דאַווידאָוויטש האָבן געצויגן מיט די אַקסל, נאָר זענען געווען שטום עפּעס צו ענטפערן.

ערשט אויפן דריטן טאָג איז פאָרגעקומען די לויה. פאָרלעך וואָס האָבן געטראָגן קרענץ, האָבן זיך געצויגן כמעט אויף אַ גאַנצן קוואַרטאַל. נאָענט לעבן מת איז גע־גאַנגען אין שוואַרצן געציירט, די דאָקטאָרין קאָוואַנע, גע־פירט אונטערן אָרעם פון דער דאָקטאָרין קריווינאַ און פון דער צווייטער זייט האָט זי געפירט די אָנגעקומענע שוועס־טער. ווייטער זענען געגאַנגען דאָקטוירים און מיטאַרבע־טער פון דער גיכער הילף. אינדרייען זענען געגאַנגען אַננאַ אַבראַמאָוונע, דאָקטאָר גאַדלער און די דאָקטאָרין גורוויץ. אַלע באַגלייטער האָבן וועגן עפּעס גערעדט. איי־ניקע — וועגן דער פּרעכטיק־איינגעאָרדנטער לויה. מיט אַ געפיל פון באַליידיקונג און ווייטיק איז נאָכגעגאַנגען דער ברודער דער ציין־דאָקטאָר מיט דער משפחה. די דאָקטאָרין

קאָוואַנע איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט און אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ, געפירט פון אירע צוויי באַגלייטערינס, און פלייסיק געזאָרגט צו דעמאָנסטרירן דעם טרויער פון אַ האָפנונגסלאָזער אלמנה.

דאָקטאָר גאדלער האָט נאָך אַ לאַנגן שווייגן געזאָגט צו זיינע מיטגייערינס:

— אָט אַזוי ווערט פאַרדרייט אַ יידיש לעבן. דער טויט איז פאַר אים געווען דער איינציקער וועג זיך פון איר צו באַפרייען.

נייכין איז געווען איינער פון די קרענץ־טרעגער. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער רייע קרענץ, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דער גאַס. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַביסל געהויקערט, מיט אַ שווער גע־מיט, גלייך ער האָט געטראָגן אויף זיך די משא פון דער גאַנצער פאַלשקייט פון דער פּאָמפּעזער לויה, ווו די שיינע קרענץ און זייער גרויסע צאָל האָבן געדאַרפט דעמאָנסט־רירן די גרויסקייט פונעם צער.

16

ס'איז געווען פרילינג. די אויפגעגאַנגענע זון האָט שוין אַביסל געוואַרעמט די דורכגייער און די גאַסן. נייכין איז געגאַנגען מיט אַ ריסקל און מיט אַ הראַבליע אין די הענט, יאַקע איז אים אַקעגנגעקומען. עטלעכע שפּאַן איי־דער ער איז צוגעקומען האָט יאַקע אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט צעשפּרייטע פינגער און געפרעגט אויף אַ קול:

— וואָס איז דאָס? וואָס האָט איר זיך באַוואָפנט מיט אַזויפיל אינסטרומענטן?

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? — נייכינען איז געוואָרן אומבאַקוועם פאַר די דורכגייער פון יאַקעס הויכרעדן.

— איר האָט דאָך מיך געקענט פרעגן ווען איר וועט צוקו־מען נענטער.

— דערויף דאַרף מען דאָך האָבן שכל — האָט יאַקע

געשמייכלט — און קיין שכל איז נישטאָ, און פאָלקאָמער שכל איז נישטאָ ביי קיינעם! — האָט שוין יאקע באַשטע־טיקט מיט אַן ערנסט פנים און אַ שיטל געטון מיטן קאָפּ.

— אמתער פאָלקאָמער שכל איז נישטאָ ביי קיינעם — האָט נייכין איינגעשטימט.

— הכלל, ווי קומט צו אייך אַ הראַבליע?

— איר ווילט זאָגן: ווי קומט צו אַ יידן אַ הראַבליע?

— צו אַ יידן קען זיין, אָבער ווי קומט זי צו אייך?

— איך בין דער — האָט נייכין געענטפערט — וואָס וויל זיין דער ביישפיל פאַר אַנדערע יידן, אַז זיי דאַרפן זיך קענען באַנוצן מיט אַ ריסקל, מיט אַ הראַבליע, מיט אַן אקער־אייזן...

יאקעס פנים האָט געשמייכלט און געשיינט, ער איז געוואָרן באַגייסטערט:

— אהא, גוט — האָט ער זיך נאָך מער צעשמייכלט — איר האָט ניט געוווינט אין דער שטאָט פריער. דאָ, אַז איינער האָט זיך נאָר געדרייט לעבן אַ סוחר, האָט מען שוין געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פיינעם, ווי אויף אַ בעסערן מענטשן. און אויף איינעם, וואָס האָט פּשוט געאַרבעט, האָט מען געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ. כ'האָב אַ באַקאַנטן אלטן יידן, רעד איך מיט אים אָפּט, זאָגט ער, אַז אָט די פיינענקע מענטשעלעך, אָט די פיינע סוחרים, האָבן אונדז דערהרגעט.

— נו, טאַקע דערפאַר וויל איך ווייזן, אַז איך בין אַן אַרבעטער און לייג ניט קיין אַכט דערויף ווי אַזוי מ'וועט זיך צו מיר באַציען — האָט נייכין געענטפערט.

— איצט קוקט מען שוין אַנדערש, די צייט האָט אַביסל אויסגעלערנט.

נייכין האָט געזאָגט:

— די סטאַנדאַרטנע טענות, אַז יידן האָבן פיינט צו אַרבעטן, האָב איך אויך פיינט. יידן האָבן שוין לאַנג דער־וויזן, אַז זיי קענען אַרבעטן. נאָר פאַר אייניקע, אפילו יידן,

איז דאָס גרינגסטע צו באַשולדיקן די יידן אין אַלע זייערע צרות.

יאקע האָט דאָס מאָל, ווייזט אויס, געהאַט צייט, ווייל ער האָט פאַרגעזעצט:

— מערסטנטייל זענען דאָס געווען מענטשעלעך, וואָס דאָס פאָלק איז זיי אינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט נאָר געטראַכט אים זאָל זיין גוט, ווייטער איז אים גאָרניט אָנגעגאַנגען. האמאי האָט מען דאָ ניט גערעדט קיין יידיש, נאָר דייטש — האָט יאקע אויסגעצויגן זיינע ליפּן מיט איראָניע — אַלץ אָט די סוחרימלעך, די מער פאַרמעגלעכע. דייטש רעדן האָט געהייסן אַ קולטורעלער מענטש, נאָר אַרבעטער האָבן גערעדט יידיש, דווקא יידיש.

קענטיק געווען, אַז יאקע איז געניגט זיך אַריינלאָזן אין ווייטערדיקע באַטראַכטונגען, אָבער דאָס מאָל האָט נייכין קיין צייט ניט געהאַט און זיך מיט אים אָפּגעזעגנט.

איבערנעמענדיק דעם ריסקל אין דער אַנדערער האַנט האָט נייכין אַוועקגעשפּאַנט.

געגאַנגען און אין קאָפּ זענען ביי אים געבליבן יאקעס ווערטער: מ׳האָט דאָ גערעדט נאָר דייטש, אַרבעטער האָבן גערעדט יידיש.

זיין געדאנק איז אוועק ווייטער: יידן... יידישקייט... דאָס יידישע פאָלק... צו וואָס דאַרף ער עס? אָט שלאָגן זיך אָפּ אַ סך אַנדערע דערפון און באַרויִקן זיך. אפשר וואָלט ער זיך אויך אָפּגעלאָזט פון די באַגריפן? נאָר דאָס איז ניט לייכט. דערויף איז אַ סך צו טראַכטן. אייגנטלעך, צו וואָס דאַרף ער די יידישע שפּראַך? ער קען אַזוי גוט רוסיש און האָט אַזוי ליב די רוסישע שפּראַך. ער דערמאנט זיך אין די, וואָס וואַרפן אָפּ די יידישע שפּראַך. בראזער זאָגט: צו וואָס דאַרף מען יידיש? מיר זענען דער לעצטער דור, וואָס לייענט יידיש. ס׳האָט נאָר געוווּנדערט מיט וואָסאַראַ לייכטקייט ער האָט עס געזאָגט. אויב איר ווילט זיך אויסמעקן אַלס ייד —האָט אים נייכין גע־

ענטפערט — וועט מען עס אייך דערלויבן, כ׳האָב נאָר מורא, אַז די געשיכטע וועט אייך דערמאנען, אַז איר זענט אַ ייד, איז מיר גלייכער איך זאָל עס אַליין געדענקען. אײנײנעם מיט דער שפּראַך פאַרלירן אָט־די־אָ יידן די פאַר־בינדונג מיטן פאָלק. די שפּראַך איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר, דאָס איז אַ בריק צו אַ יידישער צוקונפט. און ווען דאָס פאָלק איז אין אַ נויט, טרייסלען זיך אָט־די, אינגאַנצן אָפּ... ערגעץ אַנדערש איז זיי באַקוועמער. ניין, איך זאָג זיך ניט אָפּ פון די יידישע אומבאַקוועמלעכקייטן. איך וויל ניט ווערן קיין אָפּגעטרוקנטע צווייג, איך וויל לעבן מיט מיין בוים, ווי עס ווינטשט זיך אַ ליאַדע צווייגל אויפן קלענסטן בוים. אָט זאָגט איינער אַ שרייבער, אַז פאַר יידיש איז איצט נישטאָ קיין פּלאַץ. און ווען וועט יאָ זיין? שפּעטער מיט פופציק יאָר? ס׳וועט ניט זיין קיין יידיש וועט נישט זיין קיין יידיש פאָלק. הייסט עס, ער איז גרייט אויסצומעקן דאָס יידישע פאָלק פונעם לעבן? ער דער־מאָנט זיך ווי ער איז אַמאָל געשטאַנען און גערעדט מיט יאקען, איז דער שרייבער דורכגעגאַנגען און געפרעגט וועגן וואָס זיי רעדן? מיר רעדן וועגן יידישע ענינים. האָט יענער אַ זאָג געטון: ווייסיך, מתים, מתים. האָט בייכין אים נאָכגעשריגן: איך בין ניט ביי דער מיינונג.

ער טראַכט ווייטער: ס׳איז קלאָר, אַז די לעבעדיקע וועלט בייט זיך, גאַנצע וועלטן זענען שוין אָפּגעמעקט גע־וואָרן, נאָר דאָס פאָלק דאַרף בלייבן, ניט איך דאַרף זיין, נאָר דאָס פאָלק...

17

די סאַניטאַרן אין דער גיכער הילף האָבן זיך ווערבירט פון פויערים פון די אַרומיקע דערפער און פון דעקלאַסיר־טע עלעמענטן. אייניקע פון זיי זענען געווען טיפּן, וואָס נאָר לויט זייער אויסזען האָט מען געקענט אורטיילן וועגן פאַרברעכערישער פאַרגאַנגענהייט. ס׳זענען אויך געווען

פרויען - אויפראמעריגס פון צווייפלהאַפטער אויפפירונג: דער ברייטפלייציקער הויכוואוקסיקער גיגאַנט לאבאניוק, שטענדיק גוט געקליידט; זיין פנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט גוט געגעסן און דערביי פיין געטרונקען. אייניקע מאָל פלעגט ער קומען פאַרטרונקען אין דער גיכער הילף. געווינט אין אַ שיין אויסמעבלירטער וווינונג. נאָר אַמ-מערסטן פאַרדעכטיק זענען געווען זיין ווייבס רייכע זיידע-נע און סאַמעטענע קליידער, אויך זייגע הויך אָנגעבעטע בעטן... ווען נייכין איז איינמאָל געווען ביי אים אין דער היים, האָט אים דאָס צופיל בעטגעוואַנט דערמאָנט אין יענע יידישע ספרים, וואָס ער האָט אין מאַרק געטראָפן ביי קריסטלעכע פאַרקויפער. אויך דאָס מאָל האָט ער זיך מיט ווייטיק געפרעגט: ווו זענען ערגעץ די באַלעבאָסטעס פון אָט דעם בעטגעוואַנט. אַ כפּרה די שמאַטעס, אָבער ווו זענען די מענטשן? נאָך אַזעלכער איז געווען דער ציגיי-נעריש-טונקלהויטיקער סאַניטאַר באַציאַן. דער איז שטענ-דיק געווען אויסגעפוצט ווי אַ דזשענטלמען, און אָסיען-צייט האָט ער זיך געאיילט אָנצוטון אַ קאַראַקולן קוטש-מעלע מיט אַ גאַנץ פיין פוטערן טולופּל. און אויף דער גאַס איז זעלטן וועמען איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַן אַנאַל-פאַבעטישער סאַניטאַר, וואָס האָט אַ מינימאַלסטן געהאַלט. נאָר ער אַליין האָט געוווסט פון וואַנען ס'שטאַמען זיין קוטשמעלע מיטן פיינעם טולופּל. און איינמאָל, ווען דאָק-טאָר גאדלער איז געשטאַנען אויף דער הויפּט-גאַס און גערעדט מיט זיינעם אַ באַקאַנטן, איז דורכגעגאַנגען אָט דער באַציאַן און זיך העפלעך, צו העפלעך, געגריסט מיטן דאָקטאָר.

— ווי קומט ער צו אייך? — האָט יענער אים אַ פרעג געטון מיט שרעק.

— ער אַרבעט ביי אונדז אלס סאַניטאַר.

— וואָס רעדט איר? איך קען אים פונעם לאַגער, דאָס איז אַ באַנדיט, ער האָט געהרגעט יידן.

— וואָס־זשע מ׳ווייסט ניט, אַז ניט איינער אַזעלכער דרייט זיך דאָ אַרום פריי — האָט גאַדלער געענטפערט מיט פאַרביטערונג — און קוקט נאָר אַן ווי ער גייט אַנגעטון.

ווען גאַדלער איז געקומען אין דער גיכער הילף איז ער באַלד צוגעגאַנגען צו אַננא אַבראַמאָוונע.

— וואָס זאָגט איר עפּעס וואָס כ׳האָב מיך דערוווּסט וועגן אונדזער סאַניטאַר באַציאַן. מיינער אַ באַקאַנטער האָט מיר ערשט דערציילט, אַז ער קען אים פֿונעם לאַגער, אַז ער האָט געהרגעט יידן.

— און איך ווייס שוין לאַנג וועגן אונדזער סאַניטאַר סיניצקי, אָט דער רויטער, וואָס אַרבעט ביי אונדז. ער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט פיינט געהאַט צו הרגענען איין יידן, ער פלעגט הרגענען צו פינף־זעקס מיטאַמאָל.

— און פונוואַנען ווייסט איר דאָס ?

— ער האָט זיך באַרימט פאַר לאַבאַניוקן, ווען זיי האָבן אינאיינעם געטרונקען. לאַבאַניוק האָט עס דער־ציילט דער אויפראַמעריןן. און איר ווייסט דאָך, אַז די אויפ־ראַמערינס און סאַניטאַרקעס זענען מיינע גוטע שוועסטער און פאַר מיר איז ביי זיי קיין סוד נישטאָ. די אויפראַמערין אקסאַנא האָט עס מיר דערציילט.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, און גאַדלער איז געזעסן אַ פינף מינוט אַ פאַרטראַכטער, ענדלעך האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ :

— עך, גיטלער מיט זיין נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ ירושה אויף לאַנג. ס׳האָט זיך פאַר־שפרייט ווי אַ בוריאַן אויף אַ פאַרלאָזט פעלד. ס׳דאַכט זיך, אַז מ׳האָט אים אויסגעריסן, נאָר דאָ און דאָרט באַווייזט ער זיך ווידער. און אָט די איבערבלייבעכצן זיינע זענען גע־פערלעכער ווי דער בוריאַן אין פעלד.

נאָך אַ פאַוזע האָט ער ווייטער געזאָגט :

— מ׳האָט דערזען, אַז ס׳איז אַ גוט געשעפט — הרגענען און צונעמען דאָס פאַרמעגן. אַמאָל, אין דרייצנטן,

אין פערצנטן, אין פופצנטן יאָרהונדערט, האָבן עס געטון הערצאָגן, קעניגן. היינט האָט עס געטון אַ גאַנץ דייטשיש פאָלק מיט דער הילף פון אויסוואורפן פון אַנדערע פעלקער.

ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. און ווייטער, נאָך אַ פּאַוזע:

— און װעמען האָט זיך אַמאָל געחלומט, אַז פון דעם שיינעם אויסגעטרוימטן סאָציאַליזם וועט אַרויסוואַקסן אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם?

אין אַ שווער געמיט האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל:

— ווען קום איך אויף דעזשורסטווע, אַננאַ אַבראַמאָוונע?

— מאָרגן פון ניין, דאָקטאָר, און מיט אייך פאָר אַ סאַניטאַר וועט איר האָבן טאַקע אָט דעם סיניצקין. איר וועט האָבן די געלעגנהייט זיך צוקוקן צו אים.

— יאָ, די געלעגנהייט און דאָס פאַרגעניגן — האָט ער געענטפערט.

18

ביי דעם טיש פון דער סעקרעטאַרקע איז געזעסן אַ בלאַס בלאָנד מיידל מיט קינסטליך געקרייזלטע האָר. איר פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז זי איז שוין אַ געליטענע אין לעבן. זי ווערט אויפגענומען אויף אַרבעט אין דער בוכהאַלטעריע און דערלאַנגט אירע דאָקומענטן. ביים טיש פון אַננאַ אַבראַמאָוונאַ זיצט אויך איר אָפטער מיטשפּרעכער דאָקטער גאָדלער.

אַננאַ אַבראַמאָוונע קוקט אין איר פּאַספּאָרט און באַלד הויבט זי אויף איר פּנים צום מיידל:

— זשעניאַ פּאַרטאָווסקאַיאַ, רוסקאַיאַ? איר זענט אַ רוסישע? — האָט זי געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג.

דאָס גאַנצע אויסזען פונעם מיידל האָט קיינעם נישט געקענט אָפּנאַרן.

— ניין, איך בין אַ יידישע — האָט דאָס מיידל געענט־פערט מיט אַ קרענקלעכן קנייטש אין איר פּנים, — נאָר איך בין פון אַ דעטדאָם. אַהין בין איך אַריין ווען איך בין אַלט געווען צוויי יאָר. צו זעכצן יאָר ווען מ'האָט מיר גע־געבן אַ פּאַספּאָרט האָט די פאַרוואַלטערין מיר געזאָגט: איך האָב דיך פאַרשריבן רוסקאַיאַ, ס'זאָל דיר זיין גרינגער אין לעבן, און איך וויל ס'זאָל דיר זיין גוט. און מיט אַזאַ פּאַספּאָרט וועט דיר זיין בעסער.

— יידן וואָס קענען ניט רעדן קיין יידיש האָב איך שוין באַגעגנט אַ סך — האָט גאָדלער געזאָגט — נאָר יידן מיט קריסטלעכע פּאַספּאָרטן טרעפן זיך זעלטענער, און ס'איז טשיקאַווער. איינע אַזאַ אוקראַאינקע האָבן מיר שוין, אַ קלאַודיע איוואַנאָוונע, איצטער האָבן מיר שוין... ווי אַזוי וועט איר הייסן?

— יעווגעניאַ זאַכאַראָוונאַ — האָט ווי אַ שולדיקע גע־ענטפערט דאָס מיידל.

— אונדזער קאָלעקציע פון נאַציעס פאַרגרעסערט זיך — האָט ער געזאָגט מיט איראָניע.

אַננאַ אַבראַמאָוונע האָט גענומען איינשרייבן אין בוך אירע דאָקומענטן.

דאָס מיידל האָט ווייטער געזאָגט:

— איר פאַרשטייט מיין לאַגע... איך וווין אין אַ הויז, וווּ איך הער רעדן אויף יידן... יידן אַזוי... איך מוז אַלצדינג איינשלינגען, ווייל איך בין דאָך אַ רוסישע...

זי האָט גערעדט ווי אַ מענטש, וואָס זיצט אויף אַ באַ־שולדיקונגס־באַנק.

— יאָ, ס'איז פאַרשטענדלעך — האָט געזאָגט גאָדלער, קלאַפּנדיק מיט די שפּיץ פינגער אין טיש.

ביים טיש פון דער סעקרעטאַרקע האָבן זיך אָפּגע־שפּילט פיל געשעענישן פונעם לעבן פון דער גיכער הילף. טאַקע באַלד איז צוגעקומען דער יונגער געפּוצטער דאָק־טאָר מאַזיליוק. זיין שיין, נאָר אַביסל אָפּגענוצט פּנים האָט

דערציילט וועגן זיין זיכערקייט און צופרידנקייט מיט זיך.
אָט דער יונגער דאָקטאָר, ניט קוקנדיק אויף זיין קליינעם ארבעטס־סטאַזש, האָט געהאַט גרויסע פּרעטענזיעס צו פאַר־דינען אַ סך געלט. מיט זיינע פּרעטענזיעס איז ער שטענדיק געקומען צו אַננאַ אַבראַמאָוונע:

— נו, אַננאַ אַבראַמאָוונאַ, איך האָב ווייניק דעזשורסט־ווען דעם האַלבן חודש.

— אַזויפיל וויפל איר דאַרפט האָבן האָט איר שוין.

— נאָר ס׳איז מיר ווייניק.

— אויב עמיצער וועט זיין קראַנק און וועט ניט קומען צו דער אַרבעט, זענט איר דער ערשטער.

— געדענקט־זשע. — הוידענדיק זיין שלאַנקן קערפּער אויף רעכטס און אויף לינקס איז ער אַוועקגעגאַנגען.

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת — האָט זי זיך געווענ־דעט צו גאָדלערן — פאַר אים האָב איך פּשוט מורא. איינ־מאָל האָט זיך אים נאָר אויסגעדאַכט, אַז ער וועט האָבן ווייניק, האָט ער אויפגעהויבן אויף מיר אַזאַ קול.

נאָר אַננאַ אַבראַמאָוונע האָט ניט געענדיקט אירע רייד, ווען צום טיש איז צוגעקומען ד״ר קריפער.

— אַננאַ אַבראַמאָוונע, איר האָט גאָר באַעוולט מיין פרוי, זי האָט גאָרנישט דעם האַלבן חודש — האָט ער אָנ־געהויבן מיט אַ קול פול פּרעטענזיעס...

— אייער פרוי איז דאָקטאָר קריפער? ווער איז שול־דיק? זי איז דאָך ניט געקומען צו דער אַרבעט אויף די באַשטימטע דעזשורסטוועס און איך האָב געמוזט שטעלן אַנדערע דאָקטוירים.

— זי איז געווען קראַנק. אָבער איר מוזט וויסן, אַז מיר לעבן פונעם געהאַלט — האָט ער שוין געהעכערט זיין קול.

— איך קען דאָ גאָרניט העלפן. אַז מ׳קומט ניט צו דער אַרבעט, נאַטירלעך, פאַרלירט מען.

— איך וועל גיין צום דירעקטאָר, איך וועל דאָס ניט שווייגן! — און ער איז אַוועק.

— אָט דאָס האָב איך פון זיי — האָט זי זיך געווענדעט צו גאַדלערן — פאַר אַלעמען לאָזן זיי אויס צו מיר.

— הערט זיך ניט צו צו זיי, אַננאַ אַבראַמאָוונע.

זי האָט זיך באַלד באַרויִקט און אויף איר צופרידן פּנים האָט מען דייטלעך געזען, אַז ווען ד״ר גאַדלער זיצט ביי איר טיש, קאָמפּענסירט ער איר אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן.

ס׳זענען אַריינגעקומען צוויי יינגלעך: איינער פון אַ יאָר פערצן, דער אַנדערער פון אַ יאָר צוועלף. זיי זענען צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן־צימערל, וועלכעס האָט זיך געפונען אין ווינקל פונעם גרויסן צימער. דאָס טירל האָט זיך געעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן די טעלעפאָניסטין, אַ פולע מיטליאָריקע פרוי מיט אַ בלייך קרענקלעך פּנים.

— ווער זענען די יינגלעך? — האָט געפרעגט גאַדלער?

— דאָס זענען דער פרימערמאַנס יינגלעך. דאָרט איז אַ באַזונדער טראַגעדיע. איר קריסטלעכער מאַן וווינט ניט מיט איר, ס׳איז ביי איר צרות בכלל... נאָר די יינגלעך האָט ער איר געלאָזט. איר זאָלט אָנקוקן די יינגלעך, גע־זונטע מיט פאַריסענע נעזלעך, טיפּישע קריסטלעכע יינג־לעך. איר האָט ניט געזען איר מאַן? די יינגלעך זענען קאָפּיעס פון אים...

— מסתמא אין איר איבערגעגעבנקייט צום מאַן — האָט מיט איראָניע געזאָגט גאַדלער — האָט זי די גאַנצע איניציאַטיוו ביים באַשאַפן די קינדער איבערגעגעבן אים, און ער האָט זיי באַשאַפן לויט זיין געשטאַלט, ווי ס׳טוט עס יעדער באַשאַפער.

אַננאַ אַבראַמאָוונע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווייל גאַדלערס באמערקונג איז געווען פאַר איר צו שאַרף.

זי האָט פאַרגעזעצט מיט איינגעהאַלטענעם שמייכל:

— האָט זי אָבער אָפּגעטון נאָך אַ זאַך. זי האָט זיי פאַרשריבן אויף איר פאַמיליע,ליידן זיי דערפון אין שול.

מ׳שרייט אים זשיד און ער שרייט: יאָ רוסקי. נו, וואָס פאַר אַ רוסקי איז פרימערמאַן? האָט זי מיר דערציילט, אַז די יינגלעך דערגייען איר די יאָרן: פאַרוואָס האָט זי זיי אָנגעהאַנגען איר פאַמיליע? האָבן זיי טענות צו דער מאַמען. זי האָט מיט זיי צו זינגען און צו זאָגן. און אַליין איז זי אַ קראַנקע, אַן אומגליקלעכע פרוי...

— יאָ — האָט גאָלדלער געזאָגט מיט אַ זיפץ — ס׳איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך...

19

מיט בראַזערן האָט זיך נייכין זעלטן באַגעגנט, נאָר אין הויז צו אים פלעגט ער קומען און ווען ער האָט אים ניט געטראָפן, האָט ער גערעדט מיט דער חנעוודיקער פרוי בראַזער. זי איז געווען זייער פריינטלעך צו אים און זייער ליבלעך אים אויפגענומען. דאָס איז געווען אַ געוויינלעכע גרייטקייט פון אַ פרוי צו פאַראינטערעסירן מיט זיך אַ מאַן אפילו אָן אַ כונה מיט אים צו זינדיקן.

— זיצט, וואָס קומט איר אַזוי זעלטן צו אונדז? מיין מאַן? ער האָט געדאַרפט ערגעץ צוגיין.

זי האָט שוין באַמערקט, אַז נייכין האָט אינטערעס צו לעבנס־געשיכטעס און שטענדיק האָט זי געהאַט עפּעס צו דערציילן ס׳זאָל אים פאַראינטערעסירן. אירע שוואַרצע גלאַנציקע האָר זענען געווען גלאַט פאַרקעמט, אירע שוואַרצע אויגן האָבן באַצירט לאַנגע וויעס, איר אויסזען איז געווען אנגענעם און ער האָט ליב באַקומען מיט איר צו רעדן.

— אך, מיט איינער אַ יונגער פרוי, וואָס האָט זיך ביי מיר געניייט, איז געשען אַזאַ שרעקלעכער צופאַל.. — האָט פרוי בראַזער אָנגעהויבן — זי איז אַ יונגע דאָקטאָרין, זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגנמאַן אויך אַ דאָקטאָר, האָט שוין געהאַט אַ קינד... שפּעטער זענען ביי זיי פאַרגעקומען מיספאַרשטענדענישן און זיי האָבן זיך צעשיידט. אין דער

צייט האָט זי זיך אָנגעהויבן באַגעגענען מיט אַ רוסישן לע־רער. איר מאַן פלעגט קומען זיך זען מיטן קינד. שפּעטער האָבן זיי אים פאַרווערט צו קומען. דעמלט האָט ער אָנגע־הויבן רעדן וועגן צונויפקומען זיך צוריק. צו דער צייט האָט זי דערקלערט דעם לערער, אַז זי וויל זיך מער ניט באַגעגענען מיט אים. איז ער איינמאָל געקומען און גע־בעטן זי זאָל צו אים אַרויסקומען, ער האָט עפּעס צו רעדן מיט איר. זי האָט געענטפערט, אַז זי האָט ניט וואָס צו רעדן מיט אים. האָט ער געבעטן זי זאָל אַרויסקומען כאָטש אויף צוויי מינוט. האָט זי זיך אַ קוק געטון אין שפּיגל, צוגעגלעט די האָר, איר ווייסט ניט — אַ פרוי? און איז צו אים אַרויסגעקומען. דער לערער איז געווען שיכור. ער האָט איר אַזוי צעשלאָגן דאָס פּנים... און ווען זי איז אומ־געפאַלן האָט ער זי געשלאָגן מיט די פיס... זי איז אָפּגע־לעגן אין שפּיטאָל פיר חדשים. ניט קוקנדיק דערויף האָט איר פריערדיקער מאַן געוואָלט זיך איבערבעטן און זיך צוריק צונויפקומען. האָט זי געשטעלט אַ באַדינג: אַרויס־פאָרן פון דער שטאָט, ווייל דאָ איז איר אַ בושה, ער האָט אָבער ניט געוואָלט איבערלאָזן זיין אַרבעטס־פּלאַץ און זיי זענען זיך ניט צוזאַמענגעקומען.

— און איצט וואָס איז ביי זיי? — האָט בייכין גע־פרעגט.

— ער האָט שוין דערווייל חתונה געהאַט און דאָס ווייבל איז געבליבן אַליין.

— ביי אונדז איז דאָ איינער אַ דאָקטאָר, זאָגט ער: אַזוי פאַרפלאָנטערט זיך אַ יידיש לעבן.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט בייכין געזאָגט:

— און איך בין היינט גראָדע גאַנץ צופעליק געווען אַן עדות פון אַזאַ סצענע. אַ טאַטע קומט אַריין אין הויף וווּ ס׳שפּילן עטלעכע קינדער, צווישן זיי אויך זיין מיידעלע. זי דערזעט אים, לויפט זי צו צו אים. פון זיינע אויגן שטראַלט נחת פון אַ טאַטן. זי זאָגט אים:

— מיט אַט דעם מיידעלע וועל איך מיך מער ניט שפּילן — זי ווייזט אים אָן אויף אַן אַנדער מיידעלע.

— פאַרוואָס, וואונדערט ער זיך, זי איז אַ גוט מיידעלע, אַ ווילע...

— ווייל זי איז אַ זשידאָווקע, זאָגט די קליינע.

— און דו וואָס ביסט? — פרעגט ער זיין קינד פאַר־וואונדערט.

— איך בין אַ רוסישע.

— און איך וואָס בין? — פרעגט ער ווייטער.

— דו ביסט אויך אַ רוס.

— ניין, סלאַוואַטשקע, איך בין אויך אַ זשיד. און ווער האָט דיר דאָס געזאָגט? מער זאָלסטו אַזעלכעס ניט זאָגן. דאָס מיידעלע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און דער פאָ־טער האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרבאַהאַלטענעם ווייִ־טיק. און אויף זיין פּנים האָב איך געזען, אַז אין קאָפּ ביי אים טראָגט זיך דורך אַ שטורעם פון געדאַנקען.

נייכין איז אַנטשוויגן געוואָרן. שפּעטער האָט ער גע־זאָגט מיט אַ זיפץ:

— יאָ, אַזעלכע זאַכן לייגן אַ שטעמפּל אויף אונדזער געמיט, אויף אונדזער גאַנצן לעבן.

נאָך אַזאַ אויסטויש פון איינדרוקן מיט פרוי בראָזער פלעגט נייכין אַוועקגיין כדי צו קומען אויף אַ באַזוך אין עטלעכע וואָכן אַרום.

20

אַזויווי אַננאַ אַבראַמאָוונאַ פלעגט זיך באַקלאָגן פאַר גאָדלערן אויף אירע צרות, וואָס זי האָט געהאַט אויסצו־שטיין פון די מיטאַרבעטער אַזוי איז געקומען די ריי פון גאָדלערן צו באַקלאָגן זיך פאַר איר.

אין דער צייט פריי פון דעזשורסטוועס פלעגט ער אָפט אַריינקומען, און זיין פּלאַץ איז שטענדיק געווען ביי איר טיש. אויך איצט איז ער דאָ געזעסן און גערעדט:

— ס'איז מיר שוין אָנגעצייכנט ניט האָבן קיין רו... פלוצים קומט צו פאָרן צו מיר אַ קראַנקער מענטש, אַן אינוואַליד, מיט טשעמאָדאַנעס, מיט די בעבעכעס. מ'האָט אים געגעבן איינס פון מיינע צימערן. אַזוי־ווי איך האָב דריי צימערן, האָט מען געפונען, אַז ס'איז צופיל פאַר מיר און מ'האָט מיר צוגעשיקט אַ קוואַרטיראַנט. איר שטעלט זיך פאָר אַ פרעמדן מענטשן אין שטוב, און דערצו נאָך אַ קראַנקן... איך ווייס ניט וואָס צו טון. איצט לויף איך אַרום. שוין געווען ביי אין עלטסטן, ביי אַ צווייטן... מ'זאָגט מיר צו, אַז מ'וועט אים צוזוכן אַ קוואַרטיר, דערווייל זאָל ער זיין ביי מיר.

דורכן צימער איז דורכגעגאַנגען אַ יונגע דאָקטאָרין אין אַ שטייף־געפּרעסטן ווייסן כאַלאַט. איר קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַביסל אויף אַ זייט און אויף איר פּנים — דער אויסדרוק פון אומבאַגרענעצטער צופרידנקייט, ניט אַנדערש — דער מענטש האָט דערגרייכט דאָס העכסטע, צו וואָס אַ מענטש קען שטרעבן. דערביי האָט זי איר פּנים געהאַלטן אַזוי, אַז אונטער אירע באַקן האָט זיך געשאַפן אַ קליין גוידערל און דאָס האָט איר צוגעגעבן אַ שטאָלצן אויסזען. און צו האָבן אַזאַ אויסזען האָט זי טאַקע געשטרעבט. ניט איינמאָל האָט זי שטודירט פאַרן שפּיגל די פּאָזע אירע. גאדלער האָט אויף איר אַ קוק געטון און זיך צוגעבויגן נידעריקער צום טיש.

— און ווער איז די? עפּעס אַ פּנים חדשות ביי אונדז.

— יאָ, דאָס איז אַ נייע דאָקטאָרין ביי אונדז.

— זי איז אויך אַן עכט רוסישע?

— לויט דער פאַמיליע — יאָ. זי הייסט קלאַקאַטאָוואַ — האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל געזאָגט אַננאַ אַבראַמאָוונע.

— און פאַרשריבן אַ רוסישע?

— ניין, גראַדע לויטן פּאַספּאָרט איז זי אַ יידישקע, נאָר זי דעקט זיך צו מיטן נאָמען. זי איז פאַרשריבן גאָלדא

מאַרקאָווגאַ, נאָר דאָ הייסט זי גאַלינאַ מאַקאַראָווגאַ.

— אוי, — האָט גאדלער אַ זאָג געטון — פון שעה צו שעה איז מיר ניט לייכטער..

אין דער צייט איז די דאָקטאָרין קלאַקאַטאַווא לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען איבערן צימער מיט נאָך אַ דאָקטאָר. זי האָט מיט אים וועגן עפּעס גערעדט. גאדלער האָט זי באַטראַכט:

אַ קליין חנעוודיק פּנימל, בעתן רעדן קרימט זי דאָס מויל אַביסל אין דער לינקער זייט, דערביי איז זי אויך כלומרשט חנעוודיק, ווייל זי איז יונג, נאָר דאָס גיט אויס איר לאַנגעדיקע געוויינהייט צו פאַלשקייט און צווייפּנימ־דיקייט, אפשר נאָך פון קינדהייט. דאָס רופט אַרויס ביי גאדלערן אַ פּלוצימדיקע שנאה צו איר. ער דערזעט אין איר אַ מענטשן, וואָס איז אויף אַלצדינג פעיק.

— אי, אי, אי, ווי חנעוודיק זי קרומט איר פּיסקעלע — האָט ער אַ זאָג געטון.

— אוי, — האָט זיך גאדלער צעלאַכט — דאָס האָט מיר דערמאָנט אַ שכן מיינעם. ער הייסט נעבעך פּיניע, יום כפור פאַסט ער און גייט אין שול אַריין, נאָר דאָס ווייב, זי איז ביי אים דאָס צווייטע ווייב, ביי איר דער ערשטער מאַן איז געווען אַ קריסט, נאָר דעם איצטיקן מאַן, דעם פּיניען, הייסט עס, רופט זי פּעטיע.

און נאָך אַ פּאַוזע האָט ער געפּרווט זיך אויפהייבן פונעם בענקל, נאָר געבליבן זיצן.

— און אַליין... קאַם וואָס איך גיי אַרום — האָט ער ווייטער גערעדט — איך קען ניט גיין אויף די פיס. איך גיי אין גאַס מוז איך מיך אָפּשטעלן, כדי איבערכאַפּן דעם אָטעם, וואָס ווייטער ווערט מיר אַלץ שווערער גייען אויף די פיס.

לויט זיין אויסזען איז שווער געווען צו גלויבן זיינע רייד: אַ שיינער מענטש פון מיטעלער ווויקס, קיילעכיקע ראָזע באַקן מיט אַ קיילעכיקן בויך, נאָר אין גאַס האָט מען געקענט זען ווי שווער ער גייט אויף זיינע פיס און שטעלט

זיך אָפּ כאַפּן אַ דעך. נאָר דאָס אַלעס האָט אים ניט גע־שטערט אין דעם זעלבן אָוונט, ווען ער האָט דעזשורעט, אַרויסנעמען פון זיין לעדערנעם בייטל אַ סלויקל פלייש, גרינוואַרג, געבעקס — אַ גאַנצן אויסוואַל פון מאכלים, און זיך אויף לאַנג אַוועקזעצן עסן מיט אַ גוטן אַפּעטיט. און צוזאַמען מיט פיל אַנדערע אומשטענדן פון זיין לעבן, איז אין דעם באַשטאַנען אַ טייל פון געפּאַר פּאָר זיין לעבן, נאָר דערווייל האָט ער גוט געגעסן און — חי געלעבט!

21

איינער פון נייכינס זין איז איבערגעפאָרן פונעם קליי־נעם שטעטל אין דער גרויסער שטאָט מיטן ווייב און פיר קינדער: צוויי מיידלעך און צוויי יינגלעך. נייכין איז געוואָרן אַן אָפּטער גאַסט ביי זיי, זיך צוגעלאָזט צו די קינדער, פאַרבראַכט גאַנצע אָוונטן, אויך די טעג, ווען ער איז געווען פריי פון אַרבעט. זיך געראַשט מיט די קינדער, גענומען איינעם אויף די פּלייצעס, דעם אַנדערן, געלאָפן איבער דער שטוב מיט זיי.

אין אַ זונטיקדיקן טאָג איז צו דער שנור געקומען צו גאַסט אַ פרוי פונעם דערבייִיקן שטעטל, מיט וועלכער זי האָט ניט לאַנג געשלאָסן באַקאַנטשאַפט. בראָניע, אַ ווייבל ביי די פערציק יאָר, מיט אַן אָפּגעצויגן לענגלעך פּנים מיט פּריצייטיקע קנייטשן אויף די באַקן — סמנים פון ליידן און איבערלעבענישן. מיט איר — אַ פּאָר מיידלעך — איינע פון דרייצן יאָר, די אַנדערע — עלף יאָר. בראָניע איז גע־זעסן אויפן דיוואַן און דערציילט פון איר לעבן אין קליי־נעם שטעטל, ווו זי וווינט און אַרבעט.

— קומט צו גיין זירקע פון דער שול און דערציילט מיר, אַז זי האָט געשלאָגן גאַניען. פאַרוואָס האָסטו זי גע־שלאָגן? — פרעג איך. זי האָט מיר געזאָגט פאַגאַנאַ זשי־דיוקאַ. נו, איז זי טאַקע שענער פון דיר? — פרעג איך זי. איך ווייס? — זאָגט זי, און גייט צום שפּיגל זיך אָנקוקן.

אין צימער איזביים טיש געשטאַנען אַ די זירקע און געקוקט אין אַ ביכל. דאָס איז געווען אַ שיין מיידעלע, היבש געוואַקסן, מיט טונקל־בלאָנדע האָר, אין דעם על־טער, ווען אַ מיידל הייבט אָן אַלץ אָפטער קוקן אויף זיך אין שפּיגל.

— און טאַקע באַלד נאָכמיטאָג — האָט בראָניע פאַר־געזעצט — קומט צו גיין צו מיר די שכנה, גאַניעס מוטער, מיט טענות, אַז זירקע האָט געשלאָגן גאַניען. זאָג איך איר: זי האָט דאָך איר געזאָגט פּאגאנא זשידיוקאַ, זאָגט זי צו מיר: נו, ס'איז דאָך אמת. זאָג איך, האָט זירקע גוט גע־טון, וואָס זי האָט זי געשלאָגן.

אַזוי איז בראָניע געזעסן אויפן דיוואַן און גוטמוטיק, מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף אירע דינע ליפּן, דערציילט פון איר איצטיקן לעבן אין קליינעם שטעטל.

די טיר האָט זיך געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען אַן אַלטער מיטלוווקסיקער פעסט־געבויטער פויער. זיין גרויע באָרד און זיין צעאַקערט טונקל־בראָנדזן פּנים האָבן אויס־געגעבן זיין טיפע עלטער. ער האָט געהאַט צו פאַרקויפן קאַרטאָפל, אַביסל איז אים נאָך געבליבן, אפשר וועט מען זיי דאָ ביי אים קויפן? דערווייל האָט ער זיך אַוועקגע־זעצט, פאַרויכערט אַ ציגאַר, לאַנגזאַם, מיושבדיק.

נייכין האָט אים באַטראַכט, באַוווּנדערט זיין זיכערקייט, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן מיט יעדער וואָרט זיינס, מיט יעדער באַוועגונג. נייכין האָט אים געפרעגט ווי אַלט ער איז?

— דריי און אַכציק יאָר, ענטפערט ער — ע־ע־ך — גיט ער אַ צי אויס אַ זיפץ — כ'האָב אַ סך געזען אין מיין לעבן. כ'האָב געלעבט מיט יידן אין מיין דאָרף. ווען די דייטשן זענען געקומען האָבן זיי אַלע אויסגעהרגעט. וואָס האָבן זיי געהאַט צו זיי? — שאָקלט ער מיטן קאָפּ. — ביי מיר אין שטוב איז געווען אַ שכן סטרול, ווען די דייטשן זענען אַריין האָט ער זיך דערשראָקן און איז פון מיר אַנט־

לאָפן. זיי האָבן אים געשאָסן. ווען ער גייט ניט אַוועק פון מיר וואָלטן זיי אים ניט געשאָסן.

נייכינען קומט אָן דאָס שטענדיקע האַרץ־קלעמעניש, וואָס ער דערפילט, ווי נאָר מ׳הייבט אָן רעדן וועגן דעם. ער באַטראַכט דאָס בראָנדזענע פּנים פונעם פויער, זיין פעסטקייט, זיין זיכערקייט, אַז מיט אים קען אַזעלכעס ניט געשען. אים האָט קיינער ניט געפּרוווט אפילו שיסן. נייכין, זיין שנור, בראָניע, הערן זיך צו צו אים, באַטראַכטן אים, אפשר טיף אין זייערע הערצער טראָגט זיך דורך ביי זיי אַ געפיל פון קנאה צו דעם אַלטן זיכערן פויער. ווען ער האָט אויסגערויכערט דעם ציגאַר האָט ער באַלד פאַר־קויפט זיינע קאַרטאָפל און איז אַוועקגעגאַנגען.

בראָניע האָט געזאָגט:

— דער אַלטער האָט מיר איצט דערמאָנט אין מיין היים. אָך, מיין אַלטער פאָטער, געוועזן זייער אַ פרומער און אַ געלערנטער... ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען איז ער געשטאַנען אין טלית און געדאַוונט. ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זיי האָבן אים ניט אָנגערירט, נאָר שפּע־טער האָט מען אים גענומען אין לאַגער... מער האָב איך אים ניט געזען, און פון אונדזער שטוב האָט מען אַרויס־געפירט אַ וואָגן מיט ספרים.

מיין איצטיקער מאַן וואַסילי האָט מיך אויסבאַהאַלטן צווישן אין אַ גאָרטן, אין אַ גרוב, דערנאָך אין וואַלד. דריי יאָר ער האָט ער מיך אויסבאַהאַלטן. אין זיין משפחה האָט מען אָנגעהויבן רעדן דערפון. וואַסיליעס אַ טיאָטיע האָט געלייגט קאָרטן און האָט פאָרגעזאָגט, אַז איך וועל ווערן זיין ווייב, ער וועט מיט איר חתונה האָבן, האָט זי געזאָגט, מ׳דאַרף זי סמען. די קליינע ברידערלעך וואַסיליעס האָבן דאָס דערהערט, זענען זיי צו אים געלאָפן און אים דאָס דערציילט. דעמלט איז ער געגאַנגען צו די עלטערן און צו די פריינט און זיי געזאָגט: טאָמער וועט מיט מיר עפּעס

געשען, הרגעט ער זיי אַלע אויס און גייט אין טיורמע, און דאָס וועט זיי אַלע רויִנירן.

די גאַנצע צייט האָט בראָניע געווישט די טרערן.

— נאָר ווען איך דערמאָן מיך אין מיין היים כאַפּט מיך אָן אַזאַ האַרץ־קלעמעניש... ס'איז ביי מיר געווען אַ קוואַרטיראַנטקע, אַן עלטערע פרוי, ווען זי האָט פרייטיק־צו־נאַכטס געבענטשט ליכט, האָב איך דעם גאַנצן אָונט געוויינט... ווען איך זע עפּעס אַזעלכעס פיל איך מיך אַזוי איינזאַם... אמת, וואַסילי האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן, אָבער אין איבריקן איז ער מיר אינגאַנצן פרעמד... כאָטש דאָס לעצטע יאָר פון מיין לעבן וואָלט איך געוואָלט לעבן מיט אַ יידן.

זי האָט אַ ווײלע געשוויגן.

— אך, איך וויל, אַז כאָטש איינע פון מיינע מיידלעך זאָל חתונה האָבן מיט אַ יידן... לאָז כאָטש זירקע חתונה האָבן מיט אָט דעם ייִנגעלע, וואָס זיצט דאָרט אין ווינקל.

זי האָט אָנגעוויזן אויף נייכינס עלטערע אייניקל, וואָס איז געזעסן אין אַנדערן עק צימער און געלייענט אַ ביכל. אַלע אין שטוב האָבן זיך צעלאַכט.

— לאַכט ניט, איך מיין עס טאַקע ערנסט, איר מעגט מיר גיבן דאָס וואָרט.

נייכין האָט געזאָגט:

— היינטיקע צייטן קען מען אַזאַ וואָרט ניט געבן, ס'איז ניט אַמאָל.

ער האָט געקוקט אויף בראָניען און געטראַכט:

— אך, ווי זי איז נאָך צוגעבונדן צו איר שטאַם, וויפל נאָך טויזנטער יאָרן וועלן זיך יידן קלאַמערן אין זייער שטאַם?

22

נייכין איז געווען אַ געזונטער מענטש, זעלטן זיך געווענדעט צו דאָקטוירים, נאָר ס'האָט אים אָנגעהויבן

באַאומרויִקן דאָס האַרץ און ער האָט וועגן דעם געזאָגט דער דאָקטאָרין הורוויץ. זי האָט אים געהייסן קומען צו איר אַהיים. ווען זי האָט אים באַטראַכט איז נאָר איר צוגע־לייגטע היינט שוין געווען א רפואה. ביי דער געלעגנהייט האָט ער זיך אויך באַקאַנט מיט איר אַלטן פאָטער איסאַק הורוויץ. דאָס איז געווען אַ הויכער שוין גרייז־גראָער ייד. נייכין האָט זיך גיך איבערצייגט, אַז אין קעגנזאַץ צו זיין טאָכטער איז דער אַלטער הורוויץ געווען אַביסל אַ פריקרע מענטש, נאָר מיט נייכינען האָט ער זיך באַפריינדעט און אים איינגעלאַדן ער זאָל צו אים קומען אָפטער. דערביי האָט נייכין געזען אַ זעלטענע באַציִונג פון אַ טאָכטער צו אַ טאַטן. דאָס איז געווען דער אידעאַלער כיבוד אב, וועל־כער איז פאַרשריבן אין דער תורה. פון צייט צו צייט פלעגט ער אין אָוונט קומען אַהין און דאַן האָט ער ערשט געזען, אַז די דאָקטאָרין הורוויץ איז די דאָקטאָרין פון דער גאַנצער גאַס. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס איז איר אמתער באַרוף — אַזוי דאַרף זיין אַ דאָקטאָר.

די הורוויץ איז געקומען פון דער אַרבעט און זיי האָבן זיך געדאַרפט זעצן עסן אָוונט־ברויט, נאָר אין דער צייט איז אַרייַנגעקומען אַן עלטערער קריסט און זי גערופן צו זיין שוועסטער, וועלכע איז קראַנק געוואָרן. מ׳האָט אים געזאָגט, אַז זי איז אַ גוטע דאָקטאָרין, דערפאַר איז ער זי געקומען רופן.

אין אַן אָוונט, ווען נייכין איז דאָרט געווען, איז אַרייַנ־געקומען אַן אַלטער ייד, ווייזט אויס, אירער אַ לאַנגיאָרי־קער פאַציענט. לויט זיין פופייקע, לויט זיין קליידונג און לויט זיין אַרט רעדן, האָט מען אין אים דערקענט אַ פשוטן בעלאָרוסער יידן. נייכין האָט אים געפרעגט וויפל ער איז אַלט. — צוויי און אַכציק — האָט ער געענטפערט — נאָר אמת איז, אַז איך בין שוין זעקס און אַכציק.

די הורוויץ האָט אים אויסגעפרעגט וועגן זיין צושטאַנד, אים געהייסן זיך אויסטון, און מיט אַזאַ צאַרטקייט אָוועק־

געלייגט אויף זיין אַקסל איר האַנט, אים אויסגעקלאַפּט און באַטראַכט, אַז נייכין האָט מיט אַנטציקונג געקוקט אויף איר. דערביי האָט ער באַטראַכט דעם אַלטן אומבאַהאָלפּע־נעם יידן — אַ פאַרקערפּערונג פון אַ יידישן האַרעפּאַשניק. אין זיין אויסזען האָט זיך געלייענט גרייטקייט אַלצדינג אויסהאַלטן און אומבאַגרענעצטע אונטערטעניקייט דעם גורל. אַזאַ אונטערטעניקייט דעם גורל האָט נייכין אָפּט גע־לייענט נישט נאָר אויף יידישע פּנימער, און שטענדיק האָבן זיי ביי אים אַרויסגערופן גרויס מיטגעפיל.

די אויפמערקזאַמקייט, די צאַרטקייט, וואָס די דאָק־טאָרין האָט אַרויסגעוויזן דעם אַלטן יידן, איז געווען אַן אמתע טרייסט פאַר נייכינען, פאַר איר אַלטן טאַטן און פאַר דעם אַלטן בעלאָרוסער האַרעפּאַשניק. זי איז געווען פון די דאָקטוירים, וואָס צוזאַמען מיט מעדיציניש וויסנ־שאַפטן פאַרייניקן זיי אין זיך האַרציקע באַציִונג צום מענטשן און איבערהויפּט צום חולה.

צווייטער טייל

1

די פאַרוואַלטערין פון געזונטהייט־אַמט איז געווען די יונגע פרוי גונאַראַווא, אַ הויך־געוואַקסענע, מיט אַ צאַר־טער טאַליע, מיט אַן אויסגעאיידלט לויטער פּנים, מיט אַ זאָרגעוודיק־אויסגעפלאָכטענער פריזור פון אירע טונקל־בלאָנדע האָר. און דאָס קאָסע קנייטשיקל אויף איר שטערן, דאָרט וווּ ס׳הייבט זיך אָן די נאָז, האָט איר נאָך צוגעגעבן סאָלידקייט, וואָס פאָדערט זיך פאַר אַן אָנפירערין פון אַן אַמט. דערצו האָט זי נאָך געהאַט אַן ענערגישע שטימע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך אָפּט געלאָזט הערן הערשערישע טענער.

זי איז פלוצים אַרויפגעשווימען אויף דער אויבערפלאַך פון געזונטהייטס־אַמט. ביז איצט האָט זי קיינער אין שטאָט ניט געקענט. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר איינער פון די, וועגן וועלכע מ'זאָגט, אַז זיי קענען זיך „אַוועקשטעלן". זי פלעגט אָפט אַרויסרופן צו זיך דאָקטוירים פון פאַרשיידענע מעדיצינישע אַנשטאַלטן, וועגן וועלכע זי האָט באַקומען ידיעות, אַז זיי פירן זיך ניט אויף מאָראַליש, אָדער וועגן אַנדערע אומאָרדענונגען אין די אַנשטאַלטן. גאַנץ אָפט איז זי אומדערוואַרט אָנגעפאַרן אין אַ פּאָליקליניק אָדער אין אַ שפּיטאָל, אַרומגעגאַנגען, באַטראַכט, געגעבן פאַרשידענע אָנווייזונגען, ווי אַ זאָרגעוודיקע באַלעבאָסטע, און אין די אַנשטאַלטן פלעגט מען מורא האָבן פאַר אַזעלכע אומגעריכטע וויזיטן. מיט איר חוצפּהדיקער און געוואַגטער האַלטונג האָט זי זיך אַמאָל דערלויבט אויף אַ קאָנפערענץ מאַכן אַ באַמערקונג דעם באַוווסטן און געאַכטעטן אין שטאָט פּראָפעסאָר טיידער.

די שטאָטישע מעדיצינישע געלערנטע און דאָקטוירים האָבן שוין לאַנג באַמערקט, אַז זי איז אַ קליינע ווייסערין אין מעדיצין, נאָר זי האָט באַוויזן אונטערצוהאַלטן איר אויטאָריטעט מיט דער הילף פון מער ערודירטע דאָקטוירים, וועלכע זי האָט געהאַט אויפן אויג. אַזוי האָט זי איבערגענומען צו זיך אין געזונטהייטס־אַמט פון פּאָליקליניק דעם דאָקטאָר שעווטשיק, אַ מיניאַטור־קליין מענטשל מיט איין פאַרמאַכט אויג און אַ פּנים מיט אַ שפּיציק שטשעטינע־בערדל, נאָר אַן אָנגעשטאָפּטן מיט מעדיצינישע און אַנדערע וויסנשאַפטן. און ווען זי האָט אויף אַ מעדיצינישער קאָנפערענץ געלייענט אַ רעפעראַט וועגן די דערגרייכונגען אויף דעם געביט אין שטאָט און אומגעגנט, איז דער דאָקטאָר שעווטשיק געזעסן צווישן די צוהערער און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט ווי ס'קלינגט פון דער גובערנאַטאָרס מויל דער פון אים געשריבענער רעפעראַט, וועלכן זי האָט געלייענט מיט געגנוג פּאַטאָס און אַפּלאָמב, און

אפילו אָפּגעמערקט אייניקע פעלערן, וועלכע זי האָט גע־מאַכט ביי איר ענערגיש־איילנדיקן לייענען זיין ווערק, אויף וועלכן ער האָט נישט געקענט אָנווייזן, אַז ער איז דער מחבר.

און צו דער מאָדע, וועלכע איז לעצטנס שטאַרק פאַר־שפּרייט געוואָרן, אַז ס׳איז ניט גענוג צו זיין אַ דאָקטאָר. אַז מ׳מוז ווערן אַ קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן, איבערהויפּט פאַר אַן אָנפירערין פון געזונטהייטס־אַמט, און דערצו מוז מען שרייבן אַ דיסערטאַציע — צו דעם האָט זי אויך געפונען אַן עצה. זי האָט שוין לאַנג געוווסט, אַז פּראָפעסאָר שופנער האָט רעקאָמענדירט די הורוויץ אַלס זיין בעסטע שילערין. האָט זי גענומען אָפּט איינלאַדן צו זיך די הורוויץ, געגעבן איר פאַרשידענע אויפגאַבן וועגן אַמט־אָנגעלעגנהייטן און זיך איבערצייגט, אַז ניט אומזיסט האָט זי דער פּראָפעסאָר געלויבט. אָט די דאָק־טאָרין הורוויץ מיט נאָך אַ פעיקן ד״ר לייבמאַן, האָט זי אויסגעוויילט צו שרייבן פאַר איר די דיסערטאַציע, דורך וועלכער זי האָט געמוזט ווערן קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן. אָט די יונגע פאַר דאָקטוירים האָבן געמוזט אין משך פון אַ צייט קומען נאָך זייער אַרבעטס־טאָג צו איר אַהיים און שרייבן איר דיסערטאַציע. און פאַרטיידיקן די דיסערטאַציע, און אַנערקענען זי פאַר אַ וויסנשאַפטס־מענטש וועט איר שוין געוויס העלפן איר פריינט פון מע־דיצינישן איסטיטוט, פּראָפעסאָר גאַליקאָוו. דערצו איז זי דאָך אָנפירערין פון געזונטהייטס־אַמט.

נאָר גאָר אַ זייטיקער ענין האָט צעשטערט אירע פּלע־נער ביים קריכן אויפן ביז איצט דערפאָלגרייכן אַמטס־לייטער.

2

נאָר ווי אַ פאַרסמטער ווינט האָט זיך עס פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, און מיט דער לייכטקייט פון אַ גאַז

האָט עס דערגרייכט אין יעדן ווינקעלע. ווי אַן אָנשטע־קנדיקע פּעסט האָט זיך עס פאַרשפּרייט איבערן לאַנד, נאָר דער חילוק פון אַ קערפּערלעכער קרענק ביז דער, איז גע־ווען די וווּנדערלעכע גרייטקייט פון טויזנטער מענטשן זיך שוין אָנשטעקן מיט איר, ווען פון אַ פיזישער קרענק היט זיך דער מענטש באַוווּסטזיניק, און דער קערפּער דורך אינערלעכן אימוניטעט. און ס'איז פּשוט געווען צו באַוווּנ־דערן, ווי גיך ס'איז אָנגעקומען צו יעדן פּראָסטן מענטשן.

— נו, איצט וועלן שוין די זשידעס האָבן — האָט גע־זאָגט אַן אויפּראַמערין אין דער גיכער הילף צו אַ סאַניטאַר.

— שאַ, מ'טאָר אַזוי ניט זאָגן — האָט יענער אַרומ־קוקנדיק זיך צו איר געזאָגט.

— איצט מעג מען שוין — האָט זי מיט זיכערקייט געענטפערט.

דאָס האָט נייכין גאַנץ צופעליק אונטערגעהערט אין דער גיכער הילף און האָט זיך פאַרוווּנדערט. דאָס האָט געזאָגט אַן איינפאַכע שטילע אויפּראַמערין, וואָס איז ניט לאַנג געקומען פון דאָרף און זיך געשטעלט דאָ אַרבעטן, אַ ווילע, אַ שטילע פּויערטע, שטענדיק גוטמוטיק און פריינטלעך געערעדט מיט נייכינען, און פּלוצים האָט ער דערהערט פון איר אָט די רייד. פון וואַנען קומט צו איר די ידיעה, אַז „איצט מעג מען שוין”? ניט איינמאָל האָט זיך נייכין אין זיין לעבן באַגעגנט מיט דער בליצשנעלער פאַרשפּרייטונג פון אַזעלכע ידיעות.

נאָך אַמשאַרפסטן און ווייטיקלעך האָט נייכינען גע־טראָפן אָט דער פאַרסמטער ווינט אין באָד. חוץ פאַרגעניגן פון באָדן זיך האָט ער דאָרט געהאַט האַרציקע וואַרעמע באַגעגענישן. אָט האָט אַ יונגער קריסט אַליין פאַרגעלייגט אָפּוואַשן אים די פּלייצע און דערביי געהאַט מיט אים אַן אָנגענעמענעם געשפּרעך, אַפילו געשפּאַסט מיט אים, און אָט האָט נייכין פאַרגעלייגט איינעם אַן אינוואַליד אָפּ־

וואַשן יענעם די פּלייצע, און געטון האָט ער עס מיט פלייס, אפילו מיט ליבשאַפט.

אין דעם טאָג, ווען די אַטמאָספער אין לאַנד איז פאַר־סמט געוואָרן, איז ער אויך געקומען אין באָד.

מ׳ווייסט ניט פון וואַנען דער סם קומט און מאַכט די מענטשן ווילד און חוצפּהדיק, און באַלד יאַוועט זיך אַרויס דער באַליידיקער, דער שלעגער און שיר ניט דער רוצח.

די באָד איז געווען פול מיט מענטשן. אויף די מאַר־מאָרענע בענק איז מען געזעסן און זיך געוואַשן. ס׳האָט זיך אַלע מאָל געהערט אַ גאָס פון וואַסער און ס׳איז גע־ווען ראַשיק. אַלצדינג איז געווען איינגעהילט אין הייסן נעפּל. און ווי נייכין איז געשטאַנען און זיך געוואַשן אונטער אַ דוש, האָט ער דערהערט אַן אויסגעצויגענעם אויסגעשריי אונטער זיינע פּלייצעס:

—זש—י—ד!

און ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט אַ קוק טון פון וואַנען דאָס געשריי גייט, האָט זיך עס איבערגעחזרט פון אַן אַנדערער זייט, און באַלד איז געוואָרן אַ געהויל פון אַלע זייטן:

— זשי־י־יד! — און ער האָט געפילט גלייך מע־סערס שטעכן זיך איין אין זיין נאַקעטן לייב. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק גלייך אַרום אים וויען וועלף. און כאָטש אַרום זיך האָט ער געזען נאָר נאַקעטע לייבער איינגעהילטע אין אַ טומאַן, האָט ער זיך דערפילט גלייך ער געפינט זיך צווישן וועלף. און קוקנדיק אַרום זיך אויף די נאַקעטע מענטשן האָט ער ניט געקענט אָפּשטעלן זיך אויף איינעם צו באַשולדיקן אים, ווייל אויף וועמען פון זיי ער האָט געקוקט, האָט ער באַגעגנט אַ חוצפּהדיקן גיפטיקן שמייכל.

ווי אַ צוגעשמעלעטער פון אַ שווערער משא, מיט אַ דערהרגעטער שטימונג, האָט ער זיך ווייטער געוואַשן.

געוואָלט וואָס גיבער אַרויס פון דאָרט. ביי אַ צווייטן דוש האָבן זיך געוואַשן צוויי גאַנץ יונגע שקצים, און איינער פון זיי האָט אַ זאָג געטון צו אים:

— אָט דאָ, דיאַדיאַ, איז גוטע וואַסער, פּרוּווּ.

נייכין איז אַרונטערגעגאַנגען אונטער זייער דוש. ס'האָט זיך אויף אים אַ גאָס געטון אייז־קאַלטע וואַסער. אויגנבליקלעך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן געוואָלט פון אים חוזק מאַכן. זיי האָבן געוואָרט ער זאָל זיך איבער־שרעקן און אָפּשפּרינגען, נאָר ער איז געבליבן שטיין אַ פּאָר מינוט אונטערן קאַלטן דוש. ער האָט באַלד דערזען זייער אַנטוישונג.

— נו, גוטע וואַסער? — האָבן זיי געפרעגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם חוזק־שמייכל.

— גוטע וואַסער — האָט ער געענטפערט גלייכגילטיק. זיין זיג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן די פּאָר מינוט אונטערן אומגעריכטן קאַלטן דוש.

פונעם וואַש־זאַל איז ער אַרויס און זיך גענומען אָנטון אין אַ גאַנץ שלעכטער שטימונג. אַלע אַרום האָבן געהאַלטן אין אָנטון זיך. ס'האָט זיך אים שוין געדאַכט, אַז אַלע קוקן אויף אים ניט ווי שטענדיק. פון יעדערן פון זיי האָט ער דערוואַרט דאָס ערגסטע. אויף אַ באַנק איז געזעסן אַן אַלטער גאַנץ גראָער ייד. און זייער אַ שוואַכער. ער האָט זיך קאַם געריערט אַנטועענדיק. ניט ווייט אַקעגן אים איז געזעסן אַן אַלטער קריסט, נאָר אַ קרעפּטיקער און מער ריִרעוודיק.

— אָט קומט די עלטער — האָט דער קריסט געטענהט — טויג עס צו גאָרנישט. — נעם העלף אים זיך אָנטון — האָט ער געזאָגט צו אַ יונגן, וואָס איז געזעסן ניט ווייט — ער האָט אפילו זיך ניט געקענט וואַשן, איך האָב אים אָפּ־געוואַשן — האָט ער געזאָגט צו די אַרומזיצנדיקע. — אַזעלכן דאַרף מען העלפן, אַלא ניט ווערט ער פאַרפאַלן.

נייכין האָט זיך צוגעקוקט צו דעם אַלטן קריסט, און זיינע אויגן און נאָכמער זיין האַרץ, האָבן זיך דערוואָרעמט.

ער האָט אויף אַ מאָמענט פֿאַרגעסן די שטימונג, וואָס איז אים באַפֿאַלן אין באָד. ער האָט געקוקט אויף דעם הילפֿ־לאָזן יידן און אויף דעם קרעפּטיקן קריסט און געטראַכט:

— פֿריינטשאַפֿט איז דאָך מעגלעך צווישן מענטשן, און אפשר האָט די ידיעה נאָך צו אים ניט דערגרייכט...

אויפֿן וועג גייענדיק האָט נייכין געטראַכט:

— אַנטיסעמיטיזם איז אייגנטלעך אַן איינזייטיקע שנאה. אַ מענטש וואָס איך קען אים ניט, ווייזט מיר אַרויס שנאה און איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, איך צו אים פֿיל ניט קיין שנאה. איך דערפֿיל צו אים פּשוטע פֿאַראַכטונג ערשט דעמלט, ווען ער ווייזט מיר אַרויס זיין שנאה. און אָט דעם קריסט, וואָס האָט באַדויערט דעם אַלטן יידן, האָב איך אין דעם מאָמענט גאָר ליב באַקומען.

3

אין באָד, ווו ס'איז אים פֿאַרשטערט געוואָרן דאָס פֿאַר־געניגן פֿון באָדן זיך און פֿאַרערגערט זיין שטימונג אויף אַ לאַנגער צייט בכלל, איז נייכין געווען זונטיק, און אויף מאָרגן, מאָנטיק, איז פֿאַרגעקומען די אָרדנטלעכע פֿינף־מינוטקע, וואָס פֿלעגט פֿאַרקומען אַלע וואָך, ווען מ'האָט צ־זומגערעדט די אַרבעט פֿון דער וואָך, דאָס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אין דער גיכער הילף.

אין דעם טאָג האָט ווי אַ דונער פֿריטשמעליעט די יידישע דאָקטוירים פֿון דער גיכער הילף, און צווישן זיי דעם סאַניטאַר נייכין, די אַרויסטרעטונג פֿון דער דאָקטאָ־רין קריווינאַ. מיט איר גאַנצער שווערלייביקייט און מיט אירע גראָבע פֿיס, האָט זי צוגעשפּאַנט צום פּרעזידיום־טיש און צעוויקלט אַ צייטונג, פֿון וועלכער זי האָט אַרויס־געלייענט פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע דאָקטוירים און סאַניטאַרן וועגן דער ניי־אויפֿגעשוווּמענער העלדין, וואָס האָט אַנט־דעקט דעם גרויסן פֿאַרברעכן פֿון דער גרופּע אַנגעזעענסטע פּראָפֿעסאָרן־מעדיקער, וואָס האָבן זיך נאָר פֿאַרנומען מיט

אומיסטנדיקן שעדיקן דאָס געזונט פון די אָנגעזעענסטע מענטשן פונעם לאַנד. און די העלדין איז עפּעס אַ דאָק־טאָרין פּאַלאַגייאַ טימאַשטשוק, און דערפאַר, פאַר אָט דער גרויסער אַנטדעקונג, איז זי באַלוינט געוואָרן מיט אַ מלוכה־אָרדען. און ווייטער זענען אויסגערעכנט געווען נעמען פון גרויסע מענטשן, וועלכע אָט די מעדיקער האָבן פאַרסמט און פאַרניכטעט מיט מעדיצינישע מיטלען.

— און אָט די רוסקאַיאַ זשענשטשינאַ טימאַשטשוק — האָט די קריווינאַ אויסגעשריגן מיט דעם גאַנצן פּאַטאָס, וואָס זי האָט אין זיך פאַרמאָגט — אָט די „פּראָסטאַיאַ רוס־קאַיאַ זשענשטשינאַ" האָט דאָס אײַנגאַנצן אויפגעדעקט און דערפאַר איז איר דאָס גאַנצע פאָלק דאַנקבאַר און דערפאַר האָט מען זי באַלוינט מיט אַ מלוכה־אָרדען.

נייכינען איז אויסגעקומען צו באַמערקן ווי אַלע פּנימער פון די יידישע מיטאַרבעטער זענען מיטאַמאָל פאַרענדערט געוואָרן, פאַרמורהשחורהט, ווען די ניט יידישע דאָקטוי־רים און סאַניטאַרן זענען געבליבן גוטמוטיק און רויִק ווי מענטשן, וואָס זעען אַ פרעמדן אומגליק און זענען זיכער, אַז זיי קען אַזעלכעס ניט טרעפן...

אין אַ שטילשווייגעניש זענען זיך אַלע צעגאַנגען פון דער פּינפּמינוטקע, נאָר דער דאָקטער גאדלער האָט נאָך באַוויזן אַ זאָג טון דער דאָקטאָרין הורוויץ:

— יאָ, דאָס איז אַ נייעס, אַ שפּאָגל־נייע נייעס... מיר קענען דאָ אַלעס דערוואַרטן. כ'האָב געהערט, אַז אין פינאַנס־אַמט האָט מען שוין אָפּגעזאָגט זיבעצן יידן.

אין דער צייט זענען די צייטונגען געווען פול מיט אַרטיקלען וועגן דאָקטוירים סאַראַ איזראַילעווּנאַ, וועגן ציליאַ אַבראַמאָוונאַ, וועגן באָריס אַראַנאָוויטש, אומעטום מיט אײַנגאַנצן אַרויסגעשריבענע יידישע טאַטעס נעמען, אַז זיי זענען באַגאַנגען און באַגייען פאַרשידענע פאַרברעכנס קעגן דער געזעלשאַפט און מ'דאַרף זיין וואַכזאַם קעגן זיי. און אויף מאָרגן ווייטער: ...דאָרטן אַרבעט דער דאָקטאָר

ווינדערמאַן, אַראָן יאַקאָוולעוויטש און טאַקע אין דער איי־גענער פּאָליקליניק אַרבעט זיין פרוי געניא סאַמוילאָוונא, און דאָס איז די געפערלעכע משפחהדיקייט, און אוודאי פאַרדעקט דער מאַן דער פרויס און די פרוי — דעם מאַנס פאַרברעכנס. דאָס איז געווען געזונג מ׳זאָל אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט. אין דעם טאָג איז נייכין אַהיימגעגאַנגען פון דער אַרבעט אין דער ערגסטער שטימונג. ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס און זיך צוגעקוקט צו די דורכגייער; יעדער פּנים, האָט ער געטראַכט, קען ווערן דראָענדיק, יעדער באַגעגנטער קען אויף אים אויפהייבן די האַנט. ס׳האָט אים דערמאַנט זיינע קינדער־יאָרן... די מאַמע האָט געזאָגט: ס׳איז ערב פּסח, אין שטאָט איז אומרויִק, מ׳האָט מורא... ס׳איז גלייכער ניט גיין אין גאַס... אויף נייכינען איז איצט אויך געפאַלן אַ מורא.

אין אָוונט, ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער קריווינאַס מעלדונג, וועגן איר פּאַטאָס, מיט וועלכן זי האָט גערעדט איבער דער „פּראָסטאַיאַ זשענשטשינאַ״, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ העלדין, וועגן דער זיכערקייט און פאַרגעניגן, וואָס האָט פון דער קריווינאַ אַרויסגעקוואָלן. און אַלע מאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ זיפץ. דערביי האָט ער זיך דער־מאַנט אין זיין טאַטן. דער טאַטע מיט דער גראָ־ווערנדיקער באָרד, וואָס זיין האַרץ האָט אין דער שטיל געקרענקט פאַר דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם זון, און ער האָט געזאָרגט מ׳זאָל אין דער משפּחה נאָך אים אַ נאָמען גיבן, און נאָך זיין יונגסטן ברודער, וועלכער איז צו דרייסיק יאָר געשטאָרבן ערגעץ בעת דער יאַפּאַניש־רוסישער מלחמה, נאָך אים האָט ער שוין אַליין אַ נאָמען געגעבן זיין יונגסטן זון. אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן פלעגט ער זיצן ביים טיש, אַ טונקל־רויטער טיש, ווי פאַרקילט בלוט, אַן אָרעמער טיש, אפילו מיט קיין טישטוך נישט פאַרשפּרייט; מיט די עלנבויגנס אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, דערביי האָבן זיינע הענט

פאַרקנייטשט זיין היבשע באָרד, און פון צייט צו צייט האָט זיך צו אים אין בעט דערטראָגן דעם טאַטנס זיפץ, אַלע מאָל אַ זיפץ... ווען עפּעס האָט ער געטראַכט, דער טאַטע... ווייזט אויס, זיינע געדאַנקען האָבן אים געבראַכט ער זאָל זיפצן...

איצט ליגט נייכין אין בעט און אַלע מאָל רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ זיפץ, אַזוי, קאָן זיין האָט געזיפצט אויך זיין זיידע און ער, נייכין, האָט געירשנט דאָס זיפצן פון זיי... איצט זיפץ איך — טראַכט ער — די קייט זאָל זיך ניט איבעררייסן... דאָס זיפצן פון דורות...

4

די אַלע טעג איז נייכין אַרומגעגאַנגען מיט אַ שטאַרק געפאַלענער שטימונג. ער האָט זיך נאָר צוגעהערט, וואָס מ׳האָט דערציילט וועגן דאָקטוירים. ס׳האָט אים דערמאנט די צייטן פון זיין יוגנט, די צייטן פון ערב פּאָגראָמען ביי זיי אין שטאָט און טאַקע באַלד די איבערגעלעבטע פּאָגראָמען, ווייל אויף דער גאַס האָט ער באַמערקט סצענעס פון חוזק־מאַכן, פאַלן, ווו מ׳האָט געזוכט ברענגען יידן צו אַ סקאַנדאַל. אין די קראָמען אָדער אין מאַרק ביים איינקויפן, האָט מען אָפט געהערט: וואָס שטופט איר זיך דאָ, אומעטום זענט איר דאָ, גייט פון דאַנען, פאָרט אין פאַלעסטינע...

ס׳איז געווען די צייט ווען מ׳איז געוווינט געווען צו זען געמיינע לעבנס־באַדינגונגען, און אַ שיין מעבלירטע שטוב האָט איבעראַשט אַ נייר־אַריינגעקומענעם מענטשן. דאָס איז געשען אויך מיט דעם פּראָפעסאָר שופנער, ווען ער איז גערופן געוואָרן צו איינעם פון די שטאָט־באַלעבאַטים אין הויז, קראַנק איז געווען די באַלעבאָסטע. דער פּראָפע־סאָר איז ניט געגאַנגען צו חולים אַהיים. נאָר איינער פון די שטאָט־באַלעבאַטים האָט אים געקענט רופן צו זיך, וויסנדיק, אַז אים וועט דער פּראָפעסאָר ניט אָפּזאָגן צו באַטראַכטן זיין חשובע פרוי.

ווען דער פּראָפעסאָר איז אַריינגעקומען איז ער איבער־ראַשט געוואָרן פון דער מיט לוקסוס באַצירטער שטוב: מעבל פון אַ ניט געזעענעם סטיל, בילדער אין שיינע ראַמען, אַ טישעלע אין איין ווינקל, אין אַן אַנדער ווינקל, און אויף זיי ניט קיין פשוטע וואזעס, זעלטענע קילימעס אויף די ווענט און אויפן דיל, אפילו דער פּראָפעסאָר האָט אויף אַ מאָמענט געצווייפלט צי מעג ער אויף זיי טרעטן. זיין פאַרוווּנדערונג האָט ער מיט גאָרניט אויסגעדרוקט, נאָר דער באַלעבאָס האָט באַמערקט ווי פאַרחידושט דער פּראָ־פעסאָר איז, און אויף זיין פנים האָט זיך באַוויזן שמייכלענ־דיקע צופרידנהייט פון איינעם, וועמען זיין אייגנטום געפעלט עמיצן. נאָר ווייל די סיבה פון פּראָפעסאָרס וויזיט אין דעם הויז איז געווען די קראַנקע באַלעבאָסטע, איז ער אַהין אַריינגעפירט געוואָרן און דאָ איז ער ערשט איבערראַשט געוואָרן פון דעם אויסערגעוויינליכן לוקסוס פון אַ פּריציש שלאָף־צימער. די אויסגעבלייכטע מיטליאָריקע באַלעבאָסטע איז געלעגן אונטער אַ באַלדאַכין פון אַן אויסערגעוויינלעך שיין בעט, נאָר לויטן אויסזען פון די באַלעבאַטים האָט מען לייכט געקענט מאַכן דעם אויספיר, אַז אַלצדינג אין דעם הויז איז, ווי מ'זאָגט, ניט אויף זייער מיסט געוואַקסן גע־וואָרן, נאָר דאָס האָט ניט געמינערט די צופרידנקייט פון די באַלעבאַטים. נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט און באַ־טראַכט די באַלעבאָסטע און פאַרשריבן אַ רפואה, האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל און זיך אַרומגעקוקט אויף דעם רייכקייט, וואָס איז געווען צעשפּרייט איבער דער וווינונג.

דער באַלעבאָס האָט גוט באַמערקט זיין איבערראַשונג און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— נו, ס'געפעלט אייך דאָ ביי אונדז?

— פּרעכטיק־שיין — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט. זיי זענען אַרויס פון דער קראַנקערס צימער.

— און די וווינונג ווי געפעלט אייך? — האָט דער

באַלעבאָס געשמייכלט צופרידן. זיי זענען שוין אַריין אין דריטן צימער.

— ס׳זענען דאָ זעקס צימערן.

ער האָט באַקומען צוטרוי צום פּראָפעסאָר און באַשלאָסן, אַז ער מעג זיך פאַר אים באַרימען.

— און איר ווייסט ווי אַזוי כ׳האָב באַקומען די וווינונג? דאָס האָט געהערט צו אַ רייכן יידן. ווען די יידן זענען פון דאַנען געפאָרן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער פון דער וווינונג פאָרט אַוועק. בין איך צו אים געגאַנגען און אָפּגעמאַכט מיט אים, אַז ער פאַרקויפט מיר די וווינונג מיט דעם מעבל פאַר צוואַנציק טויזנט רובל. ווען די צייט האָט זיך דערנענטערט האָט ער געפאָדערט דאָס געלט. איך האָב אים דערווייל געצויגן. ווען ער איז געקומען זאָגן, אַז ער פאָרט און וויל דאָס געלט, האָב איך אים שוין געזאָגט ער זאָל אָפּשטיין און זיך אָפּזאָגן פון דעם געלט, טאָמער ניט וועל איך שוין געפונען מיטלען אים צו באַרויִקן און ער וועט שוין אינערגעץ ניט פאָרן... דעמלט האָט ער ביי מיר אויסגעבעטן אַ מאַשין כאָטש ביז צום וואָקזאַל, ווייל אַ באַגאַזש און אַ משפחה האָט ער אויך געהאַט. נו, אַ מאַשין האָב איך אים געגיבן און אַזוי האָב איך אים געפּטרט — האָט ער פאַרענדיקט אַ ביסל גאָר שמייכלענדיקער.

ער איז שוין איבערגעגאַנגען מיטן פּראָפעסאָר עטלעכע צימערן און געהאַלטן ביי אַ צימערל מיט אַ שמעלער טירל אין פאַרגלייך מיט די הויכע און ברייטע טירן פון די איבעריקע צימערן.

— און דאָ איז אַ וואַנע-צימער, גרויסע באַקוועמלעכקייטן — האָט ער פאַרענדיקט אַ שטאַרק צופרידענער.

נאָר דאָ האָט דעם פּראָפעסאָר פאַרוווּנדערט דאָס איידעלע און דינע כריוקען פון אַ יונג חזרל, וואָס האָט זיך געהערט פון דעם וואַנע־צימער.

— דאָס איז שוין זיכער זיין אייגנס — האָט דער פּראָ־

פעסאָר אַ טראַכט געטון, געזעגענענדיק זיך מיטן שמייכ־לענדיקן באַלעבאָס.

און דאָך: ווען ס'איז געקומען דער אָוונט, ווען דער פּראָפעסאָר האָט געדאַרפט האַלטן זיין לעקציע אין מעדי־צינישן קלוב אויף דער טעמע: צי איז טובערקוליאָז הייל־באַר, איז שוין נייכין געזעסן צווישן די צוהערער. אָט די לעקציעס זענען פאַרגעקומען אַלע צוויי וואָכן און נייכין האָט קיין איינע ניט דורכגעלאָזט. נייכין האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געזען דעם פּראָפעסאָר אַריינקומען אין זאַל... ער איז געגאַנגען מיט ניט זיכערע טריט, ווען שטענדיק פלעגט ער אים זען גיין אַ מונטערן מיט פעסטע טריט. ס'האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז דער פּראָפעסאָר איז אַביסל שכור, נאָר ווען ער האָט זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט אויף איינעם פון די בענקלעך, האָט נייכין געזען, אַז אַזוי זעצט זיך ניט אַוועק אַ שיכורער מענטש. ער האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט, צוריקגעבויגן דעם קאָפּ צום בענקל און ביידע הענט צעוואָרפן אויף די שכנישע בענקלעך. נייכין האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז אויך אין אינסטיטוט, ווו דער פּראָ־פעסאָר האָט אָנגעפירט מיט אַ קאַטעדרע, האָט אויך אַ קריוווין אָדער אַ קריווינאַ געמאָלדן וועגן דעם העלדנטאָט פון דער „פּראָסטאַיאַ זשענשטשינאַ" טימאַשטשוק. נייכין האָט געזען, אַז ס'האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פאַרצרעטער מענטש.

לאַנגזאַם מיט די זעלבע ניט זיכערע טריט, האָט זיך דער פּראָפעסאָר אויפגעהויבן אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער בינע. די לעקציע האָט ער אָנגעהויבן שטיל, זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט ביז ער איז צו זיך גע־קומען און אָנגעהויבן רעדן מיט זיין געוויינלעכער זיכער־קייט ווי שטענדיק ביים לייענען לעקציעס.

אַהיימגייענדיק אין דעם אָוונט האָט ער זיך געפילט שלעכט, געפּאַלן ביי זיך, גלייך אויפן האַרץ איז ביי אים געלעגן אַ שווערע משא. ס'האָט זיך אים אָפּגעגלוסט נעמען

צו דער אַרבעט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שרייבן. ס׳האָט אים באַהערשט גלייכגילטיקייט צו אַלעמען און צום לעבן בכלל. ער האָט געפילט גלייך ער האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס. גלייך ווי אַ שווערע דראָענדיקע כמאַרע האָט אים געיאָגט אַהיים, נאָר דאָרט וואָלט אים דערוואַרט ניט זיין שיינע באַקוועמע וווינונג, נאָר אַ פינצטערער וואַלד, וואָס יאָגט אָן שרעק.

אינדערהיים האָט זיין ווייב אים אָנגעהויבן דערציילן וועגן פאַרשידענע ווירטשאַפטלעכע אומבאַקוועמלעכקייטן, אויף וועלכע זי פלעגט נערוועז רעאַגירן און גראָדע האָט ער אָפט אַרויסגעוויזן גלייכגילטיקייט צו אַזעלכע אומבאַקוועמלעכקייטן, נאָר איצט האָבן אים אויסגעוויזן משונהדיק און אומזיניק צו הערן אַזעלכע טענות. ער האָט ענדלעך אַ זאָג געטון:

— אַי, דו ווייסט ניט ווו מיר האַלטן.

— ווער מיר? — האָט זי געפרעגט — מיר חיות, מיר בהמות, מיר מענטשן?

— זאָג נאָך: מיר יידן, וועט שוין זיין דאָס וואָס איך מיין.

— א-א־א — האָט זי אויסגעצויגן.

— איך דאַרף ניט ס׳זאָל מיר זיין צו גוט, צו באַקוועם, צו וואַרעם, ווייל אין אַ געוויסן מאָמענט קען איך אומגערירכט אַרויסגעשליידערט ווערן פון אַלע מיינע גליקן.

און ביי זיך אַ טראַכט געטון: אַ צו קולטורעלע פרוי, ס׳איז אַמאָל אַ חסרון.

און צו איר ווייטער געזאָגט:

— אַי, קולטור... מיר ווייסן ניט ווי מיר האַלטן מיט אונדזער גאַנצער קולטור.

דער געשפּרעך איז פאַרשטילט געוואָרן, נאָר דער פּראָפעסאָר, מיט אַן אומעטיק פּנים, מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן, האָט געטראַכט: מ׳מוז האָבן אַ וואַש־מאַשין, אַ קיל־שראַנק, אָבער איצט איז מען ווידעראַמאָל ניט זיכער,

צי מ׳וועט דאָס אַלעס ניט דאַרפן איבערלאָזן... נאָר דערצו זענען מיר שוין געווינט ...

און די לאַגע האָט זיך געערגערט, און די שטימונגביים פּראָפעסאָר האָט זיך אויף מאָרגן נאָכמער פאַרער־גערט, ווייל שטייענדיק ביי זיך אויפן באַלקאָן האָט ער געהערט ווי דער שכן פון אונטערשטן עטאַזש האָט גע־לייענט אַ צייטונג און אויסגעדרוקט די האָפנונג, אַז אָט־אָט וועט מען די יידן אַרויסשיקן און ער, אליאשע, וועט פאַרנעמען אַ בעסערע וווינונג אויפן עטאַזש.

— איצט וועל איך שוין ניט זיין אַזוי נאַריש צו פאַר־נעמען אַזאַ צימער ווו איך ווין איצטער — האָט געזאָגט אליאשע, וועלכער האָט געווינט אין אונטערשטן עטאַזש פונעם פּראָפעסאָרס וווינונג.

דעם געדאַנק וועגן בייטן זיין וווינונג אויף אַזאַ אופן, האָט ער ניט איינמאָל שוין אַרויסגעזאָגט.

5

די שטימונג ביי די דאָקטוירים און ביי די איבריקע מיטאַרבעטער פון דער גיכער הילף האָט זיך אין משך פון די איבריקע טעג אַלץ מער פאַרערגערט. ביים באַגעגנען זיך האָט מען נאָר איבערגעגעבן די בייעסן וועגן דאָקטוי־רים, וועלכע מ׳האָט אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. און די פרעסע, וועלכע האָט די טעמע געסמאַקעט און צעלייגט אויף טעלערלעך, האָט די שטימונג זאָרגעוודיק אונטער־געהאַלטן.

ד״ר גאָדלער איז זעלטענער צוגעקומען צו אַנגאַ אַב־ראַמאָוונעס טיש, און ווען ער איז צוגעקומען האָט ער נאָר געהאַט צו דערציילן ווו און וועלכן דאָקטאָר מ׳האָט אַראָפּ־גענומען פון דער אַרבעט. איינמאָל איז ער צוגעקומען און גלייך ווי ער וואָלט געפירט מיט איר ביז איצט אַ געשפּרעך און געמאַכט דעם אויספיר:

— צוריק מיט יאָרהונדערטן האָט מען ביי אונדז צו־גענומען די רעכט, דערנאָך האָט מען זיי צוריקגעגעבן,

דערנאָך ווייטער צוגענומען און ווידער געגעבן, און ערשט איצט ווייס איך ניט ווי מיר האַלטן: צי מיר האָבן רעכט צו לעבן און צו אַרבעטן, צי מ'האָט דאָס רעכט ביי אונדז ווידער צוגענומען... ס'דערמאָנט מיר אין מיטלאַלטער, ווען מ'האָט געזאָגט, אַז יידן האָבן פאַרסמט די קערנעצעס, אַז יידן האָבן פאַרשפּרייט דעם שוואַרצן טויט. היינט זאָגט מען, אַז יידישע דאָקטוירים פאַרסמען די קראַנקע... גיי, פּרוּװ דערוויזן, אַז ס'איז ליגן, אַז ס'זענען אויסגעטראַכטע זאַכן... איך פיל מיך איצט גלייך אַ באַרג איז אויף מיר אַרויפגעפאַלן און מיך צוגעדרשעט.

אַנגאַ אַבראַמאָווגאַ האָט געקוקט ערנסט, און גאַדלערס צוקומען צו איר האָט דאָס מאָל קיין פרייד איר ניט פאַר־שאַפט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן בענקל לעבן איר טיש. דאָס מאָל האָט דער געשפּרעך געגאַנגט זייערע הערצער.

— איר האָט שוין געהערט וועגן די קאָמיסיעס? — האָט ער געפרעגט.

— ניין.

— אין די פּאָליקליניקעס האָט מען געשאַפן קאָמיסיעס, וועלכע דאַרפן קאָנטראָלירן די דאָקטוירים.

— זייערע דיפּלאָמען?

— די דיפּלאָמען, די דאָקומענטן... נאָר דאָס וויכטיק־סטע איז דאָס, וואָס אין די קאָמיסיעס איז שוין נישטאָ קיין איין ייד, פאַרשטייט איר שוין וואָסאַראַ קאָמיסיעס... ביי אונדז וועט מסתמא זיין קריוואַנאָגאָוו מיט מאַזיליוקן מיט דער קריווינאַ, ס'וועט שוין זיין אַ געשעפט... אין מעדאינ־סטיטוט האָט דער פּראָפעסאָר טיידער, וואָס איז נעבעך אַליין אַ ייד, שוין באַזייטיקט זיינע יידישע אַסיסטענטן, און פּראָפעסאָר שייקין טוט אים שוין נאָך. ס'איז אָבער צו באַ־וווּנדערן, וואָס ס'זענען דאָ יידן, וואָס האָבן זיך שוין אויך אָנגעשטעקט מיט דער קרענק, וואָס איז אָנגעצילט קעגן יידן. אייניקע יידן ווילן שוין באַווייזן, אַז זיי זענען פּרו־מער פונעם פויפּסט.

אין אַן אַרטיקל, וואָס ס׳האָט אָנגעשריבן אַ זשורנאַליסט אַ שיכור, איוואַן קאַרפּאָוו, האָט מען אין לעצטן מאָמענט, פאַרן דרוקן, איבערגעגעבן פון דער רעדאַקציע, אַז אַנשטאָט זיין אונטערשריפט זאָל מען שטעלן איצקאָוויטש.

קיין געלעכטער האָט זיך דאָס מאָל ניט געהערט פון אַננאַ אַבראַמאָוונעס טיש און אויף זייערע פּנימער האָט זיך אַפילו קיין שמייכל ניט באַוויזן. די בוכהאַלטערקע האָט געקענט בלייבן צופרידן, זי איז אָבער אַליין געזעסן אַ מראשחורהדיקע, אַריינגעטאָן אין אירע רעכנונגס־ביכער.

די גונאַראָוואַ איז דערוויל ענערגיש געשטאַנען אויף דער וואַך פון אירע אַמטס־אַנגעלעגנהייטן.

ווי יעדער גרויסער אָנגעזעענער מענטש (ס׳איז קיין ספק ניט, אַז פאַר אַזעלכן האָט זי זיך גערעכנט), האָט זי געהאַט מענטשן, וואָס פלעגן איר צוברענגען ידיעות וועגן אירע אונטערגעאָרדנטע מעדיצינישע אַנשטאַלטן, ווער ווי אַזוי פירט זיך אויף, ווער ס׳מאַכט אומגערעכטיקייטן א.א.וו. צוליב דעם האָט זי אַרויסגערופן צו זיך דעם דאָקטאָר גאָדלער מיט דער קריווינאַ, ווייל זי האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז גאָדלער נעמט אַמאָל געלט ביי חולים. דאָס זעלבע האָט זי געהערט וועגן דער קריווינאַ, נאָר ווייל קיין באַווייזן זענען דערויף ניט געווען, האָט זי זיך באַגנוגנט נאָר מיט אַ וואָרענונג, נאָכמער וואָס מיט דער קאָמיטעט־פּאַרזיצערין, דאָס הייסט מיט דער קריווינאַ, האָט זי בכלל ניט געקענט רעדן שאַרף. האָט זי גערעדט נאָר אַרום דעם ענין און געגעבן אָנצוהערן וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך. אויך מיט גאָדלערן איז זי געווען געניג דעליקאַט. גערעדט האָט מען וועגן איר אַליין, אַז אין הינזיכט פון געלט נעמען איז זי אַליין ניט געווען כשר...

און ווייל ס׳איז צו איר דערגאַנגען אויך די ידיעה, אַז די סעקרעטאַרקע לערנט פראַנצויזיש מיט דעם מיידל פון

דער הויפּט־דאָקטאָרין קאַוואַנאַ, האָט זי צום סוף אַ פרעג געטאָן מיט אַן אָנגעברוגזטן פאַבקנייטשטן שטערן:

— און ווער איז אָט־די־אָ ביי אייך, וואָס קען פראַנצויזיש?

— דאָס איז אַ פרוי מיט הויכער בילדונג — האָט מיט צופרידנקייט געענטפערט ד״ר גאָדלער.

ביי דער גונאַראַוואַ איז געגוג געווען איינער זאָל באַהערשן אַ פרעמדע שפּראַך, אַז זי זאָל זיך באַציען צו אים מיט פאַרדאַכט. און פאַר גאָדלערן איז קלאָר געוואָרן, אַז די שולדיקע ביי דער גונאַראַוואַ אין די אויגן איז ניט די קאַוואַנאַ, וואָס צווינגט איר אונטערגעאָרדנטע אַננאַ אַבראַמאָוונאַ צו לערנען אומזיסט איר מיידל פראַנצויזיש, אַזוי ווי זי האָט ניט באַשולדיקט זיך, ווען זי האָט אָוועקגעזעצט צוויי אירע אונטערגעאָרדנטע דאָקטוירים שרייבן פאַר איר די דיסערטאַציע.

נאָר בכלל אין משך פון די דריי חדשים, וואָס ס׳האָט געדויערט דאָס דאָקטוירים־בלבול, האָט די גונאַראַוואַ זיך אויפגעפירט איינגעהאַלטענער ווי פיל אַנדערע. און אין די קאָמיסיעס, וואָס האָבן קאָנטראָלירט די דאָקטוירים איז זי געווען אַ מין טאָרמאָז. מ׳האָט דערציילט, אַז די מיטגלידער פון די קאָמיסיעס, וואָס האָבן געפּרוווט אַרויסווייזן צו פיל פלייס, און אַזעלכע זענען געווען איבערגענוג, האָט זי ווי מ׳זאָגט, אָפּטמאָל אַ שלעפּ געטון ביים אַרבל:

— איילט זיך ניט, וואַרט צו אַביסל, מ׳קען נאָך ניט וויסן ווי אַזוי די זאַך וועט זיך אויסדרייען.

ערשט שפּעטער האָט מען דאָס אָפּגעשאַצט ווי פאַרזיכטיקייט און קלוגשאַפט פון אַן אָנפירערין פון אַן אמת. דאָס אַלעס האָט זי אָבער ניט גערעטעט פון אַ מיאוסן דורכפאַל און זיך אויסגליטשן אויף איר דערפאָלגרייכן וועג.

6

די געשיכטע איז רייך מיט גאַנצע פּעריאָדן, ווען אין

דעם גרויסן באַרימטן לאַנד האָט געזיגט אומזין און ווילד־קייט, און ווי איז געווען צו דעם לאַנד און צו דעם פאָלק, וווּ דער המון האָט זיך דערמיט אַנגעשטעקט, און אין דער ערשטער ריי איז געווען ווי צו די יידן פון דעם לאַנד.

נאָר נאָך עטלעכע חדשים פון צרות און מראשחורה האָבן די יידישע פנימער פון דער גיכער הילף אויפגעלעבט.

ס׳איז געקומען דער טאָג, ווען אין לאַנד האָט אויפגע־לעבט דער נאַטירלעכער עלעמענטאַרער מלוכהשער שכל. און דער שכל איז תמיד פאַראַן ביים קלענסטן און אָפּגע־שטאַנענסטן פאָלק, אפילו ווען ס׳עקזיסטירט אַ מלוכה פון ציי־גיינער, וואָלט אויך דאָרט זיך אַנטפּלעקט אַזאַ שכל. נאָר ניט תמיד קען ער און האָט די מעגלעכקייט זיך אַרויסצווייזן. דאָס איז דער העכסטער קאָלעקטיווער שכל, וועלכער שטאַרקט אַ מלוכהשן אָרגאַניזם.

אין דעם טאָג זענען די צייטונגען אַרויס מיט גרויסע אַרטיקלען וועגן דעם, אַז דאָס לאַנד שטייט אויף שטרענ־גער געזעצלעכקייט, אויף העכסטער גערעכטיקייט, אַז די רעכט פון די בירגער טאָר קיינער ניט אָנרירן, אַז די מע־דיצינער, וואָס זענען ערשט נעכטן געשטעמפּלט געווען מיטן נאָמען „מערדער פון דער מענטשהייט״, זענען היינט באַצייכנט געוואָרן אַלס ערלעכע און בעסטע מענטשן, און נאָר אומפאַראַנטוואָרטלעכע פאַרשוינען האָבן געקענט אויסטראַכטן בלבולים אויף אַט־די גרויסע געלערנטע.

און ווען די קריווינאַ איז אין דעם טאָג געקומען צו דער פינפמינוטקע האָט די ליטינסקאַיאַ צו איר געזאָגט:

— איר ווייסט, וואסיליסאַ געאָרגיעוונאַ, מ׳האָט ביי דער טימאשטשוק אַוועקגענומען דעם אָרדען.

— ס׳קען ניט זיין! — האָט די קריווינאַ אויסגעשריגן פון גאַנצן האַרצן, גלייך אַ דונער האָט זי געטראָפן — איך קען דאָס ניט גלויבן.

— און דאָך איז עס אמת — האָט יענע געענטפערט מיט אַ רויִקן שמייכל.

און ביים פרעזידיום-טיש איז דאָס מאָל געשטאַנען דאָקטאָר גאדלער מיט דער צעעפנטער צייטונג אין די הענט און געלייענט די אָפיציעלע מעלדונג, אַז אויף די דאָקטוירים איז אויסגעטראַכט געווען אַ בלבול, איצט זענען זיי פאַלקאָם רעהאַביליטירט און ביי דער „העלדין" טימאַשטשוק איז דער אָרדען אָװעקגענומען געוואָרן. ס'האָט געהערשט אַ שטילשווייגעניש, נאָר די קריווינא איז געשטאַנען ווי אַ געפּלעפּטע און ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן ווי שווער ס'איז איר געווען זיך שיידן מיט אָט דער איר טייער געוואָרענער געשעעניש.

ווען די פינפמינוטיקע האָט זיך געענדיקט האָט דאָקטאָר גאַלין אַ זאָג געטון:

— און פאַרוואָס האָט קיינער ניט גענומען דאָס וואָרט צו זאָגן, אַז אונדזערע קאָלעגן זענען אַלע רעאַביליטירט געוואָרן און זענען צוריקגעשטעלט געוואָרן אויף זייערע אַמטן ?

קיינער האָט אים ניט געענטפערט, נאָר מ'האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג, ווער מיט שרעק, ווייל ביי יעדערן איז געווען דער געדאַנק: און פאַרוואָס האָט ער דאָס אַליין ניט געטון ?

דאָס מאָל איז גאדלער געזעסן ביי אַננאַ אַבראַמאָווּנעס טיש אַן אויפגעלעבטער. זייערע פּנימער האָבן אויסגעזען גאָר אַנדערש. גאדלער האָט גערעדט:

— אַ פאַרשאָלטענער, אַ פאַרסמטער ווינט האָט אַרויפגעבראַכט אָט די נישטיקע פרוי אויף אַ פּיעדעסטאַל און זי געמאַכט פאַר אַ העלדין... איצט איז אָנגעקומען אַן אַנדער ווינט, אַ קעגנדיקער, וועלכער האָט זי פון דאָרט אַראָפּגעשליידערט...

און ווייטער נאָך אַ פּויזע:

— און איר זאָלט זען, ווי שטענדיק געפינען זיך אַזעלכע פאַרשאָלטענע מענטשן־פּרעסער, פאַר וועלכע ס'עקזיסטירט ניט גאָרנישט קיין הייליקעס. באַלד געפינט זיך

דער, וועלכער טראַכט דאָס אויס און באַלד זענען דאָ די, וועלכע האָבן דאָס „אַליין געזען״... איך דערמאָן זיך, אַז ביי איינער אַ פיפיקער זשורנאַליסטקע האָב איך געלייענט דעטאַל באַשריבן, ווי אַזוי אַט־די־אָ נקבה, וועלכע האָט כלומרשט אַנטדעקט די זאַך, האָט אָנגעכאַפּט דעם פּראָפעסאָר ביי דער האַנט... ביי איר איז פונקטלעך באַשריבן ווי זי האָט אָנגעכאַפּט דעם פּראָפעסאָר ביי דער האַנט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געוואָלט פאַרסמען אַ קראַנקן... באַרעכנט אייך אויף וואָס אַפילו שרייבער זענען פעיק! און דאָס האָט איר געהערט? פּראָפעסאָר מאקערסאָן האָט גערעדט עפּעס מיט אַ פרוי און אין געשפרעך האָט ער צווישן אַנדערן געזאָגט וועגן אַן אויסלענדיש הייל־מיטל, אַז ס'איז אַ גוטער מעדיקאַמענט. וועגן דעם האָבן אויף אים אָנגעשריבן זיינע צוויי אַסיסטענטן און דאָס איז געווען גענוג מ'זאָל אים אַראָפּנעמען פון דער קאַפעדרע. אך, ס'איז פּשוט ניט צו גלויבן, ווי איז דאָס נאָר מעגלעך, אַז אָט די מענטשן, וועלכע מ'אַנערקענט איצט פאַר די בעסטע און בכבודיקסטע, זענען נעכטן אָנגערופן געוואָרן שפּיאָנען, מערדער, פאַרעטער און וואָס אין דער קאָרט! נאָר איצט זעען מיר, אַז ס'איז מעגלעך... שפּעטער קומט אַ טאָג, ווען די אייגענע מענטשן לייקענען דאָס אָפּ. נאָר לאָדן עמיצן, משפּטן דערפאַר... אָדער מ'זויל ניט, אָדער ס'איז נישטאָ וועמען... מ'באַרויִקט זיך, ס'איז ווידעראַמאָל גוט, און אַ גרויסער פאַרברעכן ווערט פאַרשוויגן.

— און ווי געפעלט אייך די קריוווינא. ווי זי האָט אויסגעשריגן: ס'קען ניט זיין!

— זי איז אַ מוסטער פון פאַלשקייט און גראָבקייט — האָט גאַדלער געזאָגט.

ער האָט אַ ווײַלע געקלאַפּט מיט די פינגער אין טיש און געזאָגט:

— איר ווייסט, אייניקע מאָל קומט מיר אויפן געדאַנק, אַז דער באַרבאַריזם פון פערצנטן און פון פופצנטן יאָרהונ־

דערט קלינגט זיך איבער מיט די מענטשנפרעסערישע טענ־ דענצן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ער האָט ווייטער געקלאַפט מיט די פינגער אין טיש און ענדלעך געזאָגט:

— הכלל ס׳איז שוין ווידער גוט און מ׳דאַרף ווייטער טראַכטן פון פרנסה, אַננאַ אַבראַמאָוונאַ, ווען קום איך אויף דעזשורסטווע?

— היינט זעקס אַזייגער, דאָקטאָר — האָט זי געענט־ פערט מיט אַ שמייכל.

7

אין די טעג איז אויך ביי נייכינען געווען אַ שטאַרק געדרוקטע שטימונג. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פריטש־ מעליעטער. און אויף די פנימער פון ד״ר גאדלער, פון ד״ר הורוויץ, פון אַננאַ אַבראַמאָוונא האָט ער געמערקט די זעל־ בע מראשחורה. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך גע־ וואונדערט, ווי אַזוי די אייגענע מויערן, די אייגענע ווענט, די זעלבע טראָטואַרן האָבן אויסגעזען פאַרשידן, און אַנ־ דערש אין אַנדערע לעבנס־צייטן. אין צייט פון פאָגראָם, האָט ער אפילו די זון ניט געקענט ליידן. ער דערמאנט זיך, אַז ער פלעגט דעמלט זען אַ קאַץ אָדער אַ הונט איז ער זיי מקנא געווען, זיי האָט קיינער ניט געדראָט, און פאַר אים האָט יעדער באַגעגנטער געקאָנט זיין אַ געפאַר. אַזעלכעס האָט ער איבערגעלעבט אין 1903־טן יאָר, אין 1905־טן יאָר, אין 1918 און אין 1939, ווען ער האָט שוין געלייענט וועגן די צרות פון די פוילישע יידן, ווען ניט יעדער האָט נאָך געגלויבט, צי איז דאָס אמת, ביז אין יאָר 1945, ווען מ׳האָט שוין געהאַלטן אין צונויפרעכענען די מיליאָנען יידישע קרבנות.

— איצט —האָט ער געטראַכט — געפין איך מיך ביים צווייטן העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נישט רע־ כענענדיק די פאָגראָם־אַטמאָספער, וואָס האָט מיך אַלע יאָרן באַגלייט. דער אַפּאָגיי פון מענטשן־פאַרניכטונג פאַלט אויס

פונקט אויף דער מיט פון אַט דעם געהויבענעם יאָרהונ־דערט. דערביי האָט ער אַ זיפץ געטון ניט אין בעט ליגנדיק, נאָר גייענדיק אויף דער גאַס. אין די טעג האָט אים אַ סאַניטאַר, וואָס האָט מיט אים געאַרבעט און שטענדיק מיט אים פריינטלעך גערעדט, אַ זאָג געטון:

— איך טאָר מיט דיר ניט רעדן, ווייל מ׳קען אָנהייבן קוקן אויף מיר ווי אויף דיר.

און דאָ האָט נייכין געמערקט די באַציִונג פונעם ווײַלן קריסט, וועלכער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון פיינטלעכקייט צו אים. נייכין האָט געפילט די צופרידנ־קייט פון דעם סאַניטאַר, זיין זיכערקייט, אַז מיט אים קען אַזעלכעס ניט טרעפן, ווייל ער האָט דאָס גליק ניט צו זיין קיין ייד.

נאָר ס׳איז פאַריבער. נאָך דער הייַנטיקער פינפמינוטקע האָט זיך די שטימונג אינגאַנצן געביטן. ער קען שוין גיין זיכער אויף דער גאַס, מ׳שטייט שוין אין די רייען ביי די קלייטן, מ׳שיקט דיך שוין ניט פאָרן קיין פּאַלעסטינע... די אַלע, וואָס זענען פריער געווען חוצפּהדיק, זענען פאַר־שווינדן, נאָר קיינער פון זיי איז ניט פאַרשווינדן, זיי האָבן זיך פשוט צוריקגעצויגן, ווי ס׳טוט עס יעדער חיה, יעדער בהמה, ווען מ׳הויבט אויף איר אַ שטעקן, ווי ס׳טוט אַן אוליטקע, וואָס באַהאַלט זיך אין איר ראַקאַווינע. דאָס מאָל ווען נייכין איז געקומען אין באָד, איז ער צוערשט אַריין צו די שערער. דאָ האָט געאַרבעט אַן עלטערער, שוין גראָער ייד און אַ יונגע פרוי. אַרומשערן נייכינען האָט גענומען די פרוי. בעת דעם שערן האָט די פרוי פאַרפירט מיט איר קליענט אַ געשפּרעך, ווי ס׳איז די טבה פון פאַ־ריקמאַכערס בכלל.

— מיר רעדן דאָ — האָט זי אָנגעהויבן, אָנווייזנדיק מיט אַ בויג מיטן קאָפּ אויף איר גראָען מיטאַרבעטער — צי ס׳דאַרף קומען משיח. איך זאָג, אַז ער דאַרף קומען, אַז דאָס פאָלק רעדט, כ׳ווייס, אַלע יאָרן רעדט מען ביי יידן,

אַז ס'דאַרף קומען משיח... נו, איז עס דאָך ניט אומזיסט, אַלטע מענטשן, געלערנטע זאָגן דאָס, מסתמא איז עס ניט אומזיסט. איר זעגט דאָך אויך אַן עלטערער מענטש, וואָס זאָגט איר?

דאָס איז געווען אַ יונגע פרוי מיט אַ קיילעכיק ראָז פּנימל, ניט קיין מיאוסע, אפילו סימפּאַטיש, נאָר ס'איז קלאָר געוואָרן פאַר נייכינען, אַז ס'פעלט איר איינע געוויסע וויכטיקע קליינקייט פאַר אונדזער צייט — קולטור. גראָדע מיט שערער האָט נייכין ניט ליב געהאַט צו רעדן, פאַרפירן געשפּרעכן, נאָר דאָס מאָל איז ער געצוווּנגען געווען צו ענטפערן.

— ביי יידן האָט מען טאַקע אַ סך גערעדט וועגן משיחס קומען, אַז ער דאַרף קומען אויף אַ ווייס פערדעלע, ס'זענען נאָך אפילו איצטער דאָ אַזעלכע, וואָס רעדן דערפון, און אין דער יידישער געשיכטע זענען אַפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען משיח, ס'איז געווען ניט איינער אַזעלכער. נאָר אוואַדע איז נאַריש צו רעדן, אַז משיח דאַרף פון ערגעץ קומען, נאָר אָט איז אַנטשטאַנען אַ לאַנד, וואָס יידן בויען, וווּ יידן לעבן זעלבסטשטענדיק, ווו יידן קענען זיך פאַרטיידיקן, ווען מ'פאַלט אָן אויף זיי... ביי יידן זענען געווען שלעכטע צייטן און זיי האָבן גע־וואַרט אויף בעסערס. דאָ קען מען זאָגן, אַז זיי האָבן זיך דערוואַרט אויף בעסערס, איצט קען מען זאָגן, אַז משיח איז געקומען.

— אָט דאָס זאָג איך אויך — האָט שוין צוגעגעבן דער אַלטער שערער — נאָר גלויבן, אַז פון ערגעץ וועט קומען אַ משיח...

דאָס ראָזע ווייבל האָט נאָר אַ זאָג געטון:

— איצט פאַרשטיי איך.

דאָס מאָל, ווען נייכין איז געווען אין באָד האָט ער זיך מיט פאַרוווּנדערונג אַרומגעקוקט: ער האָט ניט געהערט אַרום זיך דעם וואָלפישן ווי: זש־יי־ד! ער האָט דאָס ביז

איצט ניט פאַרגעסן. אָבער ס'איז שוין ווידער גוט, מ'קען שוין איינשלאָפן רויִק. אָבער וואָס קען זיין דערפון... אַז ס'איז מעגלעך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווו איז דער גרונד צו טראַכטן, אַז דאָס קען ניט טרעפן אין איין־און־צוואַנציקסטן? דער געדאַנק לאָזט אים ניט צורו.

און אָפּקלאַנגען פון אָט די ניט לאַנג פאַרגאַנגענע טעג האָבן זיך נאָך לאַנג געהערט אין דער גיכער הילף. מ'האָט אַלע מאָל דערציילט וועגן גיפטיקייט פון אייניקע מעדיקער־קאָלעגן, וועלכע האָבן זיך צופיל באַמיט צו שאַדן די יידן. מ'האָט אויך דערמאָנט מיט צופרידנקייט די, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן מענטשלעכקייט, פריינטלעכקייט. די דאָקטאָרין הורוויץ האָט דערציילט מיט אַ שטראַלנדיק פּנים גאַדלערן און אַננאַ אַבראַמאָווגאַ, אַז פּראָפעסאָר זאַטויעוו איז געקומען אַהיים צו פּראָפעסאָר מאַגנער, וועלכער איז געווען פאַרשייט מיט רכילות און בילבולים אין יענע טעג, זיך אַנטשולדיקט פאַר אים, דערמוטיקט און אים געבעטן צוריק פאַרנעמען זיין קאַפּעדרע און גאַדלער, קוקנדיק אויף דער הורוויץ, ווי זי האָט איבערגעלעבט פון דער געביטענער סי־טואַציע גלייך ס'איז אויף איר אַ נייע הויט אַרויף, האָט געטראַכט: דאָס איז אַן אמתע טאַכטער פון יידישן פאָלק.

שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז אין אַנדערע שטעט זענען אָנגעקומען געשיקטע פון דער מאַכט, פון העכערע אינסטאַנצן, מיט רעקאָמענדאַציעס און אָנווייזונגען אויס־צוזוכן און טאַקע דערפינדן סיבות צו באַשולדיקן יידישע דאָקטוירים און אָנפירער פון מעדיצינישע אַנשטאַלטן, אויסטראַכטן אויף זיי באַשולדיקונגען אין פּרוּוון צו פאַר־סמען חולים. מ'האָט אויך דערציילט וועגן ניט־יידישע אָנפירער פון מעדאַנשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך ניט געאיילט אויסצופולן אָט די אָנווייזונגען, וועלכע האָבן זיך ניט אָנ־געשטעקט מיט דער העצע קעגן יידישע דאָקטוירים. בכלל האָט מען זיך ערשט געגרייט צו פאַרשפּרייטן אָט דעם בלבול אויף די יידישע דאָקטוירים, נאָר דער טויט פון דעם

אויסטראַכטער פון דעם בלבול, האָט אָפּגעשטעלט דעם בייזוויליקן אומזין.

8

און נאָך אַ טאָג פון גרויסער סענסאַציע איז געקומען אין דער גיכער הילף. ס׳איז אַנטדעקט געוואָרן, אַז די אָנ־פירערין פון געזונטהייטס־אַמט, די גונאַראַווא, איז ניט קיין דאָקטאָרין, ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר דיפּלאָם איז אַ פאַלשער, און פון דעם ערשט אַ קאָפּיע — אַ קאָפּיע פון אַ פאַלשן דיפּלאָם. ס׳איז באַוווּסט געוואָרן, אַז די גונאַראַווא האָט די לעצטע צייט אונטערגענומען שריט איבערצוגייען אויף אַ העכערן פּאָסטן און ווייל זי האָט פּונקט געדאַרפט באַקומען דעם טיטל פון וויסנשאַפטס־קאַנדידאַט, האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, זי זאָל ווערן אָנפירערין פון אַ וויסנ־שאַפטס־אינסטיטוט. די פרויען פון דער גיכער הילף האָבן די מעשה דעטאַליזירט און געקייעט, ווייל צו דעם אַלעמען האָט זיי נאָך פאַרשמעקט דער רייצנדער ריח פון אַ ראָמאַן. די מעשה מיטן דיפּלאָם האָט אַרויסגעבראַכט די פאַרוואַל־טערין פונעם פינפטן שפּיטאָל, די דאָקטאָרין וואַנינסקאַיאַ דערפאַר וואָס די גונאַראַווא האָט ניט געקענט איבערטראָגן, וואָס ביי דער וואַנינסקאַיאַ האָט זיך פאַרקניפּט אַ דערפאָלג־רייכער ראָמאַן מיט אַ הויכן אָנגעשטעלטן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, און ווען אַנדערע האָבן זי אין געהיים נאָר מקנא געווען מיט דעם אָפּגעהאַלטענעם זיג, האָט די גונאַ־ראַווא גערעדט וועגן דעם בקול רם, געטענהט, אַז ס׳איז אַ שלעכטער ביישפּיל, אַז ס׳איז אוממאָראַליש. מיט איין וואָרט, זי האָט געוואָלט, אַז די וואַנינסקאַיאַ זאָל זיך אומקערן אויפן דרך הישר. די וואַנינסקאַיאַ, פאַרבייגייענ־דיק די רעדעס וועגן איר ראָמאַן, האָט שוין ניט איינגע־האַלטן איר נקמה און זיך צערעדט, אַז די גונאַראַווא איז בכלל ניט קיין דאָקטאָר, זי איז קאָם אַ קראַנקען־שוועסטער און זי האָט ניט קיין שום מאָראַלישע רעכט צו לערנען און גיבן אָנווייזונגען אמתע דאָקטוירים. ווען מ׳האָט דאָס גע־

נומען קאָנטראָלירן האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן די פאַלש־קייט פון איר צעבלאָזענעם און צעפּויקטן אויטאָריטעט. ביי דער געלעגנהייט האָט מען שוין אָפן גערעדט, אַז ניט געגוג וואָס זי איז ניט קיין דאָקטאָר האָט זי נאָך די לעצטע צייט זיך געגרייט ווערן דאָצענט אויך מיט דער הילף פון פאַלש־קייט. מ׳האָט שוין אָנגערופן די נעמען פון די דאָקטוירים, וועלכע האָבן פאַר איר געשריבן די דיסערטאַציע. דערביי האָט מען שוין אויך דערמאָנט איר חוצפּה: אויף קאָנפע־רענצן האָט זי זיך דערלויבט צו מאַכן באַמערקונגען פּראָ־פעסאָרן פון מעדיציניש־וויסנשאַפטן, אַרויסווייזנדיק דער־ביי איר כאַראַקטעריסטישע שטרענגקייט. פאַראייגוועגס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז איינגעאָרדנט דאָקטוירים האָט זי אויך ניט אומזיסט...

מיט דער ידיעה, אַז מ׳האָט די גונאַראָווע אַראָפּגענומען פון איר אַמט איז געקומען ד״ר גאָדלער.

ווען ער האָט זיך צוגעזעצט צו אַננאַ אַבראַמאָוונעס טיש האָבן זיי שוין ביידע געשמייכלט.

— וואָס זאָגט איר אויף אונדזער באַלעבאָסטע? ווער ס׳פירט אָן און גיט אונדז אָנווייזונגען, איי־איי־איי — האָט ער געשמייכלט מיט באַדויערונג.

— ניט יעדער קען דאָס — האָט געזאָגט אַננאַ אַבראַ־מאָוונאַ — מ׳דאַרף דאָס קענען.

— חוצפּה האָט זי געהאַט גענוג, דאָס האָט זי ביי קיי־נעם ניט געדאַרפט אַנטלייען.

— און ווער ס׳קומט אויף איר אָרט ווייסט מען נאָך ניט?

— דאָס מאָל וועט מען אפשר בעסער קאָנטראָלירן דעם דיפּלאָם. דעמלט ווען מ׳האָט קאָנטראָלירט די יידישע דאָקטוירים האָט מען זיך אין אירע דאָקומענטן ניט גע־גריבלט — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ ביטערן שמייכל.

— ווען זי אַנטשטעפּעט ניט מיט דער וואַגינסקעס ראָ־מאַן, וואָלט זי אויך ווייטער געבליבן קייסער.

ווען נייכין איז געקומען אין דער גיכער הילף האָט ער מיט צופרידנקייט געזען די אויפגעשיינטע פּנימער פון די יידישע דאָקטוירים. דאָך האָט ער געטראַכט:

— ס'איז שוין ווידער גוט, אָבער וואָס וועט זיין ווייטער?...

טרויעריקע געדאַנקען האָבן אים איצט אָפט באַהערשט: וואָס קען זיין דערפון און ווו איז דער אויסוועג?

דער היטלעריזם און די גרויסע מלחמה האָבן בכלל געמאַכט אַן איבערקערעניש אין זיינע געדאַנקען. יידישע צרות האָט ער שטענדיק אויפגענומען מיט באַזונדערער עמפּפינדלעכקייט, אָבער די לעצטע יאָרן האָבן אים אינגאַנצן צערודערט. שוין נאָך די היטלעריסטישע רציחות, אינדערמיט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען מעגלעך בילבולים און אָפענע שנאה צו יידן.

וועגן דעם האָט ער געטראַכט, ווען ער איז געגאַנגען איבער דעם ברייטן פון זון באַלויכטענעם מעל־פּלאַץ. אַרום דעם פּלאַץ האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויטאָבוסן, וואָס האָבן צעפירט פּאַסאַזשירן אויף דער פּעריפעריע. אין פּאַרשידענע עקן פונעם פּלאַץ זענען געשטאַנען מענטשן און געוואַרט. ניט ווייט פון דעם אָרט, ווו ער איז דורכגעגאַנגען, האָט ער צווישן אַ גרופּע וואַרטנדיקע דערזען שטיין איינעם אַ מענטשן פון אַ יאָר פינף־און־דרייסיק, אויף וועלכן ס'איז געווען געוועגדעט די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומשטייענדיקע. ער האָט צו זיי גערעדט און געמאַכט ברייטע זשעסטן מיט ביידע הענט. ווען נייכין האָט זיך דערנענטערט האָט ער דערהערט:

— איך נעם זיי אויף די הערנער — דערביי האָט ער מיט ביידע הענט באַוויזן ווי אַזוי ער טוט עס — זיי האַלטן איינס פּאַר ס'אַנדערע — דערביי האָט ער מיט די קולאַקעס באַוויזן ווי שטאַרק „זיי" האַלטן זיך און געקריצט מיט די ציין — איך קען זיי ניט ליידן — האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ — אוך! — ער האָט נאָכאַמאָל געמאַכט אַ קולאַק.

אייניקע צוהערער האָבן מיט גאַרניט רעאַגירט. אייניקע האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— ריכטיק, ריכטיק.

נייכין האָט זיך נאָענט אָפּגעשטעלט און געקוקט אויפן „פּרעדיקער". דאָס איז געווען אַ יונגער מענטש מיט אַ נער־וועז צעקנייטשט פּנים, מעגלעך, אַז אַ פּסיכיאַטער וואָלט אים אַנערקענט פאַר אַ קאַנדידאַט אין אַ משוגעים־הויז און די הערנער, וועגן וועלכע ער האָט גערעדט, זאָלן שוין געווען זיין די זאַמען, פון וועלכע ס'זאָל ביי אים אין דער צוקונפט אויסוואַקסן די אידיי פיקס, די וואַנזיניקע פאָר־שטעלונג, אַז ער איז אַ ביק מיט הערנער.

נייכין האָט זיך צוגעקוקט און צוגעהערט, נאָר עפּעס זאַכליכס האָט יענער ניט אַרויסגעזאָגט. ער האָט נאָכאַמאָל באַוויזן ווי ער „נעמט זיי אויף די הערנער" און נאָכאַמאָל: ער קען זיי ניט ליידן. פאַר נייכינען איז שוין קלאָר געווען וועגן וועמען ער רעדט און ער האָט שוין אָפּן געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף דעם מענטשן, וואָס האָט מיט אַלע זיינע אברים און נערוון אויסגעדרוקט שנאה צו יידן.

די אַרומשטייענדיקע האָבן שוין געקוקט אויף נייכינען און געזען ווי ער רעאַגירט מיט דעם אויסדרוק פון זיין פּנים אויף די טענות פונעם „פּרעדיקער".

יענער האָט נאָך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די איי־גענע רייד און זיך אויסגעשעפּט, ווייזט אויס, מער האָט ער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. נייכין האָט נאָך מיט באַדויערונג אַ קוק געטון אויף דעם קרייז מענטשן און אַוועקגעגאַנגען. ער האָט געטראַכט: נאָכאַמאָל די איינזייטיקע שנאה... וואָס האָט צו מיר אָט דער מענטש? וואָס האָב איך אים געטון? נאָר ווייטער גייענדיק: גאַנץ מעגלעך, אַז ער אַליין ווייסט אויך ניט וואָס ער האָט צו מיר... נאָר דאָס איז דער איינער פון אַ סך...

9

אין די טעג האָט נייכין באַגעגנט בראַזערן, אַ פריי־

לעכן, אַן אויפגעלעבטן. ס׳איז קענטיק געווען, אַז יענער שטייט פעסט אויף זיין גוטער מאַטעריעלער פּאָזיציע, ווי אויף אַן אייזערנער בריק, און אין דעם האָט אים איבער־צייגט זיין וואַקסנדיקער בויך, וואָס האָט זיך שוין אויסגע־טיילט פון אונטער דעם אָפּשטייענדיקן רעקל.

— נו, וואָס הערט זיך, וואָס קומט איר ניט אַריין? האָט ער זיך געוווּנדערט צו נייכינען.

— איך זאָג אייך דעם אמת, איך בין געווען שטאַרק דערשלאָגן... די צייט... וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטון מיט די דאָקטוירים...

— וואָס־זשע, איר זענט דאָך ניט קיין דאָקטאָר — האָט בראַזער איראָניש געשמייכלט.

— דאָך האָב איך שטאַרק געליטן דערפון און האָב עס פערזענלעך געפילט.

— איך פערזענלעך האָב גאָרנישט געפילט. און בכלל בין איך ביי דער מיינונג, אַז אַזעלכע ווי מיך מיט אייך האָט מען ניט געמיינט. מ׳האָט געצילט אין העכער שטיי־ענדיקע.

— אַזוי צו טראַכטן איז אַ גרויסער טעות. אין אַזאַ לאַגע ווי ס׳האָט זיך דאָ געשאַפן, טראַכטן, אַז ניט מיך מיינט מען... דאָס איז אַן אַלטער טעות פון אַ סך צווישן אונדז... מ׳האָט מיך זייער דייטלעך געמיינט און איך האָב עס געפילט אויף יעדן טריט. און אַז איר ווילט האָט מען מיר געזאָגט, ווען איך בין געשטאַנען אין אַ ריי, איך זאָל גיין קיין פּאַלעסטינע...

— איך האָב אַזעלכעס ניט געפילט און מיך גייט עס בכלל ניט אָן.

— און איך מוז אייך זאָגן, אַז מיר גייט עס שטאַרק אָן — האָט נייכין געזאָגט מיט איבערצייגונג — איך טראַכט אַ סך דערפון.... די מענטשהייט בכלל און די היינטיקע בפרט, טראָגט אין זיך קאָלאָסאַלע רעזערוון פון פּראָגרעס, פון טעכנישן, פון ברייטן וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס, נאָר

צוזאַמען מיט דעם, טאַקע אינאיינוועגס, ליגט אין איר באַ־האַלטן די ווילדסטע חיה. און דאָס האָבן באַוויזן ניט נאָר די דייטשן, נאָר אויך אַנדערע פעלקער. דער פּראָגרעס פּאָרויס און די חיה אין רעזערוו. און פון צייט צו צייט באַווייזט זי זיך און וויל אונדז די ערשטע פאַרגיכטן. וועגן פּראָגרעס שרייט מען, אַז מיר האָבן דערגרייכט ביז אין הימל, נאָר די ווילדע חיה ליגט אין באַהעלטעניש און היט אַ פּאַסענדן מאָמענט... דאָס איז דער פּרימיטיווער שכל פון דער קאַץ, וועלכע פאַרשטייט גוט ווען זיך צו וואַרפן אויף דעם קרבן, נאָר די לעצטע יאָרן האָבן אונדז איבערצייגט, אַז די חיה, וואָס באַהאַלט זיך אין דער מענטשהייט, איז די געפערלעכסטע...

— ע, איר מאַכט אַ גאַנצע פילאָסאָפיע — האָט בראַזער זיך קאַם דערוואַרט ער זאָל אים קענען איבערייסן — איך טראַכט ניט וועגן אַזעלכע זאַכן.

— ס'איז אָבער דאָ וועגן וואָס אַ טראַכט צו טון.

— איך האָב קיין צייט ניט דערויף. ווען קומט איר צו אונדז אַריין?

— איך וועל שוין יאַק־נעבוד אַריינקומען אַמאָל — האָט נייכין מיט אומצופרידנקייט געענטפערט, — און זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט.

— אים גייט עס ניט אָן — האָט נייכין געטראַכט — אים איז גוט און ווייטער דאַרף ער גאָרניט וויסן... אַי מאָרגן קען עס אים אויספאַלן באַקאַם, וועט ער זיך שפּעטער קראַצן...

10

ד"ר גאָדלערס פּלאַץ איז ווידער געווען ביי אַננאַ אַב־ראַמאָווגעס טיש. נאָר פרייטעד איז ער ניט געווען, זיין פּנים האָט אויסגעדרוקט פאַרזאָרגטקייט, זיין שטימונג — אַ געפאַלענע. ער האָט צו איר גערעדט:

— די לאַגע האָט זיך כלומרשט פאַרבעסערט, מ'האָט מיך שוין געלאָזט צורו מיט מיין דיפּלאָם, מ'נעמט מיך ניט

אַראָפּ פון דער אַרבעט... נאָר פּערזענלעכע צרות האָב איך געגנוג, ווייל חוץ דעם, קאָם וואָס איך גיי אַרום אויף מיינע פיס, האָב איך נאָך אַלץ אַן אַרומלויפעניש וועגן דעם קוואַרטיראַנט, וואָס מ׳האָט מיר אַריינגעזעצט. קיין קוואַרטיר גיט מען אים ניט און ער האָט ניט בדעה מיך באַפרייען פון זיין שכנהשאַפט... אוי, — האָט ער אַ קרעכץ געטון — קאָם וואָס איך לעב.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אויגן פול מיט מיטלייד.

— צו וועמען־זשע לויפט איר?

— איך גיי צו איינעם, צו אַן אַנדערן פון די שטאָטבאַלעבאַטים. איך זוך שוין אַליין פאַר אים אַ קוואַרטיר... איך פיל מיך אונטער אַ משא, וואָס דריקט מיך. און אייגנטלעך איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו באַקלאָגן. די צו וועלכע איך לויף, זענען טאַקע די, וואָס האָבן מיר אים געשיקט. זיי אַליין, איך ווייס דאָס זיכער, האָבן צו אַכט צימערן, נאָר פאַר מיר, האָבן זיי געפונען, איז צופיל דריי... איר ווייסט ווי פאַרדריסלעך דאָס איז און ווי עס ווירקט אויף מיין האַרץ. און אומזיסט זוכט מען די סיבות פון די אָפטע אינפאַרקטן, וואָס מיר באַגעגענען אין אונדזער פּראַקטיק. מ׳דאַרף זיי ניט זוכן, מ׳טאָפּט זיי אָן מיט די הענט.

אין דער צייט איז אָנגעקומען דער רירעוודיקער, דער שטענדיק פריילעכער חכמה־זאָגער, ד״ר שאַמראַן.

— וואָס איז מיט דיר, גאָדלער, וואָס ביסטו אַזוי פאַרצרעט? האָב שוין ניט מורא, מ׳קאָנטראָלירט שוין ניט די דיפּלאָמען, אויס קאָמיסיעס — האָט ער פריילעך געזאָגט.

— פאַר מיין דיפּלאָם האָב איך פריער אויך ניט מורא געהאַט. דו זעסט דאָך, אַז מורא האָבן האָט געדאַרפט אונדזער גלאַוונע באַלעבאָסטע, די גונאַראָווא, אָבער איך? איך בין טאַקע געוועזן אַמאָל אַ קאַמאַשן־מאַכער, אָבער דעם אינסטיטוט האָב איך געענדיקט ערלעך.

— דערויף בין איך אַן עדות — האָט שאַמראַן אים אַ קלאַפּ געטון אין אַקסל, און איז אַוועק.

— אַ גליקלעכער מענטש — האָט געזאָגט אַננאַ אַבּ־ראַמאָווגע — קיינמאָל זאָרגט ער ניט, ער דאַרף נאָר וואָס מער דעזשורסטוועס.

— ער איז פון די, וואָס דאָס אַרומיקע באַרירט זיי ניט, אַבי ס'ריִרט זיי ניט אָן.

— און אַז איר ווילט, האָט מען מיר דערציילט וועגן אים, אַז ער קען זיך אַוועקזעצן ביי אַ חולה און אויס־טרונקען און טאַקע צובייסן אויך — האָט געשמייכלט אַננאַ אַבראַמאָוונאַ.

— יאָ, אויף אים איז צו גלויבן.

נאָך אַ פּאַוזע האָט גאַדלער געזאָגט:

— איך דעזשורע מאָרגן, נאָר צי איך וועל קענען קו־מען ווייס איך ניט, איך בין אינגאַנצן אויסגעשעפּט. איר האָט ניט קיין פאָרשטעלונג ווי אויסגעמאַטערט איך בין פון דעם אַלעמען, וואָס רינגלט מיך אַרום. איך ווייס ניט וואָס ס'וועט זיין מיט מיר... נו, זייט געזונט אַננאַ אַבראַמאָוונאַ.

— אויף ווידערזען, דאָקטאָר, זייט אויך געזונט און מאַכט זיך ניט נאַריש.

11

נייכין האָט זיך אַלץ מער צוגעלאָזט צו די אייניקלעך, זיך דערנענטערט צו זיי, געלעבט מיט זייערע אינטערעסן. ווען ער האָט זיי געבראַכט עפּעס צו נאַשן און דער זון האָט געפּרוווט פּאַרזוכן, האָט ער געזאָגט אין שפּאַס:

— ס'איז ניט פאַר דיר. כ'האָב מיך אָפּגעזאָגט צו האָ־דעווען מיינע קינדער.

נאָר די אייניקלעך זענען אונטערגעוואַקסן, זייערע לע־בנס־אינטערעסן האָבן זיך געברייטערט. דאָס עלטערע מיידל האָט געענדיקט די מיטל־שולע, און ס'איז געקומען אַ ליכטיקער מאַי־טאָג, ווען ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען די לעצטע לעקציע און ס'האָט געדאַרפט אויסקלינגען דער

לעצטער קלאַנג פון שול־גלאָק, וועלכער האָט גערופן אַריינגיין צו דער לעקציע.

נאָר פאַר דעם לעצטן קלאַנג איז פאָרגעשטאַנען נאָך אַ גרעסערע פייערלעכקייט: דאָס איבערגעבן די קאָמסאָמאָל־סקע פאָן פון דעם אַוועקגייענדיקן צום איבערבלייבנדיקן צענטן קלאַס.

קאָמסאָרג פונעם קלאַס איז געווען טאָקע נייכינס איי־ניקל.

— קאָמסאָרגטשיק, באַלד באַפרייסטו זיך פון דיין אַמט

— איז צו איר צוגעשפרונגען אַ חברטע.

— יאָ — האָט זי געענטפערט מיט אַ צעשטרייטן בליק.

קאָמסארגטשיק האָט מען זי גערופן פאַר איר קליינעם וווקס.

די קלאַסן זענען געווען אויסגעשטעלט אין רייען אין אַ פירעק.

די דירעקטאָרין, אַ היבשע הויכוווקסיקע פרוי, האָט אָפּגעגעבן דעם באַפעל:

— קאָמסאָרג פון דעם צענטן קלאַס זאָל איבערגעבן די פאָן דעם ניינטן קלאַס.

נייכינס אייניקל איז געשטאַנען לעבן דעם בחור דעם פאָן־טרעגער און לעבן זיי נאָך צוויי שילער, און נייכין האָט מיט נחת צוגעקוקט ווי דאָס אייניקל, וועלכע ער האָט, דאַכט זיך, ערשט נעכטן געהאַלטן אויף די הענט, ווי אָט דאָס קליינע אייניקל גייט מיט ערנסטקייט פון אַ זעלנער לעבן זיין פאָן, און גיט זי איבער דעם יונגערן קלאַס. ס׳איז געווען אַ סימבאָלישע סצענע, פול מיט באַדייטונג, און דאָס האָט געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק.

און ווען דער שול־גלאָק פלעגט געוויינלעך אָפּקלינגען עטלעכע מאָל גיך און קורץ, האָט ער דאָס מאָל געקלונגען לאַנגזאַם און דויערנדיק, גלייך ער האָט געדאַרפט דערמאָ־נען די קינדער, אַז דאָס איז ניט קיין געוויינלעכער פשוטער קלאַנג, נאָר אַ גאַנץ באַדייטנדיקער, מיט אַ באַזונדערן איינ־

האַלט, ער האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי טרעטן איבער אַ גרויסע שוועל אין לעבן, ווו ס׳דערוואַרט זיי ווער ווייסט וואָס...

און נייכין מיט זיין פרוי, צווישן פיל אַנדערע באָבעס און זיידעס, זענען געשטאַנען און מיט שמייכלען פון נחת אויף די פנימער, אויף וועלכע ס׳זענען אינאיינוועגס דורכגעלאָפן וואָלקנס פון זאָרג, געשטאַנען אַרום און געקוקט אויף דער פייערלעכער צערעמאָניע. פיל פון די אָנוועזנדע באָבעס און זיידעס האָבן דערביי שוין געווישט די טרערן פון די אויגן, ווייל זיי האָבן שוין לאַנג איבערגעפירט זייערע לעבנס־האָפענונגען אויף אָט די אייניקלעך.

אונטער אַ לאַנג דויערנדיקן קלאַנג פון שול־גלאָק זענען די שילער אַריינגעגאַנגען אויף דער לעצטער לעקציע. און דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע און רייצנדיקע, אויף וועלכן ס׳האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט ביידע אייניקלעך די מיידלעך, איז געווען דער אַרויסלאָז־אָוונט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר די שילער און שילערינס, וואָס האָבן געענדיקט. און קיינער פון די באָבעס און זיידעס האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דעם פאַרגעניגן ביייצוזיין און צוזען ווי די מיידלעך זענען אויסגעפוצט אין טיולענע, ווי פון לופט אויסגעוועבטע ווייסע און בלאַס־בלויע קליידער. די ראָזע און ליכטיקע פאַרבן פון זייערע קליידער האָבן ווי סימבאָליזירט די ליכטיקע האָפענונגען, מיט וועלכע זייערע הערצער זענען געווען איבערפולט, און וואָס ס׳האָבן אויך אויסגעדרוקט זייערע פנימער אין אָט דעם פייערלעכן אָוונט. נאָר איידער מ׳האָט אָנגעהויבן טאַנצן האָט מען אויסגערופן און צעטיילט די אַטעסטאַטן, דערביי זענען שוין אויסגערופן געוואָרן די אויסגעצייכנטע. מיט אַ באַזונדערן אינטערעס האָט מען דערוואַרט, ווער ס׳וועט באַקומען דעם מעדאַל. און ווען מ׳האָט אויסגערופן די שימקאָווסקע זענען די שילער געווען אַנטוישט, ווייל קיינער פון זיי האָט ניט גערעכנט, אַז די שימקאָווסקע האָט מיט איר לערנען פאַר־

דינט די אויסצייכנונג. נאָך דער פּראָגראַם פונעם אָונט איז פאַרגעזעצט געוואָרן. און נאָך אַ פּאָר רעדעס פון דער דירעקטאָרין און אַ פּאָר לערער, רעדעס פול מיט הויכער מאָראַל און לעבנס־אָנווייזונגען, האָט מען אָנגעהויבן טאַנצן, און ערשט ביים טאַנצן האָבן די מיידלעך זיך צו־געבויגן מיט די קעפּ איינס צו ס׳אַנדערע און שטילערהייט קאָמענטירט די פאַרדינסטן פון דער שימקאָווסקע.

— דו פאַרשטייסט, איר טאַטע איז אַ...

די אַנדערע האָט זי אפילו ניט געלאָזט ענדיקן:

— און איר מאַמע איז אַ גוטע שוועסטער מיט דער דירעקטאָרין...

דערביי האָט מען פּילדייטיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

און זיי האָבן ווייטער זיך געדרייט אונטער די קלאַנ־גען פון מוזיק, גלייך זיי האָבן באַשטעטיקט, אַז אַלצדינג איז אין פולסטער אָרדנונג.

12

נייכינס שנור, די מאַמע פון די צוויי מיידלעך און צוויי קלענערע יינגלעך, איז געווען אַ טוערין אין שול־קאָמיטעט. ווייל זי האָט געהאַט צוויי שילער האָט זי אַלע מאָל באַקו־מען אויפגאַבן פון קאָמיטעט. אָנהויב לערן־יאָר האָט דער שול־קאָמיטעט אָפּגעהאַלטן זיצונגען. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן די נויטן פון דער שול, וועגן די נויטן פון שילער, וועלכע זענען ניט באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן צום לערן־יאָר. מ׳האָט אַרומגערעדט וועגן שילער, ביי וועלכע די משפּחה איז אָן אַ טאַטן אָדער אָן אַ מאַמע, אָדער דאָס פאַרדינסט קלעקט ניט צו באַזאָרגן די קינדער מיט קליי־דונג אויפן ווינטער. צו אַזעלכע שילער איז מען געגאַנגען אַהיים, געפאָרשט זייערע מאַטעריעלע אומשטענדן און גע־זוכט מיטלען צו העלפן.

נאָך אַזאַ זיצונג איז נייכינס שנור געגאַנגען אַהיים מיט נאָך אַ קאָמיטעט־מיטגלידערין ספּיוואַקאָווע. זיי האָבן אַרומגערעדט די זיצונג, וועגן דער שווערער לאַגע פון

קינדער, וועלכע מ׳מוז העלפן. שוין ביים געזעגענען זיך האָט די ספּיוואַקאָווא זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— אוי, פרוי בייכינא, כ׳האָב שיר ניט פאַרגעסן אייך צו דערציילן, וואָס פאַרא קאָנפוז כ׳האָב געהאַט מיט אונ־דזער קאָמיטעט־פאָרזיצער וואַסילטשענקאָ. איר קענט דאָך אים וואָס פאַר אַ סאָלידער מענטש ער איז, וואָס פאַר אַ פּרינציפּיעלער, סיי לויט זיין קאָמפּלעקציע, סיי לויט זיין רעדן אויף די זיצונגען — מיט איין וואָרט: אַ מענטש מיט וואָג.

— וואָס דען איך קען אים ניט? — האָט זיך אָנגערופן די בייכינא.

— הערט־זשע וואָס פאַר אַ געשפּרעך כ׳האָב געהאַט מיט אים, ווען איך בין געגאַנגען צו דער זיצונג און האָב אים באַגעגנט — האָט פאַרגעזעצט די ספּיוואַקאָווא מיט אַ שמייכל אויף אירע פּולבלעכע ליפּן — מיר האָבן זיך צע־רעדט וועגן די שילער, וועלכע מ׳דאַרף העלפן אין דער ערשטער ריי. זאָגט ער צו מיר: אין אַלגעמיין דאַרפן מיר העלפן אונדזעריקע. זאָג איך: וואָס הייסט אונדזעריקע? — נו, אונדזערע, זאָגט ער נאָכאַמאָל. — איך פאַרשטיי ניט, זאָג איך. ער נאָכאַמאָל — אונדזערע. ביז כ׳האָב צע־קייעט וואָס ער מיינט, ביז כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט עפּעס אַ טעות. ער הערט: איך בין ספּיוואַקאָווא און ער איז וואַסילטשענקאָ, הייסט עס, בין איך פון זייניקע, מעג ער פּרווון מיר איינרעדן, אַז מיר דאַרפן העלפן אונדזערע. זאָג איך אים: — אויב אַזוי, וועט איר העלפן אייערע און איך וועל העלפן מיינע. איך האָב אַ קריסטלעכן מאַן, אָבער איך בין אַ יידישע, נאָר איך מאַך ניט קיין שום חילוק צווישן אונדזערע און אייערע. איך קוק נאָר ווער ס׳נויי־טיקט זיך. און ביי אונדז אין קאָמיטעט קען קיין רייד ניט זיין פון „אונדזערע" און „אייערע". איר שטעלט זיך פאַר אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער האָט זיך געשטעלט. נאָר אַנדערש האָב איך ניט געקענט. איך באַהאַלט קיינמאָל ניט, אַז איך

בין אַ יידישקע און אוודאי קען איך ניט דערלאָזן, אַז אין אַ שול־קאָמיטעט זאָלן זיך אַרויסווייזן אַזעלכע טענדענצן.

— זייער שיין, זייער גוט — האָט די נייכינא איר געדרוקט די האַנט ביים געזעגענען זיך — איך בין שטאַרק צופרידן, וואָס איר האָט אים אַזוי געזאָגט.

13

ס'איז געווען אַ זומער־טאָג, אַ זוניקער, אַ רויִקער, ווי עס טרעפט אָפט, ווען ס'דערנענטערט זיך דער אָסיען. דאָקטאָר גאַדלער האָט זיך נאָרוואָס אומגעקערט פון אַן אַרויסרוף צו אַ חולה, און מיט לאַנגזאַמע טריט פון אַ מענטשן, וואָס טראָגט אויף זיך שווער לייב, אַריינגעגאַנגען אין זאַל פון דער גיכער הילף. דאָרט זענען געזעסן עטלעכע דאָקטוירים און געשמועסט. ביי דער טיר אויף אַ בענקל איז געזעסן נייכין און שטיל, קאָם צו דערהערן, אונטערגעזונגען אַן אומעטיקן ניגון. און דאָס ערשטע, וואָס גאַדלער האָט דערהערט ביים אַריינקומען, איז געווען דער אומעט פון אַ יידישן ניגון, וואָס נייכין האָט קאָם הערבאַר אונטערגעזונגען.

גאַדלער האָט אויף אים אַ קוק געטון און געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ קינות־מאָטיוו פלוצים?

— ביי אונדז יידן זענען תמיד דאָ סיבות פאַר אַזעלכע מאָטיוון — האָט נייכין געענטפערט.

— יאָ, צום באַדויערן זענט איר גערעכט.

ער האָט זיך פון אים דערווייטערט און צוגעגאַנגען צו די דאָקטוירים, ווו ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל. ס'איז געווען דער געוויינלעכער טומל, וואָס פלעגט פאָרקומען אַלע פרימאָרגן, ווען בייטאָגדיקע דעזשורן האָבן פאַרביטן די ביינאַכטיקע. דאָקטאָר גאַדלער איז צוגעגאַנגען צו אַננאַ אַבראַמאָווונעס טיש, גערעדט מיט איר און צווישן אַנדערן געזאָגט:

— יאָ, איר ווייסט, מ'האָט מיך שוין באַפרייט פון מיין קוואַרטיראַנט.

— אַזוי, איך באַגריס אייך מיט דער באַפרייונג.

— אַ דאַנק... אָבער וויפל געזונט דאָס האָט מיך אָפּ־געקאָסט!

— גאַנץ פאַרשטענדלעך.

— ניט אומזיסט האָב איך פיינט צו הערן ווען מ'טרייבט איבער די העלדישקייט פון אַ מענטשן. איך פיל, אַז איך בין גאָר אַ קליינער העלד, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַן ערנסטער איבערלעבעניש.

און דעם געשפּרעך האָט גאַדלער פאַרענדיקט מיט אַ קרעכץ: — סך־הכל האָב איך קיין כוח ניט און דאַרף שוין גיין אַהיים זיך אַנידערלייגן. זייט געזונט, אַננאַ אַבראַמאָוונא.

— אויף ווידערזען, דאָקטאָר.

און ער איז אַוועקגעגאַנגען. זי האָט אים נאָכגעקוקט מיט מיטגעפיל און געזען ווי שווער ס'איז אים צו גיין אויף די פיס.

און שפּעטער מיט אַ שעה האָט מען צו גאַדלערן גע־רופן די גיכע הילף. ס'זענען צו אים געפאָרן צוויי דאָק־טוירים. ער איז געלעגן אַן אָפּגעבלייכטער אין בעט. מ'האָט אים געמאַכט איינשפּריצונגען און מ'האָט גערעכנט, אַז דערמיט האָט מען אים געראַטעוועט, נאָר אין אַ קליינער צייט אַרום האָט מען ווידער גערופן צו אים און די ליטינסקע איז שוין געבליבן דעזשורען ביי זיין בעט. אין דער צייט זענען צו אים געפאָרן עטלעכע דאָקטוירים פון דער גיכער הילף. מיט איינער אַ דאָקטאָרין האָט גאַדלער איבערגע־געבן אַ גרוס אַננאַ אַבראַמאָוונע, וואָס האָט זי ניט ווייניק דערפרייט.

שפּעטער האָט די ליטינסקע דערציילט ווי שלעכט ס'איז אים געווען און ער האָט געבעטן מ'זאָל אים עפּעס גיבן, מ'זאָל אים העלפן, נאָר ס'האָט אים שוין גאָרניט גע־האָלפן. דעם דיאַגנאָז האָט מען געשטעלט נאָכדעם ווי ער איז געשטאָרבן: ער האָט געהאַט אַן אינפאַרקט, אַלט גע־ווען איז ער ניט מער ווי אַכט און פופציק יאָר. ס'האָט

זיך אָנגעהויבן אַ רעש און אַ לויפעניש בעת דער צוגריי־טונג צו דער לויה. אַלע מאָל איז געקומען אַן אַנדערע מיט אַ קראַנץ אָדער מיט אַ טאָפּ בלומען. די הויפּט־זאַך איז געווען ס׳זאָל זיין וואָס מער קרענץ און בלומען. מ׳האָט זיך אַזויפיל גערעשט מיט די קרענץ און דעם צוגעגעבן אַזאַ וויכטיקייט, אַז מ׳האָט געקענט מיינען, אַז פון דעם איז אָפּהענגיק די רעטונג פון גאָדלערן.

פון אַן אַנדער שטאָט זענען אַרויסגערופן געוואָרן זיינע צוויי שוועסטער. שטייענדיק לעבן געשטאָרבענעם האָבן זיי מיט פאַרבראָכענע הענט און מיט גרויס געוויין דערציילט, אַז ניט לאַנג איז גאָדלער צו זיי אין שטאָט אַליין געקומען צור לויה פון אַ ברודער און איצט זענען זיי שוין געקומען צו זיין לויה.

מיט בלומען און מיט קרענץ האָט די לויה זיך צע־צויגן אויף דער גאַנצער גאַס. די פרוי גאָדלער איז געגאַנ־גען געאָרעמט מיט זיינע צוויי שוועסטער מיט געבויגענע קעפּ און ניט ווייט פון זיי איז געגאַנגען אַננאַ אַבראַמאָוונא מיט דער דאָקטאָרין הורוויץ מיט פאַרוויינטע אויגן.

נייכין, טראָגנדיק מיט נאָך אַ סאַניטאַר אַ בלומען־קראַנץ, איז געווען פאַרטרויערט און געטראַכט וועגן גאָד־לערן, אַז צוזעענדיק די לויה וואָלט ער געזאָגט: אַזוי ווערט פאַרדרייט אַ יידיש לעבן.

14

באַלד האָט נאָך אַ געשעעניש אויפגעטרייסלט די יידן פון דער גיכער הילף.

ס׳איז געקומען אַ נייער דאָקטאָר. ס׳איז באַוווסט גע־וואָרן, אַז ער איז אַ פאַרטיינער און דאָס האָט זיך גיך באַ־שטעטיקט פון זיינע רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטן בעת די פינפמינוטקעס און בכלל אויף פאַרזאַמלונגען. ער האָט אַלע מאָל גערעדט וועגן דער פּאָליטישער אַרבעט און פּאָ־ליטישער דערציִונג, וואָס איז נייטיק שטענדיק דורכצופירן אין די מאַסן.

דער פֿאָטער פֿון דעם יונגן דאָקטאָר איז געווען סטאַוו־קאָוו פּיאָדאָר פּעטראָוויטש. ער איז געווען אַ פּאַרטיינער און מיט זיין עכט־רוסישן נאָמען און פֿאַמיליע האָט ער געהאַט אַ בכבודיקן אָנזען אין שטאָט און געווען אַ דירעק־טאָר פֿון אַן אַרטעל. ווי אַ סך אַזעלכע ווי ער האָט ער גע־האַט אַ חוץ זיין געהאַלט אויך זייטיקע פּרנסה און דערפֿאַר איז ער נאָך צוריק מיט יאָרן אַריין אין טורמע.

אין יענער צייט איז ער אַליין געווען אונטערגעוואָרפֿן אַן אַנדער דירעקטאָר און אונטער יענעמס אָנפֿירונג האָט ער געמאַכט פֿאַרשידענע מאַכינאַציעס און ווען ער איז דורכגעפֿאַלן און אַרעסטירט געוואָרן האָט אים דער דירעק־טאָר געזאָגט ער זאָל נעמען די שולד אויף זיך און שפּע־טער וועט ער אים אַרויסנעמען. ווען מ׳האָט אים געבראַכט אין געריכט און דער דירעקטאָר איז אַרויסגערופֿן געוואָרן אַלס עדות, האָט סטאַוווקאָוו געפּרוווט אָנווייזן, אַז אַלצדינג, וואָס ער האָט געטון איז געטון געוואָרן לויט דער אָנוויי־זונג פֿונעם דירעקטאָר, נאָר יענער האָט זיך אינגאַנצן אָפּ־געטרייסלט און געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט און ניט גע־ווּסט פֿון גאָרניט. סטאַוווקאָוו איז באַשטראָפֿט געוואָרן מיט פֿינף יאָר תּפֿיסה.

פֿון דער תּפֿיסה איז ער אַרויס מיט מער דערפֿאַרונג און אומצוטרוי צו מענטשן.

ער איז אַריין אַרבעטן אין אַן אַרטעל און, אַדאַנק זיין אַרויסגעוויזענער פֿעיקייט און רירעוודיקייט איז ער אינגיכן באַשטימט געוואָרן פֿאַר דירעקטאָר. ער איז שוין געווען פֿאַרזיכטיקער און ממש געציטערט פֿאַר די העכער־שטייענדיקע פֿון דער פּאַרטיי, נאָר איבערפֿולט מיט אומ־צוטרוי צו זיי. נאָר אָן מאַכינאַציעס איז מען זיך דעמלט אינערגעץ ניט באַגאַנגען, ווייל דער געהאַלט איז ניט גע־רעכנט געוואָרן פֿאַר פּרנסה, מ,האָט זי געמוזט זוכן אויף דער זייט.

ער האָט ווידער שיין געלעבט און אפֿילו אָפּגעשפּאָרט

אַ היבשע סומע געלט, נאָר מיט דעם געלט האָט מען ניט געוווּסט ווי זיך אַהינצוטון. אַלע מאָל האָט ער עס באַהאַלטן ערגעץ אַנדערש, אינדערהיים האָט ער עס מורא געהאַט צו האַלטן. ווען ער האָט עס איינמאָל באַהאַלטן טאַקע אין אַרטעל, האָט עס איינער פֿון די אַרבעטער דערטאַפּט און דאָס געלט איז פֿאַרשווּנדן. דאָס האָט שוין זיין האַרץ ניט אויסגעהאַלטן, ער האָט באַקומען דעם שטאַרק פֿאַרשפּרייטן, אין יענער צייט, אינפֿאַרקט און איז געשטאָרבן. און ביי זיינע איין־און־זעכציק יאָר איז ער שוין געליגן אויפֿן יידישן בית עולם אונטער אַ שיינער פּליטע פֿון שוואַרצן מאַרמאָר, וווּ ס׳איז געווען אויפֿגעשריבן מיט גילדענע אותיות זיין קלינגענדיקער רוסישער נאָמען פּיאָדאָר פּעטראָוויטש סטאַווקאָוו, וואָס האָט געוווּנדערט די יידישע באַזוכער ווען זיי האָבן דאָס געלייענט.

אין דער צייט איז שוין אויסגעוואַקסן זיין שיינער עלעגאַנטער זון דאָקטאָר סטאַקאָוו, וועלכער האָט אַרויסגערופֿן פֿאַרוווּנדערונג און אַביסל דרך־ארץ מיט זיינע שיינע רעדעס וועגן דער פּאַרטיי און וועגן דער סאָוועטן־מאַכט. ווייזט אויס, אַז די איבערגעגעבנקייט צו דער פּאַרטיי האָט ער בירושה איבערגענומען פֿון זיין טאַטן.

מיט זיין פּאַרטייִשקייט און באַריידעוודיקייט אויף די פֿאַרזאַמלונגען האָט ער דערוואָרבן אַלץ מער אָנזען אין דער גיכער הילף און אַפֿילו אַרויסגערופֿן מורא ביי די מיטאַרבעטער. פּאַרטייִשקייט איז אין יענער צייט געווען אַ שטאַרק מיטל אָנצושרעקן בכלל, איבערהויפּט אומפּאַרטייִשע. ווען אין דער גיכער הילף איז געקומען איינער, וואָס האָט אַרויסגעוויזן חוצפּה קעגן אַנדערע מיטאַרבעטער, האָט איינער געפֿרעגט אַן אַנדערן:

— אָט דער־אָ איז אַ פּאַרטיינע? — און ווען יענער האָט געענטפֿערט, אַז ניין, האָט דער ערשטער געזאָגט מיט פֿאַרוווּנדערונג:

— וואָס־זשע הויבט ער אַזוי זיין קול?

און אַן אַנדערער האָט געזאָגט:

— איך וועל אייך ווייזן, איך בין אַ קאָמוניסט.

ווייל נאָר אַ פּאַרטיי־מענטש האָט געהאַט אין זיך שטאַרקייט אַרויסצוווייזן חוצפּה קעגן אַנדערע.

און מיט דעם עלעגאַנטן און שיינעם רעדנער, דאָקטאָר סטאַווקאָוו, איז אינגיכן געשען עפּעס אומפאַרשטענדלעכס. עפּעס איז ער געפאָרן מיט אומבאַקאַנטע מענטשן אין אַ מאַשין און דערמיט אַרויסגערופן אַ חשד ביי די מאַכט־האָבער. ער איז אַרויסגערופן געוואָרן אין די „הויכע" פענצטער, ווו מ'האָט אים לאַנג „באַאַרבעט", פון דאָרט איז ער געקומען אָן אַ סימן פון זיין פריערדיקער זיכערקייט און לעבעדיקייט, ער איז געקומען מיט אַ פאַרפינצטערט פּנים. די זאַך איז געבליבן אומפאַרשטענדלעך, ממש אַ רעטעניש פאַר אַלע אין דער גיכער הילף. נאָר איינעם פון די דאָקטוירים האָט ער נאָך באַוויזן אַ זאָג טון:

— מ'האָט מיר דאָרט געזאָגט: ווי „אַביעוורעיליס".

אינגיכן איז מען געקומען פון זיין היים זאָגן, אַז דאָקטאָר סטאַווקאָוו האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין חלל צווישן די טרעפּ פון דעם פינפשטאָקיקן הויז, ווו ער האָט געוווינט. שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז זיין מוטער איז געשטאַנען איבער אים און זיך געשמירט איר פּנים מיט זיין בלוט.

די לויה פון דאָקטאָר סטאַווקאָוו איז שוין געווען אַ קליינע, אַן איינגעשרומפּענע, ווייל אין יענער צייט איז ניט געווען אָנגענומען זיך שטאַרק באַטייליקן און טרויערן איבער אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אַנטשלאָסן פרייוויליק אַוועקגיין פונעם לאַנד און פון לעבן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין צוזאָגן אַ גליקלעכע צוקונפט.

כאָטש אינעם טויט פון דאָקטאָר גאַדלער און דאָקטאָר סטאַווקאָוו זענען די סיבות געווען שטאַרק ענלעך, דאָך האָט דער לעצטער ניט זוכה געווען צו אַ פּאָמפּעזער לויה ווי גאַדלער. אַזוי איז שוין איינגעפירט געוואָרן, אַז

אַזעלכער, וועלכער האָט אַליין אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן, איז פאַראורטיילט געווען, אַז קיינער זאָל אים ניט באַגלייטן. ווען אַ סטודענטקע פון מעדאינסטיטוט האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דריטן שטאָק, ווייל אַ געליבטער האָט זי אָפּגענאַרט, איז אָנגעזאָגט געוואָרן אירע חברטעס קיינער זאָל ניט גיין צו איר לויה.

כאָטש ס׳איז שוין געווען נאָך דער געשיכטע מיט די דאָקטוירים, וועלכע מ׳האָט שוין פון די טורמעס אַרויסגעלאָזט און מ׳האָט שוין די „פּראַסטאַיאַ זשענשטשינאַ״ טימאַשטשוק געמאַכט פאַר אויס העלדין, האָט זיך ווייטער געצויגן די וואָרגנדיקע קייט פאַר די יידישע דאָקטוירים.

מיט האַרצווייטיק און אויפציטער האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז דאָקטאָר קלימאַן איז אין טורמע, מ׳באַשולדיקט אים אין געלט־נעמען ביי חולים. אַ מענטש מיט לאַנגיאָריקע געוווינהייטן צו לעבנס־באַקוועמלעכקייטן, ווי די מערהייט יידישע אינטעליגענץ, איז ער דערשיטערט געוואָרן פון די לעבנס־באַדינגונגען אין טורמע און אין אַכט טעג איז ער דאָרט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע. באַגלייך מיט דעם איז באַוווּסט געוואָרן, אַז די דאָקטאָרין אַבערמאַן איז אַלע נאַכט טעראָריזירט מיט טעלעפאָןקלינגען, ביי איר איז די סיבה אַן אַנדערע. זי איז אַרויסגערופן געוואָרן צו אַ זון פון אַן עמגעביסט. זי האָט אים באַהאַנדלט און אַוועקגעפאָרן. אויפן אַנדערן טאָג איז זי אַליין קראַנק געוואָרן און צו דעם קראַנקן איז שוין געפאָרן אַן אַנדער דאָקטאָרין, וועלכע האָט אים האָספּיטאַליזירט, דאָרט איז דער קראַנקער געשטאָרבן. דעמלט האָט מען די שולד איבערגעפירט אויף דער אבערמאַן, און אַלע אירע פּרוּוון צו דערווייזן, אַז זי איז קראַנק געוואָרן און האָט אים מער ניט באַהאַנדלט האָבן איר ניט געהאָלפן. דער דאָקומענט, אַז זי איז קראַנק געוואָרן און די טעג ניט געאַרבעט, איז פאַרשווּנדן און די שולד פאַר דעם טויט פון דעם קראַנקן האָט מען אַרויפגעלייגט אויף איר, און

אַלע נאַכט האָט מען איר געקלונגען מיט דראָונגען: „זשי־דאווקא, מי טעביא אוביאם", און פון די נאַכטיקע טעלע־פאָן־קלינגען האָט זי שוין ניט קיין נערוון זיך גרייטן אָפּ־צופאָרן קיין ישראל, ווהין זי קלויבט זיך שוין פון לאַנג.

15

ביי די אייניקלעך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע לערן־יאָר. די יינגלעך זענען אונטערגעוואַקסן, איינער אין זעקסטן, איינער אין זיבעטן קלאַס. נייכין איז געקומען צו זיי, אויסגעפרעגט ווי אַזוי גייט דאָס לערנען, געהאַט נחת פון דעם עלטערן יינגל, אַז ער באַקומט פינפטלעך.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער באַמערקט, ווי דער קלע־נערער איז געקומען פון דער שול אין אַ שלעכטער שטי־מונג מיט אַן אָנגעברוגזט פּנים.

— וואָס איז מיט דיר, וואָס ביסטו אָנגעברוגזט — האָט נייכין געפרעגט.

— גאָרניט — האָט דער קלײנער געענטפערט.

ס'איז קענטיק געווען אַז ער האָט ניט בדעה צו דער־ציילן וועגן די סיבות. נאָר דער מוטער האָט ער שוין דערציילט, אַז זיין שול־חבר גענקא האָט געזאָגט צו אַנ־דערע שילער: „קומט, לאָמיר שטופּן די זשידעס", און זיי האָבן טאַקע געמאַכט פּרוּוון צו שטופּן און אַרויסרופן די יידישע קינדער, נאָר יענע האָבן זיך ניט געלאָזט און ס'איז געקומען צו אַ געשלעג — אַ געשעעניש, וואָס טרעפט אָפט צווישן קינדער. נאָר דאָס מאָל האָט דאָס געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף דעם צוועלפיאָריקן יינגל, וועלכער האָט זיך צום ערשטן מאָל דערוווסט, אַז אַ שול־חבר קען אויף אים אָנפאַלן נאָר דערפאַר וואָס ער איז אַ ייד. דאָס האָט מיט אים געטראָפן צום ערשטן מאָל און ער האָט דאָס ניט גע־קענט פאַרגעסן און זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט. נייכין האָט דאָס געפילט אין גאַנצן אויסזען פונעם יינגל און אויף זיין שטערן, ווו אינדערמיט איבער דער נאָז האָבן זיך באַוויזן צוויי פאַרזאָרגטע קנייטשלעך.

שפּעטער איז פון דער שול געקומען דאָס עלטערע ייִנגל. דער איז געווען גוט און, ווי שטענדיק שטיפעריש געשטימט. ער האָט זיך שמייכלענדיק און פאַמיליאַר, מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, באַגריסט מיטן זיידן. נייכין האָט אים אָנגעקוקט און אַ טראַכט געטון, אַז ער האָט ווייזט אויס, ניט געהאַט די איבערלעבעניש, וואָס האָט געטראָפן דאָס קלענערע ברידערל, און שוין באַדויערט, וואָס אָט די גוטע שטימונג זיינע קען יעדער מינוט צעשטערט ווערן. און ער האָט באַדויערט, וואָס ער קען אים ניט זאָגן, אַז מ׳וועט אים אַמאָל קאַליע מאַכן די גוטע שטימונג, ווייל מיט דעם זאָגן וועט ער זי אים שוין קאַליע מאַכן.

ער האָט זיך דערמאַנט ווי ער איז אַמאָל געקומען אין דער פאָסט און בשעת אָפּגעבן זיין בריוו האָט ער עפּעס געפרעגט ביי דער פרוי, וואָס האָט פאַרקויפט מאַרקן, און איינע אַ געבנוג רויע און פאַרגרעבטע פרוי איז אים אָנגעפאַלן, ווייל, לויט איר מיינונג, האָט ער פאַרהאַלטן די פאָסט־באַאַמטע. ס׳איז פאַרשטענדלעך געווען, אַז זי איז אים אָנגעפאַלן אַלס אַ ייד. ער דערמאָנט זיך: ווען ער איז געקומען אין פאָסט האָט ער דעמלט פילאָסאָפיש אַ טראַכט געטון מיט ביטערקייט: זיי ניט אין אַזאַ גוטער שטימונג, ווייל שטענדיק קען זיך געפונען דער, וועלכער וועט זי דיר קאַליע מאַכן.

און קוקנדיק אויף דעם גוט געשטימטן אייניקל, וועל־כער האָט איבערגעלייגט די שול־ביכער און אין דער צייט זיך נאָך צוגעזונגען, האָט ער באַדויערט וואָס יענער איז אַזוי גוט געשטימט און ער, נייכין, קען אים גאַרניט זאָגן וועגן דעם, וואָס מעגלעך אים, אַלס ייד, דערוואַרט אין לעבן. דאָך האָט ער זיך ניט איינגעהאַלטן און געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר, באַריע, דיר האָט מען שוין אַמאָל געזאָגט זשיד?

— יאָ — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— ווער?

— אָט דער מאַרטין, וואָס וווינט דאָ אין גאַס. זשו־ייד — האָט דאָס ייִנגל נאָכקרומענדיק דעם מאַרטינען אויס־געצויגן מיט אַ זאַרגלאָזסטן איראָנישן שמייכל.

און שפּעטער, ווען אין צימער איז אַריינגעקומען ביי־כינס שנור און באַריע איז שוין אין צימער ניט געווען, האָט זי אים דערציילט נאָך אַ פּאַל פון דער שול, ווען אַ מיט־שילער פון באַריען איז גשלאָגן געוואָרן פון זיינע שול־חברים פאַר אָנפאַלן און באַליידיקן זיינע יידישע חברים. דאָס איז געווען אַ זון פון אַ ריכטער. מעגלעך, אַז פון זיין אייגענער היים האָט ער געבראַכט די איבערצייגונג, אַז יידישע קינדער מעג מען באַליידיקן. ווען ער האָט זיך דאָס דערלויבט אַ צווייט מאָל האָבן די ייִנגלעך אים דער־לאַנגט און ער איז אַהיימגעלאָפן צו זיין מאַמען מיט אַ געוויין. זי איז געקומען מיט אַ טענה צום שול־דירעקטאָר, אַז מ׳שלאָגט איר קינד. ווען מ׳איז אַריין אין קלאַס אויפ־צוקלערן דעם ענין, האָט טאַקע באַריע בייכין זיך אויפ־געשטעלט און געזאָגט:

— זאָל ער ניט אָנרופן.

און וואָס ס׳הייסט „אָנרופן" האָט שוין געוווסט סיי דער דירעקטאָר, סיי די מאַמע פון דעם געשלאָגענעם טכ־שיט. זי האָט אים איבערגעפירט אין אַן אַנדער שול.

בייכין האָט די גאַנצע צייט פיל געטראַכט וועגן דער צוקונפט פון זיינע אייניקלעך. אויך דאָס מאָל האָט ער זיין טראַכטן פאַרענדיקט מיט די צו זיך אַליין אַרויסגעזאָגטע ווערטער:

— דריי דורות האָבן דאָס איבערגעלעבט פאַר מיינע אויגן. די קייט פון ליידן האָט זיך ניט איבערגעריסן. וואָס ס׳דערוואַרט אים ווייס איך ניט... געשיקט זיך, אויך דער דור זאָל נאָך מוזן זיפצן? — און דערביי אַרויסגעהויכט זיין געוויינלעכן זיפץ.

16

בייכין איז שטענדיק געווען באַשעפטיקט מיט זיין אַר־

בעט, און אַפּט פלעגט ער זיך וווּנדערן: דאַכט זיך ערשט נעכטן געענדיקט די אַרבעט און ניט באַוויזן אפילו זיך אָפּרוען, האָט ער שוין ווידער געדאַרפט גיין צו דער אַר־בעט. דאָך איז זיין אויער שטענדיק געווען געווענדט צו דער גאַס, צו דער שטאָט, צום לעבן בכלל און בפרט צום יידישן לעבן. און אָט האָט ער דערזען אַ מעלדונג, געדרוקט מיט גרויסע אותיות, אַז אין דעם זאַל פון דער געלעזשאַפט פאַר פאַרשפרייטן וויסנשאַפט, וועט פאָרקומען אַ לעקציע וועגן דער יידישער רעליגיע. אַזעלכע ערב־יום־טובדיקע לעקציעס זענען געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג. דער אַריינגאַנג איז פריי, נאָר מ׳דאַרף ערגעץ באַקומען אַן אַריינ־גאַנגס־קאַרטע. און ווען ער האָט שוין אַזאַ קאַרטע באַקו־מען איז ערשט געווען ניט קיין לייכטע זאַך זיך אַריינבאַקו־מען אין זאַל, ווייל דאָס געדרענג ביי דער טיר איז געווען גרויס. נאָר ענדלעך איז אים געלונגען אַריין און אַפילו פאַרנעמען אַ פלאַץ אויף דער דריטער ריי בענק. די ערשטע ריי בענק איז געווען אינגאַנצן פריי, קענטיק, רעזערווירט פאַר עמיצן. און דאָ איז אים אויסגעקומען צוצוזען ווי זיין באַקאַנטער בראַזער איז אַריין אין אַביסל אַ קאָמישער לאַגע.

ווען בראַזער איז געקומען זענען שוין אַלע פעדערשטע בענק געווען באַזעצט. דערזעענדיק, אַז די ערשטע ריי איז פריי האָט ער זיך אַ לאָז געטון אַהין, נאָר אַ דינער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג, זאָגנדיק, אַז דאָרט איז פאַר־ווערט זיך צו זעצן. בראַזער האָט נאָך געפּרווט זיך אויס־טענהן מיטן דינער, און דאָ האָט נייכין אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווייל ער האָט באַדויערט דאָס נאַרישקייט, וואָס בראַ־זער האָט דערביי אַרויסגעוויזן. נאָך אַלעמען האָט ער ערשט געמוזט אַוועקגיין זוכן אַ פלאַץ אין די אונטערשטע רייען.

בשעת דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אין גרויסן זאַל איז אויף דער בינע, ביי צוויי צוזאַמענגעשטעלטע לאַנגע טישן, מיט רויטן פאַרשפרייטע, פאַרגעקומען דאָס

אויסזעצן זיך פונעם פרעזידיום. נייכין האָט זיך פאַרנומען מיט שטודירן דעם צוזאַמענשטעל פונעם פרעזידיום. אַלע מאָל האָט זיך אָנגעזעצט דאָרט אַ דאָקטאָר אָדער אַ פּראָפעסאָר פון מעדיצין. באַלד האָט ער דערזען דעם קינ־דער־דאָקטאָר איזאַקסאָן, באַלד דעם פּראָפעסאָר טיידער, דעם פּראָפעסאָר שיינערמאַן, דעם דאָקטאָר בראַכין. און אַזוי ביי דער גאַנצער לענג פון די טישן דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, ענלעכע איינער צום אַנדערן. נאָר אין דער סאַמע מיט פון דעם לאַנגן טיש זענען געזעסן צוויי יונגע־לייט מיט אַלצאיינס פאַרקעמטע אויף אַ זייט גלאַנצנדיקע פריזורן. זיי זענען שוין זיכער ניט געווען קיין מעדיקער — און איינער פון זיי האָט זיך אויפגעשטעלט און געעפנט די פאַרזאַמלונג. דער האָט זי שוין ווייטער געפירט און גע־מאָלדן די רעדנער.

ביים אָנהויב פון דער פאַרזאַמלונג האָט נייכין זיך טיפער אַריינגעזעצט אין בענקל און אַריינגענומען זיין קאָפּ אין ביידע הענט. אין דער צייט האָבן זיך זיינע אויגן באַ־געגנט מיטן פּראָפעסאָר טיידערס אויגן, און נייכינען האָט זיך געדאַכט, אַז דער פּראָפעסאָר איז באַהערשט פון די זעלבע געדאַנקען און געפילן ווי נייכין און זיי ביידע איז ניט צום האַרצן דאָס, וואָס זיי וועלן דאָ דערהערן.

ס׳איז אַרויסגעטראָטן דער דאָקטאָר איזאַקסאָן וועגן דער פראַגע פון מל זיין קינדער. גערעדט, אַז ס׳איז געפער־לעך פאַרן קינד, געבראַכט ביישפּילן ווען קינדער זענען דערפון געשטאָרבן, געלייקנט די באַהויפּטונגען, אַז ברית מילה איז נוצלעך פאַרן געזונט, און ס׳איז אַן איינרעדעניש פון די פינצטערע פאַנאַטיקער, וואָס די רעליגיע האָט זיי פאַרטעמפּט און פאַרפירט, און האַלט זיי אין אירע נעצן.

און טאַקע באַלד איז אַרויסגעטרעטן אַ ייד מיט אַ שפּיצעכיק־שפּאַניאַליש בערדל און זיך געקלאַפּט על חטא און מודה געווען, אַז ער האָט געמלעט זיין קינד און דאָס קינד איז געווען מסוכן, און נאָר דער דאָקטאָר איזאַקסאָן

האָט עס געראַטעוועט. דאָ האָט ער אָנגעוויזן אויפן דאָקטאָר און אים אויסגעדרוקט אַ דאַנק בפני כל עם ועדה. גערעדט האָט מען צווישן עולם, אַז דער ייד איז אַליין אַ שוחט און אַ מוהל.

נייכין, האַלטנדיק דעם קאָפּ איינגעקוועטשט אין ביידע הענט, האָט זיך דערמאָנט אין זיינע קינדער־יאָרן. אַלע קינדער, מיט וועלכע ער האָט אינאיינעם געלערנט אין חדר, זענען געווען געמלט, און זענען געווען אַכטיאָריקע, צעניאָריקע, צוועלפיאָריקע. אין זיין קינדהייט האָט ער געהערט ווי ביילע די באָבע האָט דערציילט, אַז עפּעס ביי אַ גביר שטאַרבן די קינדער נאָכן מלען, נאָר די קינדער אין חדר זענען אַלע געווען געזונטע און לעבנספעיקע און אפשר איז דאָס טאַקע געווען זייער אויספרווונג אויף לעבנספעיקייט, ווען מ׳האָט זיי צו די אַכט טעג געמלעט. ביילע די באָבע האָט אויך דערציילט וועגן אַ ווייבל, וואָס איז געשטאָרבן אין קימפעט.

ס׳האָבן אַרויסגעטרעטן נאָך רעדנער וועגן דעם ענין. און נאָך יעדן רעדנער האָט דער עולם אַפּלאָדירט און די ערשטע האָבן אַפּלאָדירט די צוויי יונגעלייט מיט די גלאַנ־צנדיקע אויף אַ זייט פּאַרקעמטע פריזורן, וואָס זענען גע־זעסן אין סאַמע מיט פון די דאָקטוירים.

נייכין האָט געזען ווי דער פּראָפעסאָר טיידער האָט אויך צוגעקלאַפּט מיט די שפּיץ פינגער עטלעכע מאָל, נאָר ווען ס׳איז אין זאַל שטיל וואָלט זיך פון זיין קלאַפּן קיין שום קלאַנג ניט געהערט. נייכין האָט געקוקט גלייך אין די אר־מעטיקע אויגן פונעם פּראָפעסאָר און זיך צוגעקוקט ווי לייכט ער קלאַפּט מיט די שפּיץ פינגער.

נאָך רעדנער האָבן באַרירט אַנדערע אייגנשאַפטן פון דער יידישער רעליגיע, למשל, אַז מ׳דאַרף אין שול ניט גיין, נאָר די הויפּט־טעמע איז געבליבן די שעדלעכקייט און ניט דערלאָזבאַרקייט פון מל זיין קינדער. און די גאַנ־צע צייט בשעת דער פאַרזאַמלונג האָבן די צוויי יונגעלייט,

וואָס זענען קיין מעדיקער ניט געווען, געקוקט מיט אָנגע־שטרענגטע פּאַרשנדיקע אויגן אויפן עולם, און דער איי־נער, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון אַ פּאַרזיצער, האָט געפרעגט, צי האָט ניט עמעצער צו שטעלן אַ פראַגע:

— ביטע, פרעגט.

נאָר דער גאַנצער עולם האָט געשוויגן. און אויב מ׳־זאָגט אַמאָל, אַז שווייגן איז אַ סימן פון צושטימונג, איז דאָס מאָל קלאָר געווען, אַז דאָס שווייגן איז ניט קיין צו־שטימונג צו דעם, וואָס מ׳האָט דאָ אַרויסגעזאָגט, דאָס איז געווען קלאָר פאַר יעדערן, אויך פאַרן פּרעזידיום.

צום סוף איז אַרויסגעטרעטן איינער פון די דאָקטוירים מיט אַ רעזומע און געגיבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ אין דעם לאַנד איז ברית מילה פאַרבאָטן. דערביי האָט זיך נייכין דערמאָנט, אַז עפּעס אַ סירישער אַנטיאָך עפּיפאַן און אַ רוימישער קייסער האדרינוס, האָבן פאַרבאָטן ברית מילה און עפּעס אַ קייסער אַנטאָניוס האָט דעם פאַרבאָט אָראָפּ־גענומען. אָדער ער האָט געהאַט אַ ווייך האַרץ אָט דער אַנטאָניוס אָדער פונקט פאַרקערט: ס׳האָט אים ניט געאַרט, אַז מ׳וועט יידישע קינדער לאָזן בלוט. אַלנפאַלס — האָט נייכין געטראַכט ווייטער — חזרט זיך איבער די געשיכטע, אַפילו די געשיכטע מיט דער מילה.

זינט ער איז געוואָרן סאַניטאַר האָט אים אָפט געטראָפן אין די הענט אַ מעדיצינישער זשורנאַל, האָט ער ניט לאַנג אויסגעלייענט דאָרט צום ערשטן מאָל וועגן אַ קראַנקהייט פימאָז.

— און ווי באַשטייט די זאַך מיט אָט דעם פימאָז? — האָט ער אַ טראַכט געטון, ווען ביי די ניי־געבוירענע וואָרט געשוואָלן אָט דאָס איבריקע שטיקל... און דאַכט זיך ביי דערוואקסענע טרעפט דאָס אויכעט... אַז מ׳שניידט דאָס אַוועק, איז דאָך נישטאָ וואָס ס׳זאָל געשוואָלן ווערן... קאָן זיין, אַז צוריק מיט טויזנטער יאָרן האָט מען שוין געטראַכט וועגן פּראָפילאַקטיקע. אָט די פראַגע האָט ער טאַקע גע־

קענט שטעלן, ווען דער פאָרזיצער האָט פאָרגעלייגט צו שטעלן פראַגן, נאָר ער האָט דאָס ניט געטון. ס׳איז פאַר־שטענדלעך געווען, אַז קיינער שטעלט דאָ ניט קיין פראַגן.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט און ס׳איז גע־מאָלדן געוואָרן, אַז נאָכדעם וועט פאָרקומען אַ קאָנצערט. ס׳האָט געהערשט אַ שטילשווייגעניש, ס׳איז קלאָר געווען, אַז אַלע רעדעס האָבן דאָ קיינעם אין גאָרניט ניט איבער־צייגט. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן בעסער איינצואָרדנען אויף די בענקלעך.

נייכין האָט זיך איינגעקוקט אין פרעזידיום, ווען איי־נער נאָכן אַנדערן האָבן זיי זיך אויפגעהויבן פון די בענק־לעך און אַראָפגייענדיק פון דער בינע, זיך אויסגעזעצט אויף דער ערשטער ריי ביינקלעך. און דאָ האָט ער געמאַכט אַן אַנטדעקונג: דער גאַנצער פרעזידיום, אַחוץ די צוויי פון דער מיט, וואָס זענען ניט געווען קיין מעדיקער, איז זיכער אַ געמלעטער, אַ געמלעטער פרעזידיום. אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ טרויעריקער שמייכל. איינאיינ־וועגס האָט זיך פאַר אים אויפגעקלערט פאַרוואָס מ׳האָט בראַזערן ניט צוגעלאָזט זיך זעצן אין דער ערשטער ריי בענקלעך. די גאַנצע ריי איז געווען רעזערווירט פאַרן גע־מלעטן פרעזידיום.

דער קאָנצערט איז געווען נאָר אַ ביילאַגע און דער־פאַר טאַקע אַ קורצער.

ווי נאָר ער איז אַרויס פונעם זאַל אויף דער גאַס האָט אים באַגעגנט יאַקע מיט זיין שטענדיקן שמייכל אויפן פּנים. נייכינען האָט טאַקע דערפרייט די באַגעגעניש, ווייל דער יונגערמאַן איז אים געווען זייער צום האַרצן. פון וווייטן האָט ער אויסגעצויגן נייכינען די האַנט:

— פון וואַנען גייט איר דאָס? וואָס איז דאָ פאָרגעקו־מען?

נייכין האָט אים איבערגעגעבן וועגן דער פאַרזאַמלונג און זיך טאַקע געטיילט מיט אים וואָסאַרא געדאַנקען ס׳האָט

בײ אים אַרויסגערופן. יאקע האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ שטעל אָפּ מיט ברייט־צעשטעלטע פיס און געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט:

— שאַט, איך װעל אײך דערצײלן װעגן אַזאַ פאַל מיט אײנעם אַ קריסט איז דאָס געשען, װען איך האָב נאָך גע־װוינט בײ מיר אין שטעטל. בײ אים איז טאַקע געשװאָלן געװאָרן אָט דאָס־אָ שטיקל. דער דאָקטאָר האָט אים געזאגט אַז ער מוז זיך אָפּערירן, אויב ער װיל זײן געזונט. יענער האָט אײנגעשטימט און װען ער איז געװאָרן געזונט האָט מען אים אײנגערעדט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרויסע זינד און שולדיק איז דער דאָקטאָר, װעלכער האָט אים געמאַכט פאַר אַ ײדן. און מ׳האָט אים געראַטן ער זאָל דעם דאָקטאָר קלאָגן אין געריכט. און ער האָט אים אָנגעקלאָגט.

— טאַקע אָנגעקלאָגט? — בײכין האָט זיך האַרציק צעלאַכט — יאָ, אַזעלכעס קאָן אויך געשען.

— און טאַקע נאָך אַ מעשה װעגן ברית מילה קאָן איך אײך דערצײלן. דאָס איז שוין געשען איצטער, טאַקע בײ אונדז אין פאַבריק, אויב איר אײלט זיך ניט?

— ניין, ניין, דערצײלט.

— בײ אונדז אַרבעט אײנער אַ קאגאַן. ער איז בײ אונדז פאַרטאָרג און אַלס אַ פאַרטאָרג מוז ער װײזן, אַז ער איז אַ כשרער קאָמוניסט. ס׳אַרבעט אויך בײ אונדז אײנער מיטלמאַן, בײ װעלכן ס׳איז געבוירן געװאָרן אַ קינד אַ ײנגל. איך װײס ניט װי אַזוי דער קאגאַן האָט זיך דער־װוסט, אַז מיטלמאַן האָט דאָס קינד געמלעט. איז דער קאגאַן אויף אים אָנגעפאַלן:

— קאַק, טי סדעלאל אָברעזאניע סװאָיעמו מאַלטשיקו? (דו האָסט געמאַלעט דײן קינד!) און דאָס פאַר אַלע אַר־בעטער אין די אויגן, מיטלמאַן האָט זיך דערפילט שטאַרק ניט גוט, ס׳אַרבעטן בײ אונדז אַ סך קריסטן. ער האָט זיך דערפילט שולדיק. נאָר ער האָט עס ניט פאַרגעסן. ער האָט געװוסט, אַז דער קאגאַן האָט אַ ײנגעלע פון אַ יאָר פיר.

ווען ער האָט דערהערט, אַז דאָס בחורל איז אַמאָל געקומען צום טאַטן אין פאַבריק, איז ער אַרויסגעגאַנגען אין פּראָ־כאָדנאי (אַריינגאַנג אין פאַבריק), און צעשפּיליעט די הייז־לעך ביי דעם בחורל און דערזען, אַז ער איז געמלעט, דעמלט איז ער אַריין אין צעך און אויך אויף אַ קול, פאַר אַלע אַרבעטער אין די אויגן, געשריגן צו אים אויך אויף רוסיש:

— קאַקזשע טי מניע סדעלאַל סקאַנדאַל, טשטאָ יאַ סדעלאַל אָברעזאַניע, אַ טווי מאַלטשיק טאָזשע אָברעזאַני! (ווי אַזוי האָסטו מיר געמאַכט אַ סקאַנדאַל, אַז איך האָב געמלעט מיין קינד, ווען דיין קינד איז דאָך אויך געמלעט).

— דאָס איז ניט איך, איך האָב אפילו ניט געוווּסט... האָט ער געשטאַמלט, דאָס האָבן געטון די באָבע מיטן זיידן.

— דאָס וועסטו דיין באָבען דערציילן, האָט שוין גע־זאָגט מיטלמאַן.

נאָכדעם וואָס זיי האָבן די זאַך אַביסל אַרומגערעדט האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט.

17

ס׳איז געווען דער יום טוב ראש השנה. נייכין האָט גראָד דעם ערשטן טאָג ניט געאַרבעט און געגאַנגען אין שול. זיין גיין אין שול האָט ביי אים ניט אַרויסגערופן דעם נשמה־פלאַטער, וואָס ער האָט שטענדיק געמערקט ביי זיינע עלטערן אין די ימים נוראים, און אין זיין קינדהייט פלעגט זיך עס איבערגיבן אויף אים. נאָר אין די עלטערע יאָרן האָט ער זיך די אַלע טעג דערמאָנט אין זיינע עלטערן.

צוליב מאַנגל אין שולן איז די שול געווען אָנגעפּראָפּט מיט יומטובדיק געקליידטע יידן. די, וואָס ער פלעגט אָפּט באַגעגענען אפילו אין ברודיקע רעקלעך, האָבן דאָ געטראָגן גאַנץ נייע אָנצוגן. און דאָס האָט אים אויך דערמאָנט ווי זיין טאַטע פלעגט יום טוב אָנטון זיין שוואַרצן ביז די קני לאַנגן סורדוט, און דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ פייערליכן אויסזען, ווען אינדערוואָכן האָט ער געטראָגן אַ קורץ און

ניט איבריק ריין רעקל׳ מ׳קען זאָגן, אַז די גאַנצע צייט האָט ער דאָ געזען דעם טאַטן פאַר די אויגן. און בעת די תפילות האָט ער זיך דערמאנט ווי דער טאַטע האָט אייניקע פון זיי געזאָגט הויך. ווייזט אויס, ער האָט זיי צוגעגיבן אַ באַזונדער באַדייטונג, דערביי האָט זיין קול געקלונגען הויך און שטאַרק. ווען נייכין האָט געזאָגט די תפילות האָט ער זיך צוגעהערט צו זיין שטימע און דערביי געהערט דעם טאַטנס שטימע, נאָר אַ טראַכט געטון, אַז דעם טאַטנס שטימע האָט געקלונגען פיל שטאַרקער׳ ווייזט אויס, דער טאַטע האָט געהאַט דעם גלויבן אין גאָט, ווען נייכין איז שוין געווען באַהערשט פון ספקות, כאָטש ער איז געגאַנגען אין שול און געדאַוונט גלייך מיט אַלע יידן.

בעתן לייענען די תורה׳ בעתן איבערייס פון דאַווענען, האָט ער זיך צערעדט מיט אַ יונגנמאַן און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג:

— אָט זאָג איך מחיה המתים׳ אָבער גלויבן אין דעם קען איך שוין ניט, ווייל אַ הייגטצייטיקער מענטש קען שוין נישט גלויבן, אַז מתים, פון וועלכע ס׳בלייבט אין דער ערד אַפילו קיין שפור ניט, זאָלן לעבעדיק ווערן.

יענער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן און האָט העכער אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם טלית׳ נייכין האָט ווייטער גערעדט צו אים:

— אויך קאָן איך ניט גלויבן אין דעם בראש השנה יכתבון... וסופר ומונה, אַז ס׳ווערט פאַרשריבן און פאַר־רעכנט מי ברעב, מי בצמא, ווער פון הונגער, ווער פון דאָרשט זאָל שטאַרבן, ווער ס׳זאָל געבוירן ווערן. הייגטיקע צייטן קענען מיר ניט גלויבן, אַז ערגעץ ווו אפילו אויפן הימל׳ זאָל געפירט ווערן אַזאַ אוממעגלעכע בוכהאַלטעריע. נעמט הייגטיקן טאָג און פאַרט צונויף אַ מיליאָן יינגלעך מיט מיידלעך, וועט אין אַ יאָר אַרום זיין אַ מיליאָן קינדער, ווייל מעגלעכקייטן פון פאַרמערן זיך זענען אומבאַגרענעצט סיי ביי מענטשן׳ סיי ביי חיות. אַפילו אַז מיר נעמען אָן, אַז

ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, אינטערעסירט ער זיך ניט מיט קיין ווערעם און ניט מיט מענטשן. כ׳האָב אַמאָל איבערגעלייענט אין אַ בוך ביי אַ באַדייטנדיקן שרייבער, וווּ ער שרייבט: קיין האָר וועט ניט אַראָפּפאַלן פון אייער קאָפּ ביז ס׳וועט ניט אָנגעוויזן ווערן פון אויבן. נו, ווער קען גלויבן אין אַזעלכעס?

— הייסט עס, גלויבט איר ניט אין גאָרניט — האָט געזאָגט דער יונגערמאַן — צו וואָס־זשע גייט איר אין שול אַריין?

— אָ־אָ, דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער פראַגע — האָט נייכין אַ זאָג געטון מיט אַ לייכטן שמייכל.

דערווייל האָט מען געענדיקט דאָס לייענען און ווען זיי האָבן זיך אומגעקוקט אין שול איז שוין דער חזן געגאַנגען מיט דער ספר תורה אויף די הענט און אויסגעזונגען:

— יהללו...

סיי נייכין, סיי זיין שכן האָבן זיך גענומען בלעטערן אין די מחזורים.

דעם צווייטן טאָג ראש השנה האָט נייכין, גייענדיק אין גאַס צופעליק באַגעגנט בראַזערן.

— אַ גוט יאָר — האָט בראַזער אים געדרוקט די האַנט.

— אַ גוט יאָר אייך אויך, כאָטש אין שול האָב איך אייך ניט געזען.

— וואָס־זשע, איר זענט געווען אין שול? — האָט שוין בראַזער אָנגעשפּיצט מיט איראָניע זיינע ליפּן — מיך אין שול קענט איר קיינמאָל ניט זען. נאָר זאָגט מיר טאַקע, פאַרוואָס גייט איר אין שול? איר גלויבט אין גאָט?

— אין שול גיי איך גאָר צוליב אַנדערע מאָטיוון — האָט נייכין געזאָגט — אין שול אַריין גיי איך זען, הערן, זיין נענטער צום יידישן פאָלק... דערמאָנען זיך די געשיכטע פון יידן...

— אָ, צום יידישן פאָלק — בראַזוערס ליפּן האָבן נאָכמער אויסגעדרוקט איראָניע.

— אַ גרויסער טייל פונעם פאָלק גייט נאָך אין שול אַריין. — נייכין האָט זיך באַוואָפנט מיט גלייכגילט צו בראַזוערס איראָניע — דערלאָזן מיר, אַז איך בין אַוועקגעגאַנגען אַביסל פאָרויס. אין פיל זאַכן גלויב איך שוין ניט, נאָר איך פיל ווי איך גיי אויף אַ לאַנגן וועג מיט אַ מחנה פון מיין פאָלק, איך טו מיך אַ קוק אום, זע איך — אַז אַ סך זענען אָפּגעשטאַנען, קער איך מיך אום, אפשר וועל איך דאַרפן עמיצן העלפן. איך אַנטלויף ניט פונעם פאָלק און.. אל תפרוש מין הציבור, געדענקט איר דאָך, וואָס איר האָט אַמאָל געלערנט? דער זאָג גילט פאַר היינט, פונקט ווי אַמאָל. בכלל קען איך זאָגן, אַז כ׳האָב ליב דאָס פאָלק, כ׳האָב ליב די שול, כ׳האָב ליב די תורה.

— ווייסיך וואָס, איך בין ווייט פון דעם אַלעמען. פאַר מיר האָט עס אינגאַנצן פאַרלוירן דעם זין — האָט בראַזוער געזאָגט מיט זיכערקייט.

— איר זענט ווייט און איך בין נאָך גאַנץ נאָענט, איך מיין ניט, אַז אַזעלכע פריידענקער ווי מיר דאַרפן זיך דערווייטערן פונעם פאָלק.

— איר גייט אַהין, אַהער? — האָט בראַזוער געפרעגט ביים עק גאַס, אָפּן אַרויסווייזנדיק אומגעדולד און ווידערווילן צו דעם געשפּרעך.

און זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט.

אין דער צייט האָט זיך נייכין געפילט גליקלעך פון אַ באַזונדער געשעעניש: זיין אייניקל, וועלכע האָט שוין אַ פּאָר מאָל געהאַלטן עקזאַמען אין איין אינסטיטוט, אין אַ צווייטן און ניט אַריינגענומען געוואָרן, און דערווייל האָט זי געאַרבעט אין אַ פאַבריק און געוואָרן אַ גוטע וועבערין, האָט אין דעם יאָר נאָכאַמאָל געהאַלטן עקזאַמען און ענד־

לעך אַרײַנגענומען געוואָרן אין אינסטיטוט. דער דירעק־טאָר פון דער פֿאַבריק האָט זי ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון דער אַרבעט מיטן מאָטיוו, אַז זי איז אַ גוטע אַרבעטערין. דער קאָמסאָרגטשיק איז געקומען צום זיידן און אים גערופן גיין צום דירעקטאָר און איר העלפן. ווען דער דירעקטאָר האָט אים דערזען, האָט ער געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף נייכינען:

— און דער איז געקומען זיך קריגן?

— מיר זענען פון איין פֿאַמיליע — האָט נייכין גע־ענטפערט אַנטשלאָסן.

— מיר ווען זי אָפּלאָזן, מיר וועלן זי אָפּלאָזן — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט נאָכגיביק.

איר אַרײַנטרעטן אין אינסטיטוט האָט נייכינען גע־שאַפן אַ דויערנדיקע פרייד און ער האָט קיינעם וועגן דעם ניט דערציילט. דערפֿאַר האָט אים איבעראַשט, ווען באַ־קאַנטע האָבן אים באַגריסט:

— אָ, מיר באַגריסן אייך, אייער אייניקל איז אַרײַן אין מעדאינסטיטוט!

— יאָ, אָבער פון וואַנען ווייסט איר דאָס? האָט ער זיך געוווּנדערט אַ גליקלעכער.

— וואָס הייסט, אַ וועלט שלאָפט ניט.

און נאָכמער האָט אים איבעראַשט, וואָס די ידיעה איז אָנגעקומען אין דער גיכער הילף, און געזאָגט האָט אים אַ צופרידענע די דאָקטאָרין הורוויץ:

— אייער אייניקל איז אַרײַן אין מעדאינסטיטוט? אַ יידיש מיידעלע?

— יאָ, יאָ, אַ יידיש מיידעלע — האָט נייכין געשמייכלט.

— זייער גוט, ס'איז טאַקע אַ געשעעניש. איר ווייסט, איצט איז זייער שווער אַרײַנצוקומען אין אינסטיטוט.

און נאָך האָבן אים מענטשן געפרעגט וויפל דאָס האָט געקאָסט און געבעטן מ'זאָל זיי אויך גיבן „דעם שליסל". נאָר זיין אייניקל איז אַרײַן אָן „שליסלען".

נייכין האָט די גאַנצע צייט געהאַט זאָרג פאַר די אייניק־לעך און מיט די יאָרן האָט זיך די זאָרג פאַרגרעסערט. זיי האָבן אַלץ מער אָרט פאַרנומען אין זיינע געדאַנקען און אין זיין לעבן בכלל. און דאָס גרעסטע פאַרגעניגן איז גע־ווען פאַר אים זייער פיזישער און גייסטיקער וווקס. אָט דאַכט זיך ערשט נעכטן האָט ער זיי געהאַלטן אויף די הענט און אָט זענען זיי שוין, אָן עין הרע, מענטשן און זאָגן שוין אַרויס אַ מיינונג. דער אַנדערער זאָגט אַ חכמה און מאַכט שוין אַמאָל שאַרפזיניק חוזק פונעם זיידן, אַ חוזק, וואָס באַליידיקט ניט, פאַרקערט, דער זיידע שעפּט נחת פונעם שאַרפזין. נאָר איין זאַך ערגערט שטאַרק נייכינען — זיי רעדן אויף פאַרשידענע שפּראַכן. ער און די אייניקלעך, כאָטש פון קליינערהייט האָט ער געפּרוווט זיי אָנהענגען די יידישע שפּראַך. ווען זיי האָבן גערעדט רוסיש האָט ער גע־רעדט צו זיי יידיש און וואָס זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען האָט ער זיי איבערגעזעצט, דערגרייכט האָט ער אָבער נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און אַמאָל שוין אפילו איראָניזירן איבערן זיידן אין אַ צעבראָכענעם יידיש, נאָר דאָס האָט ער שוין פאַרעכנט פאַר אַ דערפאָלג. שפּעטער האָט ער געפּרוווט זיי לערנען יידיש, נאָר באַגעגנט גרויסע שוועריקייטן. יעדער מאָל פלעגט מען געפונען אַן אַנדער תירוץ, כדי אויסמיידן דאָס לערנען.

— איך קען ניט, איך דאַרף מאַכן די לעקציעס.

— זעץ זיך אַוועק, לייען כאָטש עטלעכע שורות — האָט ער געבעטן.

— נו, פיר שורות, מער וועל איך ניט לייענען.

און דאָס איז שוין געווען אַ דערגרייכונג. ווען דאָס בחור׳ל האָט מיט שוועריקייטן געענדיקט לייענען די פיר שורות איז ער שוין אַוועק פונעם טיש און ניט געוואָלט הערן דאָס איינרעדעניש פונעם זיידן ער זאָל לייענען נאָך אַ פּאָר שורות.

נייכין פלעגט ברענגען מיט זיך אַ יידיש ביכל אָדער אַ זשורנאַל, נאָר מער מאָל האָבן זיי אפילו ניט געוואָלט אָנ־קוקן דאָס ביכל. און דאָס האָט אים שטאַרק געערגערט: ער האָט שוין געזען ווי די אייניקלעך דערווייטערן זיך פון אים און איניינעוועגס פונעם פאָלק. דערויף האָט ער שוין געקוקט ערנסט, ממש געזען אין דעם אַ געפאַר פאַר זיי אַליין. ער איז געווען איבערצייגט, אַז זיי דאַרפן שוין וויסן, אַז זיי זענען יידן, ווייל אויב זיי וועלן דאָס פאַרגעסן וועט זיי דאָס לעבן שפּעטער דערמאָנען אין זייער יידישקייט, און ווער ווייסט ביי וואָסערע אומשטענדן...

ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ ביכל און ביים טיש זיצנדיק האָט ער אַ שלעפּ געטון צו זיך דאָס דורכגייענדיקע קלענערע יינגל:

— קום אַהער, יאָסקע, לייען מיט מיר אַביסל.

— איך האָב קיין צייט ניט, איך דאַרף גיין אין מיין קרייזל.

נאָר ווייל נייכין האָט אים שוין געהאַלטן פעסט, האָט זיך דער קליינער ניט אויסגעדרייט פון זיינע הענט. דאָס ביכל איז געווען וועגן יידן אין געטאָ. דער קליינער האָט איבערגעלייענט דעם נאָמען פונעם ביכל און געפרעגט:

— וואָס הייסט געטאָ?

— דאָס איז אַזאַ אָרט, וווהין מ'האָט פאַרטריבן יידן.

— פאַרוואָס האָט מען זיי אַהין פאַרטריבן? — האָט דער קליינער ווייטער געפרעגט.

— נו, דאָס איז אַ לאַנגע מעשה צו דערציילן. פאַר גאָרניט האָט מען זיי אַהין געטריבן. וועסט אויסוואַקסן וועסטו זיך דערוויסן... דערווייל לייען אַביסל.

און ער האָט געעפנט דאָס ביכל אינדערמיט און אָנ־געוויזן יאָסקען דאָרט וווּ ער האָט צופעליק געטראָפן מיטן פינגער.

דער קליינער האָט גענומען לייענען מיט שווערקייט, זילבנווייז.

„איך זע אַ גרויסע פֿאַרבלוטיקטע באָרד. איך דערקען דעם מענטשן. ער איז געווען מיינער אַ שכן אין געטאָ. און אַט גייען יונגע מענער מיט געבונדענע הענט. אויטאָס שטעלן זיך אָפּ, זיי ווערן אָנגעפּילט מיט די איינוווינער פֿון געטאָ. דאָס פֿירט מען צום טויט״...

דאָס פּנים פֿונעם ייִנגל ווערט ערנסט. עס פֿאַרשווינדט פֿון זײַן פּנים זײַן קעגנערשאַפֿט צום לייענען, נאָר נײַכין באַפֿרײַט אים, ער וויל מער ניט באַלעסטיקן דאָס ייִנגל. ער פֿילט, אַז ער לייגט אַרויף אויף די פּלייצעס פֿון דעם צוועלף־יעריקן די דורותדיקע שווערע ייִדישע משא, נאָר וואָס קען ער טון? — טראַכט נײַכין בײַ זיך — איך קען דאָך ניט אַנדערש... ער מוז וויסן וואָס אַרום אים האָט זיך געטון און ס׳טוט זיך נאָך הײַנט...

ער איז אַהיימגעגאַנגען. די גאַס איז געווען באַלעבט, פֿול מיט דורכגייער. שוין נאָענט פֿון זײַן הויז האָט נײַכין דערזען צונויפֿגעקומען אַ הייפֿל מענטשן. ער איז צוגעגאַנגען און דערזען די, אַרום וועלכע ס׳האָבן זיך צונויפֿגעקליבן דורכגייער. אינדערמיט איז געשטאַנען אַ הויכער ייִדישער בחור פֿון א יאָר אַכצן, קעגן אים איז געשטאַנען איינער פֿון דעם זעלבן וווקס און עלטער און חוצפּהדיק געשמייכלט, ווען יענער האָט אים נאָכאַמאָל געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס האָסטו מיר געגעבן אַ פּאַטש?

יענער האָט געשוויגן און נאָר חוצפּהדיק געשמייכלט. זײַן פּנים איז געווען אומזיניק־נאַריש, נאָר זיכערקייט פֿון אַ כוליגאַן האָט פֿון אים געשפּאַרט און די זיכערקייט איז געווען באַגרינדעט אויף דעם, וואָס אונטער אים זענען גע־שטאַנען נאָך עטלעכע אַזעלכע ווי ער. ס׳איז נאָר געווען צו באַוווּנדערן זײַן טעמפּע חוצפּהדיקע צורה מיטן צעפּלאָסע־נעם שמייכל, ווען דער בחור האָט אים נאָכאַמאָל געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס האָסטו מיר געגעבן אַ פּאַטש?

נײַכין האָט זיך אויף קיין ענטפֿער ניט דערוואַרט. ער איז אַוועקגעגאַנגען און מיט ווייטיק געטראַכט:

— די זעלבע פראַגע: פאַרוואָס האָט מען די יידן גע־טריבן אין געטאָ? פאַרוואָס האָט מען די יידן... פאַרוואָס האָט ער אים געגעבן אַ פּאַטש? די פראַגע וועט קיינמאָל ניט פאַרענטפערט ווערן, ווייל אַזאַ ענטפער איז נישטאָ...

19

ס'איז געווען ערב יום כפור צו כל נדרי. נייכין האָט אָפּגעגעסן און, ווי שטענדיק, אביסל פאַרשפּעטיקט אין שול אַריין. אויפן וועג גייענדיק האָט אים אַרומגענומען די אור־אַלטע ערנסטקייט פון כל נדרי־אָוונט. ווען ער איז צוגעקו־מען צום טויער, פאַרשטעלטן מיט מענטשן אַזוי, אַז מ'האָט קיין טויער ניט אָנגעזען, האָט ער זיך דורכגעשטופּט און איז אַריין אין הויף, וווּ ס'זענען שוין געווען אַ מענגע יידן וואָס האָבן אין שול ניט געקענט אַריין. דאָך האָט יעדער געהאַלטן אַ מחזור און זיך באַמיט עפּעס צו דערהערן פונעם חזן, וועלכנס קול ס'האָט זיך געהערט דורכן פענצטער און דורך דער אָפענער טיר. נייכין האָט אַרויסגענומען זיין מחזורל און אין דער צייט האָט ער שוין דערהערט פונעם חזן:

— ...כי לכל העם בשגגה. — זיי מוחל דעם דאָזיקן פאָלק, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזינדיקט אומגערן?

— טראַכט נייכין: טאַקע אַלע האָבן געזינדיקט ניט ווילנ־דיק? דאָס איז אויך אַ זאַך, וואָס איז שווער צו גלויבן. נאָר אַזוי גייט עס שוין הונדערטער יאָרן און אַזוי גיך זאָגט מען זיך ניט אָפּ פון דעם כל נדרי.

און ווייטער הערט זיך שוין: ויאמר השם סלחתי כדברך.

ער האָט זיך צוגעשטופּט צו עטלעכע יידן, וואָס זענען געשטאַנען ביים פענצטער. האַלטנדיק די מחזורים אין די הענט, האָבן זיי שוין געפירט גאָר אַ זייטיקן געשפּרעך:

— דער יאַנקל בונאק, וואָס האָט ער נעבעך איבערגע־לעבט... באַגראָבן דאָס ווייב מיט די קינדער, דערנאָך האָט ער געוואָלט אַריבער און פונקט אין דער צייט האָט זיך אַ קינד צעוויינט, ער איז געגאַנגען מיט נאָך מענטשן... הינט האָבן פון אים געריסן שטיקער...

— און דאָס האָט שוין געטראָפן דאָ אין שטאָט: אַ ייד מיט אַ ווייב מיט אַ טאָכטער...

דאָ האָט אַ ייד אַ געשריי געטון, אַז מ׳זאָל אויפהערן רעדן, ווייל מ׳הערט ניט דעם חזן, און נייכין האָט ניט דערהערט, וואָס ס׳איז געשען מיט דעם יידן. ער האָט נאָר דערהערט זיך, דאָס ווייב און די טאָכטער...

ווייטער האָט שוין אַ דריטער שטילער גערעדט:

— דאָ דאַרף מען שוין האָבן מזל. אָט־אָט דער בערגמאַן, ער איז שוין אפשר פופצין יאָר פאָרזיצער פון אַ קאָלכאָז. הכלל מ׳האָט אים אַראָפגענומען. באַלד האָט מען אויפגעהערט אַרבעטן, ס׳זענען געפאַלן עטלעכע בהמות. איז געוואָרן אַ ויצעקו, מ׳וויל צוריק בערגמאַנען. ער האָט שוין ניט געוואָלט צוריקגיין, ער האָט געהאַט אַ פאַרדראָס. הכלל מ׳האָט אים קאָם איינגעבעטן...

נייכין האָט שוין ניט געדאַוונט, כלומרשט געקוקט אין מחזור, נאָר זיין אויער איז געווען אָנגעשטעלט צו די רעדנדיקע יידן, ווייל זייער געשפּרעך האָט באַקומען ביי אים מער באַדייטונג ווי דאָס דאַוונען.

איינער אַ ווייטער שטייענדיקער ייד האָט געגיבן אַ געשריי: — וואָס איז עס, מ׳איז געקומען אַהער רעדן צי דאַוונען!

דער געשפּרעך איז שטילער געוואָרן.

אין דער צייט האָט זיך צווישן עולם דורכן טויער דורכגעשטופּט אַ געגנוג אַלטער דיקער הויכוויקסיקער מענטש, מיט אַ פול פליישיק פנים, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט.

— פּראָפּוסטיטע — האָט ער געזאָגט אויף רוסיש.

מ׳האָט אים דורכגעלאָזט ניט קוקנדיק אויף דער ענגשאַפט. ביים אַריינגאַנג אין שול האָט מען נאָכאַמאָל געהערט זיין פּרעטענציעזע שטימע:

— פּראָפּוסטיטע.

פון די לעבן נייכינען שטייענדיקע האָט איינער געזאָגט:

— אָט דער איז אַ ייד? קיינמאָל וואָלט איך ניט גע־זאָגט...

— איך קאָן אים, ער איז אַ דאָקטאָר. אַ ייד, אַ ייד.

— ער האָט זיך אויף דער עלטער דערמאַנט, אַז ער איז אַ ייד, אַזעלכע יידן האָב איך דווקא ליב פון דערווייטנס. געקומען אין שול אַריין... געקומען אַ טובה טון דעם יידישן פאָלק — האָט ער פאַרענדיקט מיט איראָניע.

כאָטש נייכין איז מיט די רעדנדיקע ניט געווען באַקאַנט, האָט ער דאָך זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך, ווייל גראַדע אין שול רעדט מען אָפט מיט אומבאַקאַנטע:

— ס׳זענען דאָ יידן, וואָס דערמאָנען זיך אויף דער על־טער, אַז זיי זענען יידן און זוכן זיך דערנענטערן צום פאָלק. און אַזויוי דאָס געדויערט שוין אַ שיינע פּאָר טויזנט יאָר, איז עס טאַקע נאָך אַ באַווייז, אַז יידן ווילן בלייבן יידן.

— אָ, איר זעט, איך האָב ניט געקענט אַריינגיין אין שול און אים האָט מען געמאַכט אַ וועג און ער איז אַריין אין שול.

דער געשפּרעך האָט אָנגעהאַלטן ווייטער און שטילער געוואָרן, ווען עמיצער האָט פּראָטעסטירט קעגן רעדן.

דאָס דאַוונען איז געווען צו ענדע. מ׳האָט שוין אָנגע־הויבן אַרויסגיין און מ׳האָט שוין געקענט זיך אַריינשטופּן אין שול. נייכין איז אַריין, כאָטש ס׳איז נאָך געווען גענוג ענג. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די מתפּללים, מער עלטערע יידן, נאָר ס׳האָבן ניט געפעלט אויך קיין יונגע, אייניקע אין גאַנץ נייע אָנצוגן און שמאָלע ניימאָדנע טליתימלעך. פאַרשפּע־טיקטע זענען ערשט אָנגעקומען אין שול און זיך געשטופּט העכער צו די בענק, פּרעטענדירט אויף זייערע ערטער, וועל־כע זענען געווען אַלע פאַרנומען. ווען איינער אַזעלכער, אַ פּולער יונגערמאַן, אין אַ נייעם שוואַרצן אָנצוג, האָט זיך געשטופּט צו זיין אָרט, האָט ער ניט ווילנדיק צוגעדרוקט אַ מיטליאָריקן יידן, אָנגעטון אין אַן אַלט אָפּגענוצט רעקל, וואָס זיין גאַנצער אויסזען האָט באַוויזן, אַז ער איז אַן אָרע־

מאַן פון פאַך. ווען דער אויסגעפּוצטער האָט אים צוגעדרוקט, האָט ער זיך צעשריגן אויף אַ קול:

— קוק אָן, מ׳שטופּט זיך, אָנגעפּרעסן, אָנגעטון זיך און געקומען אין שול אַריין — האָט ער געשריגן מיט אַ קאָנוולסיוו צעקנייטשטן און פאַראומערט פּנים.

— שאַ, איר זענט דאָך אין שול — האָט אים אַן אַנדערער געפּרוווט איינשטילן.

— אָבער קוקט ווי ער שטופּט זיך, אַ באַלעבאָס, ער האָט אַ שטאָט! — האָט זיך יענער ניט איינגעשטילט.

נייכין האָט זיך צוגעקוקט צום אָרום. דאָס וואָס דער זאַטער און אויסגעפּוצטער שטופּט זיך מיט אַלע עלנבויגנס צו זיין פּלאַץ און אפילו צו דער מזרח־וואַנט, ווען אָרום שטייען צענדליקער מענטשן אויף די פיס — דאָס איז שוין פאַר אים ניט געווען קיין נייעס.

נאָר דאָס דאַווענען איז געווען צו ענדע. באַלד האָט מען פון דעם חזן דערהערט: לדוד מזמור לשם הארץ ומלואה תבל ויושבי בה...

די פּסוקים פון דעם קאַפּיטל תהלים פלעגט דער טאַטע שטאַרק הויך זאָגן. דאָס קאַפּיטל האָט נייכין אויך שטאַרק ליב געהאַט. ליבע צו אַ קאַפּיטל תהילים איז אויך בירושה? דערביי האָט ער אַ שמייכל געטון, ווייל ער איז דאָך פאַרט געווען אָנגעשטעקט מיט דעם געגנוג באַגרינדעטן היינטצייטיקן סקעפּטיציזם.

20

יום כפּור גאַנץ פרי, נייכין איז נאָר אויפגעשטאַנען, אָנגעטון, זיך געוואַשן, עסן האָט ער ניט געדאַרפט, איז ער באַלד אַוועק אין שול. נאָענט ביי דער שול האָט ער באַגעגנט יידן גייען מיט טליתים איינגעוויקלט אין צייטונגען. טלית־זעקלעך האָט מען אויסגעמיטן צו באַווייזן, האָט מען זיי קאַמופלירט מיט צייטונגען.

באַגעגנט אַ באַקאַנטן גיין פון דער שול האָט נייכין געזאָגט:

— אַ גוט יאָר, שוין, איר זענט שוין פּאַרטיק, איר אַנטלויפט שוין?

— ניין אַזייגער דאַרף איך זיין ביי דער אַרבעט. איך האָב געדאַוונט מיטן ערשטן מנין. האַלב פינף פאַרטאָג.

און איז אַוועק איילנדיק.

כאָטש אַ סך האָבן געהאַלטן ביים אַוועקגיין, איז דאָך אין שול געווען געבנוג ענג און נייכין האָט זיך קאָם אַריינגעשטופּט, זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון דער טיר אין פעדער־שטיבל, אַלע בענק זענען געווען פאַרנומען און די מערהייט איז געשטאַנען אויף די פיס. נייכין האָט זיך אַרומגעקוקט אויפן עולם, אַרויסגענומען פון דער קעשענע דאָס קליינע מחזורל, קיין טלית האָט ער ניט געהאַט פון דער מלחמה אָן, זיך באַמיט צו דערהערן ווו דער חזן האַלט, באַלד האָט זיין אויפמערקזאַמקייט געצויגן אויף זיך אַ פיגור אין ווינקל, מיטן פנים צו דער וואַנט, איינגאַנצן איינגעהילט אין אַ גרויסן אַלטן, ערטערווייז צעריסענעם טלית. די פיגור האָט זיך געשאָקלט און כאָטש קיין מענטשן האָט מען פונעם טלית ניט אַרויסגעזען, איז די איינגעהילטע פיגור געווען פול מיט טראַגיזם. קוקנדיק אין מחזור האָט נייכין אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף דער אין טלית איינגעהילטער פיגור. ענדלעך האָט זיך די פיגור אויסגעדרייט, אָפּגעדעקט דעם קאָפּ און אַראָפּגעלאָזט דעם טלית אויף די פלייצעס. נייכין האָט דערזען: אַ ברייט פנים, אַ גרויסע באָרד מיט געדיכטע פאַרויס סטאַרטשענדיקע ברעמען. וועגן אַזעלכן וועט קיינער ניט צווייפלען צי ער איז אַ ייד... די נאָז, די אויגן זענען געווען רויט, קענטיק געוויינט. אויפן גאַנצן פנים אַן אויסדרוק גלייך עמיצער האָט אים שטאַרק באַליידיקט, מביש געשטעלט. תפילה געטון, געוויינט, ווייזט אויס ניט פאַר זיך אַליין. דאָס אַלטע פאַרוויינטע פנים האָט נייכינען שטאַרק באַרירט און ער האָט נאָך אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף דעם יידן.

נאָך אַ שעה־אַנדערטהאַלבן דאַוונען האָט דער עולם אָנ־

געהויבן צו ביסלעך רעדן צווישן זיך, און פאַרשידענע זאַכן ציען אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון די דאַוונערס. נאָר איינציקע יידן זענען פאַרטון און איניקע שאָקלען זיך מיט גרויס כוונה איבער די מחזורים, און פון צייט צו צייט גיט איינער אַזעלכער אַ געשריי צו די רעדנדיקע:

— כ׳בעט אייך, מ׳איז געקומען אַהער רעדן צי דאַוונען?

די געשפּרעכן ווערן אַביסל שטילער, נאָר דאָך פאַרגעזעצט.

נייכין איז אויך גערן זיך איבערוואַרפן מיט אַ פּאָר ווערטער מיט אַ נאָענטסטן שכן, נאָר מער טראַכט ער זיך אַריין אין אינהאַלט פונעם מחזור. וואָס האָט געבראַכט די שרייבער פון צוריק מיט הונדערטער יאָרן אָנצושרייבן ויענו את נפשותיכם — איר זאָלט פייניקן אייערע לייבער... ווייזט אויס, צוליב דעם זיי זאָלן תמיד זיין גרייט געפייניקט צו ווערן, און דאָס פאָלק זאָל דאָס קענען איבערטראָגן? און דאָס אַליין, וואָס אַזאַ שול מיט יידן וועלכע די גרעסטע טייל וועט זיכער אַ גאַנצן טאָג ניט עסן, וועלן דאָ אויסשטיין אַ גאַנצן טאָג, דאָס איז ניט קיין זעלבסט־אויספּרווונג פונעם פאָלק — שטענדיק זיין גרייט צו אַלעמען — און ביישטיין, ניט פאַרלוירן גיין?

און ער דערמאַנט זיך: אין דער יוגנט, נאָך זייענדיק אין רעוואָלוציאָנערן קרייזל, האָט ער אויפגעהערט צו טרונקען טיי אינדערהיים, ווייל ער האָט פאַרגעזען די מעגלעכקייט אַריינצופאַלן אין טיורמע, ער זאָל זיין גרייט צו אומבאַקוועמלעכקייטן. די באָבע און די מאַמע האָבן אים אָנגעקוקט, די באָבע האָט אויסגעדרוקט איר פאַרוווּנדערונג:

— אַ משוגענער, גאַנץ פרי טרינקט ער קאַלטע וואַסער!

און ער האָט מיט אַ שמייכל אַוועקגעשטעלט די קורט. ער האָט דאָך זיי ניט געקענט דערציילן צו וואָס ער גרייט זיך.

אין דער צייט זענען נייכינס געדאַנקען אָפּגעווענדט געוואָרן צום אַריינגאַנג פון דער שול, און אַלע מתפּללים האָבן זייערע קעפּ געווענדעט צו דער טיר, וווּ ס׳האָט זיך

באַוויזן אַ הויכער שיינער יונגערמאַן. אַריינגייענדיק האָט ער אָנגעטאָן אַ סאַמעטענעם קאַפּעליוש. אין זיין סאַמעטענעם הוט האָט ער אויסגעזען ווי אַ מאַלער אָדער אַ מוזיקער און אפשר טאַקע אַ דיכטער, נאָר קיין ייד האָט ער ניט אויסגעזען צו זיין. וואָס־זשע דאַרף ער דאָ? און באַלד גיט מען איבער פון מויל צו מויל: געקומען אַ נאָמען געבן אין שול זיין נײַ־געבוירן קינד. ערגעץ האָט דער גורל געבראַכט אַ יידיש מיידל צו דעם קריסטלעכן מאַן און זי האָט אים געשיקט אין שול אַריין אַ נאָמען גיבן דעם קינד און דורכדעם האָט זי אינאייינוועגס איבערגעגיבן אַן אָנווערטערדיקן גרוס די יידן אין שול, אַן אָנדייטונג, אַז זי איז מיט זיי. ווייזט אויס, זיין יידיש ווייבל האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אין שול טאָר מען ניט אַריינגיין מיט אַ הוילן קאָפּ.

באַלד האָט מען אים שוין געזען אַרויסגיין פון דער שול מיט אַן ערנסט פנים: ער האָט אויסגעפּולט אַן ערנסטע שליחות פון זיין ווייבל, און באַלד איז איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל:

— חיקע. — אַזוי איז געבוירן געוואָרן ביי אַ קריסטלעכן טאַטן אַ יידישע חיקע.

ביי נייכינען איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: אוי, דער יידישער פלאָנטער, וואָלט געזאָגט דאָקטאָר גאָדלער. די צייט האָט זיך גערוקט צום האַלבן טאָג. דער ערשטער האַלבער טאָג פון יום כפור גייט ביי די פאַסטנדיקע מתפללים דורך גיכער ווי דער צווייטער. באַלד הויבן אָן אַריינקומען יונגעלייט, וואָס זענען ביז איצט אין שול ניט געווען, און פרעגן צי האָט מען שוין געזאָגט יזכור. ניין, מ׳האָט נאָך ניט געזאָגט, נאָר באַלד וועט מען זאָגן. זיי וואַרטן. און צו דער צייט ווערט די שול איבערפולט מיט יידן, וואָס זענען געקומען זאָגן יזכור. און אָט שרייט מען שוין אַרויף צו די ווייבער: יזכור! מ׳זאָגט יזכור! מזכיר נשמות!

אַלע פנימער טוען זיך אַריין אין די מחזורים, אייניקע דעקן זיך איבער מיט די טליתים, פון דער ווייבערשער שול

דערהערן זיך קולות און געוויינען. אויך צווישן די מענער הערט מען געוויינען. און איבער דער גאַנצער שול הערט זיך אַ ברומען פון אַ גרויסער צאָל מענטשן און פון צייט צו צייט רייסט זיך אַרויס אַ געוויין, וואָס גייט פון דור צו דור.

יזכור זאָגן דויערט ניט קיין סך און באַלד שרייט מען אויס: מ׳מאַכט אַ מלא די קדושים! אין שול ווערט אַ שטיל־קייט פון שווערן דורותדיקן טרויער, וועלכער ווי אַלט אַזוי שווער איז ער. און ס׳גייט איבערן גאַנצן עולם דאָס קול פונעם חזן:

— ...שנהרגו, שנשחטו ושנשרפו על קדושת השם —

ציט אויס דער חזן — די קעפּ פונעם גאַנצן עולם לאָזן זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און ביי פיל מתפללים קומען אויף פאַר די אויגן בילדער פון געהערטע און געזעענע אכזריות... ווייזט אויס, אַז ביי יידן זענען אין אַלע צייטן געווען קדו־שים און ס׳איז געוואָרן אַ חק לעולם — יום כפור זיי צו מאַכן אַ קאָלעקטיווע מלא.

אָפּגעזאָגט יזכור גייען אַ סך יונגעלייט אַוועק און אין שול ווערט פריי.

פון צייט צו צייט קומט אַריין אַ יונגערמאַן, פרעגט צי מ׳האָט שוין געזאָגט יזכור, און בעט מ׳זאָל אים געבן אַ מחזור. צו נייכינען קומט צו אַ יונגערמאַן פון מיטעלע יאָר, מיט אַ דאַר אויסגעמאַטערט פנים. נייכין ווייסט: דאָס איז דער אַפּטייקער פון דער פּאָליקליניק. ער בעט אַ מחזור און באַלד דערטראָגט זיך צו נייכינען: אחי יקירי שנהרג... און אין עטלעכע מינוט אַרום: אחותי שנהרגה... ער זעט טרערן אין זיינע אויגן. ביי נייכינען שטעלן זיך אויך טרערן אין די אויגן. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, אָבער ער דערמאַנט זיך באַלד, אַז טרערן לאָזן — דאָס איז שוואַכקייט פון נערוון. ער שטאַרקט זיך און ווענדעט אָפּ זיינע בליקן פונעם אַפּ־טייקער.

21

נאָכן לייענען, אין שול איז ליידיקלעך פון מענטשן.

מ׳איז אַרויס אין גאַס, אייניקע דרייען זיך אַרום לעבן דער שול אין די טליתים, מ׳רעדט אַרום פאַרשידענע זאַכן, מ׳דער־ציילט, און דערציילן איז דאָ וואָס... נייכין איז אין שול, ער גייט ניט אַרויס פון דער שול דעם גאַנצן טאָג. ער טראַכט זיך אַריין אין דעם, וואָס ער זעט דאָ און הערט. זיין געמיט איז איבערפולט מיט טרויער און צער.

ער בלעטערט דאָס מחזור און קומט איבער דעם ויהי אחר הדברים האלה און ס׳איז געווען נאָך די דאָזיקע רייד. אין דער קינדהייט האָט עס געמאַכט אויף אים דעם שטאַרק־סטן איינדרוק. ער פלעגט זיך פרווון אַריינטראַכטן מיט זיין קינדערשן געדאַנק אין די פאַרגאַנגענע צייטן, ווי אַזוי איז עס ווירקלעך פאָרגעקומען אין יענע ווייט־ווייטע צייטן... איצט איז ער ווייט פון יענער צייט, נאָר אין די ימים נוראים קומט ביי אים אויך פאָר אַ מין חשבון הנפש ווי ביי פיל אַנדערע יידן. ער טראַכט זיך אַריין אין די תפילות פונעם מחזור, ס׳איז קלאָר, אַז זיי זענען געשאַפן פון מענטשן פון גייסט, ס׳איז אמתע פּאָעזיע, און זייער אינהאַלט איז מער אַ מרא־שחורהדיקער, אַ קלאָגעדיקער, און אַן אויסדרוק פון אומ־באַגרענעצטער אונטערטעניקייט צו גאָט, צום גורל: כי הנה כחומר ביד היוצר — ווי ליים אין די הענט פונעם באַשאַ־פער, אַזוי בישטיק האַלטן זיי זיך אין יענער צייט קעגן גאָט. ס׳איז קלאָר, אַז זיי האָבן איבערגעלעבט שווערע צייטן און דערפאַר איז אַזויפיל טרויער אין זייערע געדאַנקען... ווייזט אויס, זיי זענען געווען אויף גרויסע צרות, האָבן זיי דאָס אויסגעדרוקט אין די תפילות. און נייכין דערמאָנט זיך ווייטער: אין יענער צייט ווען ער האָט געמאַכט אונטער־ערדישע אָפּאָזיציע דעם קייסער ניקאָלאַי, געזעסן פאַרשפּאַרט אין אַן איינזאַמער קאַמער, אין קלעם פון אַן אומרחמנותדי־קער מאַכט, האָט ער אויך איינמאָל אין אַ טאָג באַקומען אַן אָנפאַל פון גלויבן אין גאָט און צונויפגעשטעלט אַ תפילה צו גאָט ער זאָל אים אַרויספירן פון דער תפיסה, ער ווייסט דאָך, גאָט, אַז ער, נייכין, וועט זיך קיינמאָל ניט גרויסן קעגן

גאָט, ניט קעגן מענטשן... נייכין גיט אַ שמייכל. די תפילה איז ערשט געווען צונויפגעשטעלט אויף רוסיש צו זיין יידישן גאָט: אָ, גאָספּאָדי, האָט ער זיך געווענדעט אויף רוסיש צו זיין יידישן גאָט — ס'איז דאָ פון וואָס צו לאַכן. נאָר ווייזט אויס, נאָך אין אַן ערגערן קלעם זענען געווען די מחברים פון אָט די תפילות, וואָס זענען פול מיט אונטער־טעניקייט צו גאָט און צום גורל, און איינצייטיק זענען זיי פול מיט האָפנונג, אַז גאָט וועט זיי העלפן, אַז נאָר ער וועט זיי רעטן מידי אויבהם — פון די שונאימס הענט. און דאָ און דאָרט חזרט זיך איבער, אַז ער וועט אויפשטעלן די שטאָט, וואָס די שונאים האָבן חרוב געמאַכט, און וועט זיי אומקערן אין דעם לאַנד, פון וואַנען זיי זענען פאַריאָגט גע־וואָרן. איבער אַלעמען רעדט זיך אין די תפילות וועגן אויפ־שטעלן די מלוכה — דער גרעסטער טרוים פון יענע דיכטער.

ער דערמאָנט זיך פּושקינען: אים איז טייער געווען דאָס ריטשקעלע, דאָס טייכל, דער וואַלד, ביי די יידישע דיכטער פון יענע צייטן איז דאָס געווען אויסגעשלאָסן, ווייל זיי זענען ניט געווען זיכער מיטן לעבן... ער דערמאָנט זיך, אַז אין דער צייט פון פּאָגראָם האָט ער ניט געקענט ליידן אפילו די זון, וואָס האָט געשיינט צו הויך, צו ליכטיק... אַזאַ שנאה צו דער זון האָבן, ווייזט אויס, געפילט אויך די שרייבער פון יענע צייטן. און אַוודאי האָט ניט קיין זין פאַר אַ יידישן דיכטער, וואָס לעבט איבער דעם טראַגיזם פון זיין פאָלק, צו באַדויערן די בלעטעלעך, וואָס דער ווינט צעשיידט זיי נעבעך מיט זייער טאַטן, דעם בוים...

צו מנחה. די שול האָט אָנגעהויבן זיך אָנפולן מיט מענטשן. און נאָכאַמאָל חזרן זיך איבער די תפילות, וואָס מ'האָט שוין פריער געזאָגט, נאָר מ'זאָגט זיי נאָכאַמאָל. נייכין הערט זיך צו צו זיין אייגן קול, וואָס דערמאָנט אים די שטימע פון זיין טאַטן. נאָר דעם טאַטנס שטימע האָט געקלונגען שטאַרקער. אָך, זענען אים טייער אָט די תפילות,

די דערמאָנונג אין טאַטנס קול, און די קינדהייט לעבן טאַטן!

צו נעילה איז שוין די שול אַזוי איבערפולט, אַז אַריין קען קיינער ניט און דער שול־הויף איז פול מיט מענטשן. נייכין כאַפּט אַ קוק דורך דער אָפענער טיר, זעט ער ערשט אויף דער גאַס, זי איז פול מיט מענטשן, דאָס איז מען גע־קומען הערן שופר בלאָזן.

נאָך די תפילות דויערן ווייטער, מ׳קוקט שוין אויף די זייגערס, וויפל נאָך דאַרף מען זיך מאַטערן. און אָט שרייט מען מ׳זאָל מאַכן אַ וועג: אַן אַלטן אויסגעמאַטערטן יידן איז ניט גוט געוואָרן. מיט גרויס שווערקייט שטופּט מען זיך מיט אים דורך דורכן געדיכטן עולם.

און דער חזן ווייטיקט אויס מיט זיין שטימע: כי כל ראש לחלי וכל לבב דוי.

דער עולם זאָגט נאָך יעדעס וואָרט. פּלוצים ווערט שטיל און מ׳דערהערט אַן אויסגעצויגענעם שאל פון שופר. אייניקע הויבן אָן אַרויסגיין פון דער שול, אַנדערע לייגן צונויף די טליתים און אייניקע זאָגן שטיל „לשנה הבאה...״ אייניקע זאָגן עס אין זיך, מ׳ווינטשט זיך אַ גוט יאָר, אַ חתימה טובה. מיט שווערקייט שטופּט מען זיך אַרויס פון דער שול, ווייל די גאַס איז פאַרפולט מיט מענטשן.

אינדרויסן איז שוין טונקל, נייכין שטופּט זיך קאם דורך. פון אַלע זייטן הערט מען: יידן ווינטשן זיך אַ גוט יאָר. דאָ און דאָרט הערט מען קושן זיך, אַנטציקטע אויס־געשרייען: באַבושקאַ! דעדושקאַ! און ווידער קלינגען קושן.

נייכין דערפילט אַ קנאה צו די זיידעס, וועלכע אייניק־לעך זענען געקומען באַגעגענען פון דער שול. ער זעט ווי איינער אַן אַלטער, מיטן טלית־זעקל אונטערן אָרעם, קייעט שוין אַ שטיקל לעקאַך. דאָס טוט ער ניט, ער קען אויס־האַלטן נאָך אַ האַלבע שעה.

ער איז אַוועק מיט דער גאַס, ס׳איז שוין פרייער צו גיין. ער יאָגט אָן אַן אַלטן קליינוווקסיקן יידן, וועלכער גייט

פאַמעלעך מיטן טלית-זעקל אונטערן אָרעם. דער נייגיר צו מענטשן פאַרלאָזט ניט נייכינען אויך איצט, ער איילט זיך ניט אַהיים צום עסן. און יום כפור אויפדערנאַכט, גייענדיק פון דער שול איז נאַטירלעך צו זאָגן אַן אומבאַקאַנטן יידן:

— אַ גוט יאָר.

— אַ גוט יאָר — ענטפערט דער אַלטער.

און ס׳פאַרפירט זיך אַ געשפּרעך:

— ס׳איז שוין האַלב אַכט אַ זייגער, מ׳האָט שפּעט גע־בלאָזן שופר.

ווייטער דערוויסט ער זיך: דער ייד איז אַ בעלאָרוסער, פון פאַך אַ שוסטער. אַך, די בעלאָרוסער יידן, דאָס איז עפּעס אַ באַזונדער שבט, וועלכער איז אין אַלטע צייטן פאַריאָגט געוואָרן אַהער און איז פאַרבליבן אַ שטאַרקער, אַ האַרטנע־קיקער.

נייכין הערט אים אויס: אַלע יאָרן געאַרבעט שוסטעריי, נאָר געאַרבעט אין אַ וואַיענע טשאַסט און אפילו מיטגע־פאָרן מיט דער טשאַסט. קינדער? ער האָט דריי זין, נאָר איצט האָט ער אַ דין-תורה מיטן רבונו־של־עולם, פון די דריי זין האָט זיך קיין איינער ניט אומגעקערט פון דער מלחמה. וועגן איינעם ווייסט ער נאָך ניט זיכער ווו ער איז אַהינגעקומען. ער האָט אַוועקגעשיקט אַן אָנפראַגע און וואַרט אויף ענטפער.

— איר פאַרשטייט, דריי זין, האָט זיך קיין איינער ניט אומגעקערט, אַלע דריי האָט ער ביי מיר צוגענומען און מיך האָט דער רבונו-של־עולם געלאָזט לעבן, האָב איך אַ דין־תורה מיט אים.

אַזוי גייט דער אַלטער פינף־און־אַכציק- יאָריקער שוס-טערמאַן מיט פעסטע טריט באַגלייך מיט נייכינען און לייגט אויס זיינע טענות צו גאָט. אַך, וויפל אַזעלכע טענות האָבן יידן צו גאָט! די גרעסטע טייל פונעם פאָלק האָבן אַזעלכע טענות... און מ׳ווערט ניט מיד צו טענהען...

נייכין קוקט אויף דעם בעלאָרוסער שוסטער, לאכן קען

ער ניט פון אים, ער מיינט עס ערנסט מיט אַט דעם דין־תורה.

ער גייט דורך מיט דעם אַלטן יידן די הויפּט־גאַס. עס שפּאַצירן אַ סך יידן מיט אויסגעפּוצטע ווייבער. אויף די שפּאַצירנדיקע זעט מען ניט קיין שום זאָרג, ווייזט אויס, זיי האָבן ניט, אין דעם יום כּפּורדיקן אָוונט קיין שום טענות, ס׳איז אַלעס אין אָרדנונג, ס׳איז אָלרייט ביי זיי. נייכין זעט דעם שרעקלעכן קעגנזאַץ צווישן די שפּאַצירנדיקע און דעם אַלטן שוסטער.

פּול מיט באַדויערונג און מיטגעפּיל צו דעם אַלטן, וואָס האָט אַ דין־תורה מיטן רבונו־של־עולם, האָט זיך נייכין מיט אים אָפּגעזעגנט.

22

ס׳איז איינגעפּירט, אַז יום כּפּור אויפדערנאַכט, נאָכן תענית, זאָל מען זיך גיין זען מיט די אייגענע. אַזוי איז אויך נייכין, באַלד נאָכן אָפּעסן, אַוועקגעגאַנגען מיטן ווייב צו די קינדער, וווּ די שנור האָט אים נאָך באַגעגנט מיט דעם טראַדיציאָנעלן:

— איר זאָלט האָבן אויסגעבעטן אַ גוט יאָר.

ניט דעם זון, וואָס איז ערשט געקומען פון דער אַרבעט, ניט די אייניקלעך איז ניט געקומען אויפן געדאַנק אים צו באַגריסן. דאָס יונגערע מיידל האָט יאָ, קוקנדיק אויף דער מוטער, אים געזאָגט מיט אַ צעבראָכענעם יידיש, קאָם אַרויסגעשטאַמלט שמייכלענדיק:

— אַ גוט יאָר.

אין אַזעלכע פאַלן האָט נייכין ערשט געזען ווי ווייט זיינע קינדער און אייניקלעך זענען פון יידישע מנהגים.

ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט האָט די שנור געזאָגט:

— נו, ווי אַזוי איז געגאַנגען דער תענית?

— ווייסיך, גאָרניט. כ׳בין אַ גאַנצן טאָג ניט אַרויסגעגאַן פון דער שול.

און נאָך אַ פּאַוזע:

— געליטן האָב איך פון עפּעס אַנדערש ערשט איצט, אויפדערנאַכט. פון דער שול איז ניט מעגלעך געווען אַרויס־צוגיין, די גאַס, קיין עין הרע פּאַרפּלייצט געווען מיט יידן, נאָר כ׳האָב מיך יאַק־נעבוד דורכגעשטופּט און פון אַלע זייטן האָב איך געהערט ווי מ׳קושט זיך און מ׳שרייט: דעדושקאַ, באַבושקאַ! מיך האָט קיינער ניט באַגעגנט.

און ער האָט זיך געווענדעט צו די מיידלעך, וועלכע זענען געווען דערביי:

— פאַרוואָס זאָלט איר אויך ניט קומען צו דער שול מיך באַגעגענען?

— וואָס ווילט איר, זיידע, מ׳זאָל אונדז אויסשליסן פונעם קאָמסאָמאָל? — האָט געענטפערט די יונגערע.

ס׳איז שוין געווען איינגעפירט, אַז בייכין האָט גערעדט צו די אייניקלעך יידיש און זיי האָבן געענטפערט אויף רוסיש.

— מ׳וועט אייך ניט אויסשליסן... זייט קאָמסאָמאָלצעס, זייט קאָמוניסטן, זייט קאָמסאָרגן, נאָר אַנטלויפט ניט, דער־ווייטערט זיך ניט פונעם פאָלק, פון וועלכן איר שטאַמט.

— ניין, זיידע, מיר קענען ניט — האָט ווידער געזאָגט די יונגערע.

און די עלטערע האָט באַשטעטיקט:

— אוודאי קענען מיר ניט.

און בייכינס פּנים האָט אויסגעדרוקט באַדויערונג. שפּע־טער האָט ער געזאָגט:

— ווייל אַ גרויסער טייל פונעם פאָלק גייען נאָך אין שול, דאַרפט איר זיך ניט דערווייטערן, דאָס פאָלק זאָל ניט מיינען, אַז דער יונגער דור זענען שוין אינגאַנצן ניט קיין יידן. זייט יידן אַצינד, ווען איר זענט נאָך יונג, ביז ווי אייניקע דערמאַנען זיך צו זיבעציק יאָר, אַז זיי זענען יידן...

— נאָר דיך און דיך — האָט ער זיך געווענדעט צו די קלענערע צוויי יינגלעך — מוז איך מיטנעמען איינמאָל אין שול אַריין, איר זאָלט כאָטש אָנקוקן די שול.

— גוט, איך וועל גיין — האָט געענטפערט דער על־טערער
און ווייטער צו די מיידלעך:

— נו, היינט זענען ביי אייך פאָרגעקומען לעקציעס?

— וואָס דען מיינט איר, זיידע, טאָמער איז היינט יום כפור זענען ביי אונדז קיין לעקציעס ניט פאָרגעקומען? כ'האָב אפילו באַקומען אַ פינפטל אויף אַנאַטאָמיע — האָט פריילעך געענטפערט דאָס יינגערע מיידל.

— נו, נו, לאָז אייך גאָט העלפן.

— יאָ, זיידע, מיר וועלן טון אַלצדינג, אַז גאָט זאָל אונדז העלפן — האָט געזאָגט די עלטערע מיט אַ ברייטן שמייכל.

דאָ האָט זיך נייכין הילכיק צעלאַכט, ווייל ס'איז אים שטאַרק געפעלן איר זאָג, וואָס האָט באַשטעטיקט אַן אַלט יידיש ווערטל: דו טו און גאָט וועט דיר העלפן, כאָטש אין מיידלס זאָג האָט ער געפילט די איראָניע וועגן גאָטס הילף.

אויף מאָרגן פאַרנאַכטצו איז נייכין געגאַנגען און מיט־גענומען די צוויי יינגלעך אין שול אַריין. ווי נאָך יום טוב זענען אין שול געווען ניט מער ווי אַ פּאָר מנינים יידן. ס'האָט זיך יעדער אומגעקוקט אויף אים מיט די יינגלעך, ווייל אַזעלכע יינגלעך זענען איצט זעלטן געקומען אין שול. ווען זיי זענען אַריין האָבן זיי אויסגעשטעלט גרויסע אויגן אויף דעם גאַנצן אַרום, און באַלד האָט טאַקע דער קלענע־רער געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף די פאַרביק-געמאָלטע ביל־דער אויף די ווענט:

— וואָס איז דאָס פאַראַ בילדער?

— דאָס איז: על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון. על ערבים תלינו כינורותנו — האָט נייכין צו זיי געזאָגט, ווילנדיק כאָטש דערמיט זיי לאָזן הערן אַ יידיש וואָרט, וועלכעס זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען — אַמאָל זענען די יידן פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל.

— און ווו איז דען אַזאַ לאַנד?

— איצטער איז עס טאַקע נישטאָ, נאָר אַמאָל איז עס געווען. דו זעסט די פּידעלעך אויף די בוימער צעהאַנגען. דאָס האָבן די יידן זיי דאָרט אויפגעהאַנגען...

— און פאַרוואָס האָט מען זיי...

— דערווייל קוקט אָן אַלצדינג און אויפן וועג וועל איך אייך דערציילן דאָס איבריקע, ווייל יעדעס בילד איז אַ באַזונדער מעשה פון דער יידישער געשיכטע.

די יינגלעך האָבן ווייטער געקוקט אויף דער אָנגע־מאָלטער מערת המכפלה און אויף עקדת יצחק. נייכין האָט זיי אָנגערופן יעדעס בילד און געזאָגט:

אויפן וועג וועל איך אייך דערציילן, וואָס די בילדער באַדייטן. נו, מיר גייען, כ׳האָב אייך ניט געבראַכט אַהער איר זאָלט דאַוונען, נאָר איר זאָלט געדענקען און ניט פאַר־געסן, אַז צו דעם פאָלק געהערט איר.

אויפן וועג גייענדיק מיט זיי האָט נייכין אָנגעהויבן:

— דאָס ערשטע בילד, וואָס איר האָט געזען, האָב איך אייך געזאָגט, על נהרות בבל, הייסט עס אויף די טייכן פון בבל, נאָר צוערשט מוז איך אייך זאָגן, אַז איר רעדט ניט קיין יידיש, און אַז ס׳קומט צו אַ יידיש וואָרט פאַרשטייט איר ניט וואָס מ׳רעדט צו אייך. איך זאָג אייך, אַז די יידן זענען אַמאָל געווען פאַרטריבן קיין בבל, הויבט איר אָן: וואָס הייסט בבל? פאַרוואָס האָט מען זיי פאַרטריבן? דאָ איז נישטאָ קיין פאַרוואָס. די יידן האָט מען שוין אַ סך מאָל געטריבן, אויף דער גאַנצער לענג פון דער געשיכטע, און איר דאַרפט עס וויסן.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. פּלוצים האָט זיך דאָס עלטערע יינגל צעלאַכט:

— אוי, זיידע, איך האָב זיך דערמאָנט. איך בין געווען אינדערפרי ביי איינעם פון אונדזערע שילער. הער איך, זיין באָבע זאָגט צום קלענערן ברודערל: סאַדיס נא בענ־קעלע אי קושאַי לעבער, זאָגט יענער: יא ניע כאָטשו נא בענקעלע אי ניע כאָטשו קושאַט לעבער.

זאָגט די באָבע: אַ יאַ בודו ביט, זאָגט דער קליינער: אַ יאַ בודו אַנטלויפן. (זעץ דיך אויפן בענקעלע און עס לעבער. איך וויל ניט זיצן אויפן בענקעלע און וויל ניט עסן קיין לעבער. און איך וועל דיך שלאָגן. — און איך וועל אַנטלויפן). כ׳האָב אַזוי געלאַכט.

— נו! זעסט וואָסאַראַ פּנים דאָס האָט? איר דאַרפט זיך לערנען רעדן ייִדיש. יאָ, ווו זשע האָבן מיר זיך אָפּגע־שטעלט? על נהרות בבל...

23

ס׳איז געווען צוועלף בייגאַכט, ווען נייכין האָט זיך געביטן פון זיין דעזשורסטווע אין דער גיכער הילף, און זיך געלאָזט גיין אַהיים. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע און ווי קרויגען האָבן געפינקלט מיט פּילפּאַרביקע פייערן די שטערן אין די הימלישע הויכן. די נאַכטיקע קילקייט האָט אים אַרומגענומען און ער האָט פאַרשפּילעט זיין לייכטן מאַנטל. ער איז געווען גוט געשטימט און דער צעשטערנ־טער הימל האָט נאָך מער אויפגעמונטערט זיין געמיט. אַזוי גייענדיק האָט ער אין זיך איינגעאָטעמט די פרעכטיקע נאַכט. קיין דורכגייער האָט ער ניט באַגעגנט, נאָר אויפן עק גאַס האָט ער דערזען שטיין אַ פּאָר בחורים, וועלכע האָבן פאַרשטעלט דעם וועג אַ פּאָר מיידלעך. און ער האָט דערהערט אַ בעטנדיקע שטימע פון די מיידלעך:

— לאָזט אונדז דורכגיין, וואָס איז מיט אייך?

— קומט מיט אונדז, וואָס, מיר געפעלן אייך ניט?

— מיר וועלן שרייען צו הילף.

— איר האָט ניט וואָס צו שרייען, ניטאָ ווער ס׳זאָל אייך דאָ העלפן.

נייכין האָט זיך דערנענטערט.

— בירגער, העלפט אונדז, די לייט לאָזן אונדז ניט דורכגיין.

— יונגע לייט, ווי שעמט איר זיך ניט, וואָס לאָזט איר ניט דורכגיין די מיידלעך?

— אַ נו, גיי פון דאַנען, דאָ איז ניט דיין זאַך — האָט געזאָגט איינער, און אידער נייכין האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט אים יענער דערלאַנגט מיטן קולאַק. דער צוויי־טער איז אויך צו צו אים, און נייכין האָט שוין געפילט אויף זיין פּנים אַ וואַרעמען שטראָם בלוט.

די מיידלעך האָבן באַוויזן אין דער מינוט צו אַנטלויפן. ווישנדיק דאָס בלוט פונעם פּנים האָט ער געשאָלטן די כו־ליגאַנעס. איינער פון זיי, אַוועקגייענדיק האָט געזאָגט:

— וועסט וויסן ס׳אַנדערע מאָל נישט צו שטערן, ווען בחורים רעדן מיט מיידלעך.

נייכין האָט זיך אומגעקערט אין דער גיכער הילף און די דעזשורנע דאָקטאָרין הורוויץ האָט זיך צוגעאײַלט צו אים:

— וואָס איז מיט אייך, חבר נייכין?

זי האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און גענומען ווישן אים דאָס בלוט פונעם פּנים מיט וואַטע.

— אַ פּאָר כוליגאַנעס האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו מייד־לעך אויף דער גאַס און איך האָב זיי געפּרוווט איינרעדן.

— האָבן זיי אייך דערלאַנגט? — האָט די הורוויץ גע־שמייכלט, פאַרבינדנדיק אים דאָס פּנים — יידישע מיידלעך געווען?

— ניין, ווייזט אויס, קריסטן, סיי די מיידלעך, סיי די יינגלעך.

— הייסט עס, איר האָט געליטן פאַר גערעכטיקייט? שוין געווען איינער אַזעלכער, נאָר יענער האָט געקעמפט מיט ווינטמילן... איר האָט געהערט פון אַ דאָן־קיכאָט? אָבער איר דאַרפט געדענקען, אַז דאָן־קיכאָט איז היינט ניט אין דער מאָדע. און דאָרט וווּ ס׳קומט פאַר אַזאַ זאַך דאַרפט איר זיך ניט שטופּן.

— אַז איך זע אַזאַ זאַך, קוק איך נאָר ווער ס׳איז דער געליטענער און שטעל זיך באַלד אויף זיין זייט, און קוק ניט ווער דער געליטענער איז.

— אָבער איצט זעט איר שוין, אַז איר וועט זיך מוזן אָפּזאָגן פון אייער קאַמף פאַר גערעכטיקייט?

— ניין, דאָקטאָר, דאָס איז נאָך ניט קיין גענוגנדיקער באַווייז.

— אַזוי? ס'איז אייך נאָך ניט גענוג? — האָט די דאָקטאָרין געשמייכלט, און פאַרענדיקט דאָס איבערבונדן אים

— אפשר אָפּפירן אייך מיט דער מאַשין?

— ניין, ס'איז ניט אַזוי די מעשה, איך וועל שוין יאָקנעבוד אַזוי אַהיימגיין.

און אַוועקגייענדיק האָט ער נאָך געזאָגט צו איר:

— און איר ווייסט, דאָקטאָר, אין וואָס פאַר אַ גוטער שטימונג איך בין געווען, ווען איך בין אַוועק פון דער דערזשורסטווע?

— און זיי האָבן אייך קאַליע געמאַכט די שטימונג?

— אינגאַנצן קאַליע געמאַכט. איר הערט, מ'קען קיינמאָל ניט וויסן ווער ס'וועט דיר קאַליע מאַכן די שטימונג און ביי וועלכע אומשטענדן...

נאָך דער באַגעגעניש מיט די צוויי שלעגער האָט ניי־כינען אַרומגעכאַפּט אַ שווער געפיל. און גראָד האָבן אים ניט ווי געטון די ערטער, וווּ ער האָט באַקומען די קלעפּ. כאָטש דאָס פּנים איז ביי אים געווען פאַרבונדן, האָט ער אין דעם פאַרגעסן, נאָר אין בויך, אין האַרץ, אין קאָפּ האָט ער געפילט אַ גרויסע שווערקייט, וואָס איינעם האָט עס געשאַפן אַ ווייטיקלעכן צושטאַנד. ווען ער האָט זיך גע־לייגט אין בעט איז ער געווען ווייט פון שלאָפן, כאָטש דער זייגער איז שוין געווען נאָך איינס. ער האָט געטראַכט וועגן ענלעכע פאַלן, וואָס זענען פאַרגעקומען מיט אַנדערע און טאַקע מיט אים אַליין פון דער קינדהייט אָן. אַזוי טראַכטנ־דיק איז ער געקומען צום געדאַנק: און וויפל מאָל זענען יידן געלעגן אויף זייערע געלעגערס אַזוי ווי איך ליג איצ־טער, און זענען פּלוצים אַרויסגעריסן געוואָרן פון די גע־לעגערס, אַמאָל טאַקע אויף אייביק, אויף אומקום.

ער האָט געגעבן אַ זיפץ, וואָס האָט אים ווידער דער־מאָנט אין זיין טאַטן. ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דער פאַרגאַנגענהייט: אַזוי האָט טאַקע מסתמא געזיפצט דער זיידע און אפשר אַן עלטערזיידע...

אפילו אַ קליינע באַליידיקונג האָט ער געדענקט עט־לעכע טעג נאָכאַנאַנד, נאָר די באַגעגעניש, וואָס ער האָט געהאַט אין דער נאַכט, האָט אים נאָך לאַנג געעגבערט דעם מוח, דאָס האַרץ, און אויף אַ לאַנגער צייט באַשווערט זיין געמיט....

24

גייענדיק צו די קינדער פלעגט נייכין מיטנעמען מיט זיך אַ יידיש ביכל אָדער אַ צייטונג מיט דער האָפנונג, אַז ס׳וועט אים געלונגען צווינגען זיי איבערלייענען מיט אים עטלעכע שורות, נאָר אָפטמאָל האָט ער זיך אומגעקערט מיט זיין יידיש ביכל, ווייל ביי די יינגלעך איז געווען דער שטענדי־קער תירוץ:

— איך האָב קיין צייט ניט, איך דאַרף צוגרייטן די לעק־ציעס.

— און דו? — האָט ער זיך געווענדעט צום קלענערן.

— איך דאַרף שוין גיין אין דער ספּאָרט־שול.

אַזוי פלעגט ער אַוועקגיין מיטן ביכל, וועלכעס מ׳האָט אפילו ניט געעפנט. נאָר אַמאָל פלעגט ער זיך איינשפּאַרן און כאַפּן איינעם אָדער דעם אַנדערן און צושלעפּן צום טיש. לאַכנדיק האָט דאָס יינגל געזאָגט:

— איך קען ניט, איך האָב שוין אַלעס פאַרגעסן.

— נו, זאָג מיר נאָך.

לאַכנדיק האָט דאָס יינגל אָנגעהויבן לייענען, מאַכנדיק שרעקלעכע פעלערן. אין דער צייט איז זיין הענטל געווען פאַרקוועטשט אין זיידנס שטאַרקער האַנט. דאָ איז שוין צו־געגאַנגען דאָס אַנדערע יינגל און שוין פרייוויליק אָנגעהויבן מיטצולייענען. דעמלט האָט דער ערשטער געשריגן ער זאָל אים ניט מיטהעלפן.

נאָך אַזאַ דערפאַלג איז נייכינען אויסגעפאַלן ערב חנוכה. יידיש האָבן זיי מיט גרויס מי געקענט איבערלייענען קאַם אַ שורה, נאָר אויסגעלערנט האָבן זיי זיך צו זאָגן מיט אַ ניט־יידישן אַקצענט:

— כאַ־אָניקע געלט.

דאָ האָט שוין נייכין אויסגענוצט די לאַגע.

— לייען איבער ביז אַהער באַקומסטו פינף קאָפּיקעס.

מיט שוועריקייט האָט דאָס יינגל איבערגעליינעט און זיך אָפּגעשטעלט.

— לייען איבער נאָך אָט די שורה באַקומסטו פינף מיט אַ האַלבער קאָפּיקע — איז שוין נייכין איבערגעגאַנגען אויף שפּאַס. נאָכמער לאַכנדיק האָט דאָס יינגל ווייטער געלייענט.

— צען קאָפּיקעס, אויב דו לייענסט איבער נאָך די צוויי שורות.

אַלע דריי האָבן שוין הויך געלאַכט.

נאָר אַז ס׳איז געקומען חנוכה איז פאַר נייכינען גע־שטאַנען אַ שווערע פראַגע.

— צו מאַנען כאַ־אָניקע געלט האָט איר זיך אויסגע־לערנט, אָבער וואָס איז חנוכה, פון וואָס נעמט זיך דאָס, ווייסט איר ניט.

און נייכין האָט זיי אָנגעהויבן גיבן די ערשטע ידיעות וועגן יידישער געשיכטע און וועגן די קאַמפן, וואָס יידן האָבן אַמאָל געפירט.

די יינגלעך זענען געוואַקסן און נייכין האָט געזען דעם וואַקסנדיקן אינטערעס ביי זיי צו יידישער געשיכטע און ער האָט אַליין געזוכט צו פאַרמערן זיינע ידיעות, כדי זיי אי־בערגעבן די יינגלעך.

און חנוכה האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, צע־עפנט דאָס ביכל און געזאָגט אין שפּאַס:

— כ׳האָב איינגעגיבן אין גאָסבאַנק אַ זאַיאַוולעניע מ׳־זאָל מיר אַרויסגעבן אַ רובל אויף חנוכה־געלט פאַר אייך,

נאָר, פאַרשטייט זיך, אַז איר דאַרפט איבערלייענען כאָטש אַ צען שורות.

— נאָר איין רובל — האָט געזאָגט דער עלטערער — כאָטש אַ רובל אויף אַ מענטשן.

— נו, דאָס וועלן מיר שוין זען, אַלצדינג ווענדט זיך אין דעם ווי אַזוי איר וועט לייענען.

און מ׳האָט געלייענט. געאיקעט, זיך געמוטשעט און געלייענט.

אויף מאָרגן ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש מיטן ביכל האָט שוין פון יעדער האַנט ביי אים געשטעקט אַ שפּיץ פון אַ רובל.

— דאָס איז טאַקע חנוכה־געלט, נאָר איר מוזט איבערלייענען אָט די שורות.

די יינגלעך האָבן געלייענט. און כאָטש אים איז ניט געווען צום האַרצן דאָס מיטל, מיט וועלכן ער האָט דאָס דערגרייכט, האָט ער געטראַכט: דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען.

25

צו בייכינען איז געקומען צו גאַסט זיין שוועגערין, דעם ווייבס אַ שוועסטער, מיט איר קליין אייניקל, אַ קינד פון אַ יאָר זעקס. אין דער מלחמה האָט זי פאַרלוירן איר מאַן מיטן עלטערן זון, דאָס אייניקל, אַ קינד פונעם קלענערן זון, וועלכער האָט אַ קריסטלעך ווייב. זינט דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן האָט די באָבע זיך אָפּגעגעבן מיט דעם מיט איר לייב־און־לעבן. דאָס איז געווען אַ געצערטלט מיידעלע מיט אַ קעפּעלע אויסגעבונדענע סטענגעס אויף אירע געקרייזטע בלאָנדע האָר, אויסגעפּוצטע ווי נאָר ס׳קען זיין אויסגעפּוצט אַזאַ קליין קינד. ס׳איז געווען צעבאַלעוועט און קאַפּריזנע, און פאַרדרייט דער באבען דעם קאָפּ, וועלכע האָט ניט געוווסט ווי אַזוי צוצוטרעפן די פאַרלאַנגען פון דעם קליינעם אָפּגאָטל.

דער וועטער איז געווען אַ קילער, נאָענט צו די ווייַנאַכטן. אַ סך משפּחות אין שטאָט האָבן זיך שוין געאייסעקט

מיט די יאָלקעס. און דאָס מיידעלע האָט טאַקע דאָ, ביי ניי־כינען אין שטוב, פאַרפירט מיט דער באָבען: זי וויל שוין צו דער יאָלקע!

שוין עטלעכע טעג ווי די באָבע האָט געפירט מיט דער קליינער געשפּרעכן אין דער פאָרם פון אַ פאַנטאַסטיש צוי־בערנדיק מעשהלע:

— אָט וועלן מיר גיין אויפן רויטן פּלאַץ, וווּ מ׳פאַרקויפט אַ סאַ־אַך יאָלקעס און מיר וועלן אויסקלויבן די גרעסט־עסטע יאָלקע און מיר וועלן איינקויפן אַ באַ־אַרג מיט שפּילעכלעך, און מיר וועלן באַצירן די יאָלקע, און מיר וועלן זי אָנצינדן, און מיר ווע-עלן...

די קליינע האָט זי איבערגעריסן מיט אַ געשריי:

— ניין, איך וויל שוין צו דער יאָלקע!

— נאָר מיר דאַרפן זי פריער מאַכן, טאַטאַטשקע, טייערע...

די קליינע האָט זיך צערעוועט און די באָבע האָט זי שוין געכאַפּט אָנטון און געזאָגט:

— שאַ־שאַ, מיר גייען שוין צו דער יאָלקע.

נייכין האָט פיינט געהאַט צוצוקוקן אַזעלכע סצענעס מיט קינדער, איבערהויפּט נאָך ביי זיך אין שטוב, איבער־הויפּט האָט ער פיינט געהאַט די טעמע: יאָלקע. דערפאַר האָט ער זיך טאַקע אָפּגעזעגנט מיט דער שוועגערין און אַוועקגעגאַנגען.

זיין וועג צו די קינדער איז געווען דורך דעם גרויסן אַספאַלטירטן פּלאַץ, וואָס איז איצט געווען אַרומגעצוימט מיט אַ גרויסן פון נייע ברעטער, נאַטירלעך, אַ צייטוויי־ליקן פּלויט, ווייל אַזאַ פּלויט אינמיטן שטאָט האָט מען גע-קענט דערלויבן נאָר צוליב אַ מאַרק פון יאָלקעס, וואָס איז איצט געווען אין סאַמע ברען. גאַנצע בערג מיט פריש־אָפּגעהאַקטע גרין־נאַדלדיקעביימלעך האָבן פאַרפולט דעם גאַנצן פּלאַץ און פאַרשפּרייט זייער געשמאַקן ריח איבערן גאַנצן אַרום, און נייכין, גייענדיק איבער דעם יאַריד פון יאָלקעס האָט מיט גרויס פאַרגעניגן איינגעאָטעמט דעם

זעלטן פיינעם ריח. אָבער נאָר דער ריח פון דיביימלעך האָט אים גוט געשמעקט, נאָר דאָס גאַנצע קהלן זיך ביי דער יאָלקע, ווו ס'האָבן אָנטיילגענומען אויך יידן, איז אים ניט געווען צום הארצן. גייענדיק איבער דעם יאָלקע־מאַרק האָט ער געזען אַ מענגע מענטשן, מענער און פרויען, וואָס זענען געשטאַנען צווישן די קופּעס מיט ביימלעך און גע־קליבן, אַרומגערעדט זייערע מעלות און חסרונות, און געקויפט. צווישן די קונים האָט ער באַמערקט ניט ווייניק יידישע ווייבער.

אינמיטן דעם רעשנדיקן פלאַץ האָט ער באַמערקט אַ פיין מיטליאָריק ווייבל שטיין מיט א ביימל אין די הענט. דורכגייענדיק האָט ער זי אַ פרעג געטון, נאַטירלעך אויף רוסיש ווי אַ פאַראינטערעסירטער:

— וויפל האָט איר באַצאָלט פאַר דער יאָלקע?

— פערציק קאָפּיקעס — האָט זי גערן געענטפערט.

— אָבער פון וואָסעראַ נאַציע זענט איר? — האָט ער שוין גיפטיק געפרעגט.

— אַ יידישקע, וואָסי דען?

— גאָרניט — האָט ער געענטפערט און איז אַוועק זיין וועג.

און ווען איינע אַזאַ יידענע איז געגאַנגען אַ פאַר־שמייעטע, א פאַרפלאָמטע, מיט אַ קוישל אין האַנט און מיט אַ געקויפט ביימל אין דער צווייטער, און אויפן וועג זיך אויסגעגלייכט מיט נייכינען, האָט ער איר שטיל גע־זאָגט, ווי צו אַן אַלטער באַקאַנטער:

— שוין, איר האָט שוין איינגעקויפט אַ יאָלקע?

— יאָ — האָט זי געענטפערט אַ גליקלעכע — ס'איז דאָך שוין צייט, נאָך עטלעכע טעג...

— אָבער צו וואָס דאַרפט איר דאָס? וואָס קערט איר זיך אָן מיט דער יאָלקע?— האָט ער געפרעגט מיט באַ־דויערונג.

די יידענע האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן:

— וואָס הייסט, צו וואָס? יעדערער מאַכט...
— אָבער איר זענט דאָך אַ ידישקע.
— וואָס-זשע, ס'איז פאַר זיך? פאַרן קינד... אַ קינד זעט ביי אַנדערע וויל עס אויכעט.
— מוזט איר עס נאָכגיבן, אַז ס'וויל? מיר וועלן זאָגן, אַז מיר האָבן אויפגעהערט גלויבן אין גאָט, זייער פיין, אָבער יאָלקע איז דאָך אַ קריסטלעכער מנהג. הייסט עס, האָט איר אָפּגעוואָרפן יידישע מנהגים און גייט איבער אויף קריסטלעכע, האָט עס עפּעס אַ זין?
די יידענע איז געווען אין פאַרלעגנהייט.
— איר פאַרשטייט, ס'איז דאָס ערשטע מאָל מאַך איך עס... איר ווייסט ניט אַ קינד, טשעפּעט זיך אָן...
— נישקשה, דעם קינד וועט גאָרניט זיין, אַז איר וועט אים ניט צוליב טון אַזאַ זאַך.
— יאָ, דאָס זענט איר גערעכט, נאָר איר ווייסט ניט היינטיקע קינדער...
— אַזעלכע זאַכן דאַרף מען ניט נאָכגיבן אפילו היינ־טיקע קינדער, מ'דאַרף ניט נאָכגיבן אַ קינד אַזעלכע זאַכן, מ'דאַרף באַטראַכטן וואָס מ'פאַרפלאַנצט ביים קינד דערמיט.
ער איז אַוועקגעגאַנגען גלייך און דאָס ווייבל האָט זיך פאַרנומען אין אַ זייטיקער גאַס. פּונקט אין דעם מאָמענט איז אים אַקעגן געקומען אַן אומבאַקאַנטער מיטליאָריקער ייד און געזאָגט צו אים, אָנווייזנדיק אויף דעם ווייבל:
— קוקט זי נאָר אָן, די יאַכנע, ווי זי שוויצט מיט דער יאָלקע.
מיט די וויינאַכטן בכלל זענען ביי נייכינען געווען פאַר־בונדן שלעכטע זכרונות נאָך פון זיין קינדהייט. ער האָט ביז איצט ניט פאַרגעסן יענע צייט, ווען אין די ווייִנאַכטן האָ־בן זיך דורך אַ סך פענצטער אַרויסגעזען פייערלעך, ברייטע און באַלויכטענע יאָלקעס, און ער האָט געדאַרפט מורא האָבן אַרויסגיין אויף דער גאַס. די מאַמע און די באָבע פלעגן אים נאָר וואָרענען:

— היינט טאָר מען אין גאַס ניט גיין, ס'איז די בלינדע נאַכט.

פאַרוואָס די נאַכט איז געווען בלינד האָט דער קליי־נער חיים ניט פאַרשטאַנען, נאָר פון דעמלט אָן איז די יאָלקע פאַרבליבן אין זיין ווען ווי אַ פרעמדע און פיינט־לעכע זאַך.

ווען ער איז אַריינגעקומען צו די קינדער אין שטוב האָט ער געזאָגט:

— אַך, טוט זיך שוין אין שטאָט מיט דער יאָלקע, און יידישע ווייבער זענען אויך אינדערמיט.

— נו, איר לאָזט דאָך ניט מאַכן, מיר וואָלטן אויך גע־מאַכט — האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט די שנור.

— יאָ, מיר גייען באַלד קויפן אַ יאָלקע — האָט מיט צו־להכעיסדיקן שפּאַס געזאָגט דאָס עלטערע יינגל. ער האָט גע־ווּסט, אַז דער זיידע האָט קאַטעגאָריש פאַרווערט צו מאַכן אַ יאָלקע, נאָך ווען די קינדער זענען געווען קליין האָט ער געזאָגט:

— קיין יאָלקע וועט מען דאָ ניט מאַכן, ווייל יידן קערן זיך מיט איר גאָרניט אָן.

26

נייכין איז געשטאַנען און געוואַרט אויפן טראַמוויי, ווען ס'איז צוגעקומען די הויכוווקסיקע שלאַנקע פרוי בראַזער.

וווהין פאָרט זי?

— צום מאַן, מ'האָט אים אָפּערירט.

— וואָס איז געשען?

— אַפּענדיציט — זאָגט זי — און מ'האָט אים געמוזט שוין אָפּערירן.

— הייסט עס, פאָרט איר אין שפּיטאָל? וועל איך שוין מיטפאָרן מיט אייך און וועל אים טאַקע מבקר חולה זיין.

— ביטע, ער וועט זיין זייער צופרידן.

שוין אין טראַמוויי זיצנדיק מיט נייכינען האָט זי אים דערציילט, אַז גראָד האָבן זיי זיך געגרייט צו פייערן דעם

צענטן יאָרטאָג פון זייער חתונה איז ער פּונקט קראַנק גע־וואָרן, נאָר זי האָפט ער זאָל אינגיכן געזונט ווערן און אַרויס פונעם שפּיטאָל, וועלן זיי אים אויך איינלאַדן צו זייער יום טוב.

אין שפּיטאָל האָט ער געטראָפן בראַזוערן ליגנדיק אויפן בעטל מיט אַן אויסגעצויגן אַביסל דערשראָקן פּנים.

אויף נייכינס פראַגע ווי ער פילט זיך, האָט ער געזאָגט:

— איצט שוין נישקאָשע, נאָר כ׳האָב זיך שטאַרק גע־שראָקן. מ׳האָט מיך אָפּגעהאַלטן אַנדערטהאַלבן שעה אויפן אָפּעראַציאָנס-טיש, מ׳האָט ניט געקענט צוקומען צום אַפּענ־דיק, מ׳האָט אַנגעטראָפן אויף אַ היבשן שיכט שמאַלץ און דאָס האָט פאַרשווערט די אַרבעט פונעם כירורג.

— פעט ווערן, אָנזאַמלען שמאַלץ אין קערפּער איז תמיד אַ קליינע מעלה.

יאָ, — האָט ווידער געזאָגט בראַזער — האָב איך מיך טאַקע געשראָקן.... איר ווייסט ניט, מ׳דאַרף אָפּהיטן דאָס קאָפּל יאָרן.

— אוודאי דאַרף מען.

נייכין האָט זיך דערמאָנט אין בראַזוערס שטענדיקער אַמביציעזער און אויסערלעך העלדישער קריגערישקייט, ווען ער רעדט מיט אים וועגן פראַגן, וואָס באַרירן שטאַרק ניי־כינס געדאַנקען-קרייז. בראַזער האָט שטענדיק געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער שטייט ווייט פון די אָנגעוווייטיקטע יידישע פראַגן. דערפאַר האָט נייכין אָפט געהאַט פאַרדרוס אויף אים. און דאָס דערשראָקנקייט און דאָס וועלן אָפּהיטן „דאָס קאָפּל יאָרן" האָבן גאָרנישט האַרמאָנירט מיט זיין געוויינלעכער העלדישקייט.

— נו, זייט געזונט, בראַזער, מיר וועלן זיך שוין זען מיט אייך.

— יאָ, יאָ, איך גיי נאָר אַרויס פונעם שפּיטאָל... ס׳איז ביי אונדז פּלאַנירט אַ שטיקל יום טוב, מיר וועלן אייך איינ־לאַדן מיט נאָך אונדזערע פריינט.

— איך דאַנק אייך זייער, זייט געזונט.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט אויך מיט פרוי בראַזער, וועלכע איז נאָך פאַרבליבן ביים קראַנקן.

27

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט בראַזער באַזוכט נייכינען. נייכין האָט דערזען אַ דייטלעכע ענדערונג אין זיין אויסזען. דאָס פּנים ווידער אָפּגעגלעט, די צעשראָקנקייט — פאַרשווינדן, אויסגעפּוצט אין אַ נייעם אנצוג, הויזן אויסגעפּרעסטע, מיט אַפּיציעלע קנייטשן פון פאָרנט און פון אונטן, און זיכערקייט פון אַ מענטשן, וועלכער פילט זיך, אַז ער גייט אויף אַן אייזערנער בריק.

נאָך די געשפּרעכן, וואָס נייכינען איז אַמאָל אויסגעקומען צו פירן מיט אים, האָט ער אָפּט געטראַכט, אַז די פריינטשאַפט האָט שוין געקענט אויפהערן, ווייל נייכינען איז ניט געפעלן זיין קעגנערשאַפט צו זיינע אַרויסזאָגונגען, וואָס האָבן געשטאַמט ניט אַזויפיל פון איבערצייגונג ווי פון צו־להכעיס, נאָר צוגעצויגן האָט אים פרוי בראַזער, ווייל ער האָט געפילט, אַז בעת די שטרייטן איז זי שטענדיק אויף זיין זייט, הגם זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן און זעלטן ריזיקירט דאָס אַרויסזאָגן. און ווייזט אויס, אַז איינע פון די וויכטיקסטע סיבות ס׳זאָל זיך שאַפן סימפּאַטיע צווישן מענטשן, איז טאַקע איינשטימיקייט פון מיינונגען. און דערפאַר, ווען בראַזער האָט אים געזאָגט, אַז ער לאַדט אים איין אויף אַן אָוונט צום צענטן יאָרטאָג פון זיין חתונה, האָט ער געענטפערט:

— איך דאַנק אייך זייער, כ׳וועל קומען.

ווען ער איז געקומען צו בראַזערן, האָט ער שוין געטראָפן אַ שיין געגרייטן טיש מיט מאכלים און משקאות. אַרום טיש זענען שוין געזעסן געסט. שפּעטער זענען געקומען נאָך געסט, מענער און פרויען.

נייכין איז אָנגעקומען צו אַ געשפּרעך, וואָס בראַזערס פרוי האָט געפירט מיט די געסט.

— מיר האָבן דאָ אַ שכנה, אַ שלעכטע שכנה — האָט

זי געזאָגט — זי טוט אונדז אָן צרות. מיר מיידן זי אויס. נאָר זי שלעפּט אונדז אַריין אין קריגערייַ. אַ פרוי, וואָס איז פעיק צו גיין אייך מסרן, זאָגן אויף אייך, וואָס איז ניט גע־שטויגן און ניט געפלויגן... אַ באַזונדער מין טיפּ.

נייכין איז שוין געזעסן און זיך געווענדעט צו פרוי בראַזער:

— אַ יידישקע?

— יאָ, יאָ, אַ יידישקע, באַלד פרעגט איר צי ס'איז אַ יידישקע — האָט מיט איראָניע זיך אָנגערופן בראַזער — יאָ, אַ יידישקע, באַלד גייט איר איבער אויף יידן. נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל זיך אַזוי פיינט האָבן, ווי יידן — האָט ער פאַרענדיקט מיט אָפענעם האַס.

נייכין האָט אָפּגעאָטעמט און זיין פּנים האָט אויסגע-דרוקט גרייטקייט אים אויסצוהערן ביזן סוף.

— נו, ווי קענט איר אַזאַ זאַך זאָגן? און ווען אַ קריסט קריגט זיך מיט אַ קריסט האָבן זיי זיך שטאַרק ליב?

— ניין, יידן זענען ערגער — האָט בראַזער איבערגע־חזרט — נאָר אינטערעסאַנט, באַלד גייט איר איבער אויף יידן.

— ווייל מיך אינטערעסירן יידן, די לאַגע פון יידן. איך זע, ביי אַלע פעלקער זענען דאָ מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער לאַגע פון זייער פאָלק, בין איך איינער פון די, וואָס אינטערעסירט זיך מיט זיין פאָלק. אָט האָט איר נאָך אַ זאַך: היינט איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין מעדאינסט־טוט. דאָרט אויף די ווענט זענען צעהאָנגען בילדער פון געלערנטע מעדיקער און אונטער די בילדער זענען דאָ זייערע אַרויסזאָגונגען, און איך בין נייגעריק אויף אַזעלכע זאַכן, האָב איך איבערגעלייענט אונטער פּראָפעסאָר פּאַוו־לאָווס בילד, אַ באַרימטער רוסישער מעדיקער. אַלצדינג — זאָגט ער — וואָס כ'האָב געטון פאַר דער וויסנשאַפט האָב איך געטון, כדי צו פאַרגרעסערן דעם רום פונעם רוסישן פאָלק. און פאַרגעסט ניט, ביי אונדז אין סאָוועט-רוסלאַנד

איז דאָך שאָוויניזם, נאַציאָנאַליזם אַ טרייפע זאַך, פונדעסט־וועגן שטייט עס אויפגעשריבן אין אינסטיטוט אויף דער וואַנט, — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל.

דערביי האָט נייכין אויפגעכאַפּט אַ בליק פון פרוי בראַ־זער, וועלכער האָט אים זייער באַפרידיקט. אירע אַרויסגע־וויזענע, נאָר ניט אַרויסגעזאָגטע שטיצע, האָט אים צוגע־געבן מוט און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— נו, און אַז איך רעד וועגן יידן, אַז כ׳האָב ליב יידן, איז עס דען אַ באַווייז, אַז כ׳האָב פיינט אַנדערע פעלקער?

— דאָס איז אַ ייד, וואָס האָט נאָר איין טעמע — האָט בראַזער זיך געווענדעט צו די געסט — לאָמיר עפּעס נעמען אין מויל אַריין. גיט אַהער אייער גלעזל, נייכין.

מ׳האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך און ביים לחיים האָט מען געוווּנטשן דעם פאַר־פאָלק מזל מיט ברכה.

און ווען מ׳האָט נאָכן אויסטרונקען גענומען פאַרבייסן, האָט איינער פון די קעגנאיבערזיצנדיקע געסט, אַן עלטערער מענטש פון סאָלידן אינטעליגענטן אויסזען, האַלטנדיק אַ שטיקל געבעקס אין האַנט געזאָגט:

— דאָס איז טאַקע אַן ערנסטע פראַגע און איך געפין ניט קיין שלעכטס אין דעם, וואָס דער חבר רעדט וועגן יידן. ס׳איז זייער וויכטיק צו געדענקען, צו וועלכן פאָלק מ׳גע־הערט, איבערהויפּט פאַר אַ יידן. מ׳קען דאָ באַנוצן דאָס לאַטיינישע שפּריכוואָרט: כ׳בין אַ מענטש און אַלעס מענטשלעכע איז מיר ניט פרעמד. מ׳קען ניט לייקענען, אַז קריסטלעכקייט האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויפן מענטשן, כאָטש אין אונדזער צייט איז עס כלומרשט אָפּגעשוואַכט, און אוודאי האָט אונדזער יידישער אָפּשטאַם זיך שטאַרק אָפּגעשטעמפּלט אויף אונדזער וועזן, אויף אונדזער גייסט. איר ווייסט דאָך, בראַזער, כ׳האָב מיך גענומען איבערזעצן דאָס יידישע ביכל אויף רוסיש... עפּעס וועגן דער געשיכטע פון יידן אין טערקיי. איך רעד שוואַך יידיש און אויך לייע־נען יידיש איז מיר ניט לייכט. איך באַנוץ מיך מיט ווערטער־

ביכער און ס׳איז ניט קיין לייכטע אַרבעט פאַר מיר, נאָר איך טו זי און געבראַכט האָט מיך דערצו מיין יידישער אָפּשטאַם, כ׳האָב זיך אין עפּעס דערמאָנט...

ער האָט צעשפּרייט זיינע הענט אין דער לופטן מיט אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג.

נייכינס פּנים האָט אויפגעשיינט קוקנדיק אויף דעם איבערזעצער.

—יישר כוח — האָט נייכין געזאָגט צו אים, און טראַכ־טנדיק, אַז יענער פאַרשטייט ניט דעם ווונטש, האָט ער צו-געגעבן: — איך ווינטש אייך כוח צו דער אַרבעט.

— איך דאַנק.

— פאַרבייסט, פאַרבייסט — האָט בראַזער זיך געווענ־דעט צו די געסט, לאָזט אַוועק זייטיקע זאַכן.

— אוי, בראַזער, דאָס איז ניט קיין זייטיקע פראַגע — האָט נייכין געזאָגט מיט באַדויערונג — אָט די פראַגע טאָר קיינמאָל ניט זיין קיין זייטיקע פאַר אונדז.

— און מיך אינטערעסירט זי ניט אינגאַנצן, פאַר מיר עקזיסטירט זי ניט — האָט בראַזער איבערגעחזרט מיט איינ-געשפּאַרטקייט.

— איר ווייסט פאַרוואָס? ווייל ס׳איז אייך איצט גוט. איר זענט איינגעשלעפט, ס׳זענען דאָ אַ סך אַזעלכע, וואָס לאָזן זיך איינשלעפן.

— וואָס רעדט איר, איר זעט מיך שלאָפן? — האָט בראַזער געלאַכט — איך האָב מיך גוט אויסגעשלאָפן ביי־נאַכט.

— און דאָך זענט איר פון די, וועלכע ס׳געלונגט איינ־צושלעפן. איר זענט ניט דער איינציקער. אין אַלע צייטן, נאָך צוריק מיט יאָרהונדערטער, זענען געווען יידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט איינשלעפן דורך די גליקן, פון וועלכע זיי האָבן אין דעם מאָמענט געגאָסן. זיי האָבן אַלעמאָל גע-גלויבט, אַז דאָ וועט שוין זיין גוט, און דאָ וועלן זיי האָבן

אַ מקום מנוחה, און וויפל מאָל זענען זייערע האָפענונגען אָפּגעענטפערט געוואָרן...

— עהע, איר גייט אַוועק ווייט.

— אַט דאָס ווייטע דאַרפן מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווייל צום באַדויערן, ווערט אַט דאָס ווייטע אין אַ שיינעם טאָג זייער נאָענט. אַט לעב איך גוט, עס גוט, שלאָף גוט, נאָר מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אָפטמאָל, נאָך אַזעלכע גלענ־צנדיקע גליקן, זענען געקומען צייטן פון גרויסע דויערנדיקע ליידן.

— נו, וואָס-זשע, מ׳קען זיך דען באַוואָרענען...

— נאָר מ׳דאַרף זיך ניט לאָזן איינשלעפן — האָט ניי־כין שטיל געזאָגט.

— נו, נעמט עפּעס אין מויל אַריין, פּריינט, — האָט בראַזער זיך געווענדעט צו די געסט — כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז דער ייד האָט נאָר איין טעמע.

— ס׳איז ניט אַזאַ לאַנגווייליקע טעמע, ווי ס׳קען זיך איינעם אויסדאַכטן — האָט געזאָגט דער איבערזעצער פונעם ביכל.

ס׳איז שוין קלאָר געווען, אַז אַממערסטן אינטערעס צו דעם געשפּרעך ווייזט אַרויס דער סאָלידער אינטעליגענט מיט זיין גראָען שיין פאַרקעמטן קאָפּ האָר. און נאָך האָט פון צייט צו צייט אונטערגעהאַלטן נייכינען אַ סימפּאַטישער בליק פון פרוי בראַזער.

פּילנדיק, אַז פון דער שטיצע פון דעם סאָלידן אינטע־ליגענט ווערט אָפּגעשוואַכט בראַזערס קעגנערשאַפט צו אים, האָט נייכין ווייטער געזאָגט:

— ס׳איז צו באַמערקן, ווען אין דער געשיכטע פון די יידן זענען פאָרגעקומען גרויסע אומגליקן און דאָס פאָלק האָט געליטן מענטשלעכע פאַרלוסטן, ניט רעכענענדיק די מאַטעריעלע, ווייל צונעמען דאָס פאַרמעגן האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָל ביי די אָנפאַלער און פּאָגראָמשטשיקעס. נאָך אַט די גרויסע צרות איז דאָס פאָלק ווידער איינגע־

שלעפט געוואָרן, געלעבט רויִק און ווייטער געשאַפן פאַר־מעגן און טאַקע אויך גייסטיקע ווערטן, געדענקט, געשריבן ספרים, געזוכט דעם ציל פונעם לעבן, דערביי האָט די מער־הייט פאַרגעסן דאָס דורכגעלעבטע, ביז ס'איז נאָכאַמאָל גע־קומען די צרה — רויב, פאַרפאָלגונגען, הריגות... דאַרף מען דאָך דאָס ניט פאַרגעסן, מ'דאַרף אַמאָל מאַכן אַן אויספיר דערפון.

— נעמט עפעס אין מויל אַריין — האָט בראַזער ווידער געזאָגט צום עולם — גיסט אָן די גלעזלעך, לאָזט זיך ניט איינשלעפן פון נייכינען.

— ניין, איך וואָלט געזאָגט, אַז דער חבר וועקט אונדז — האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט דער אינטעליגענט.

נייכין האָט אים אָפּגעדאַנקט מיט אַ וואַרעמען בליק.

דערביי האָט נייכין געזען ווי פון בראַזערס פנים פאַר־שווינדט צו ביסלעך זיין זיכערקייט און פאַרבייט זיך צו ביסלעך מיט קאַם באַמערקבאַרער פאַרלעגנהייט. ער האָט אויך באַמערקט עטלעכע גוטמוטיקע בליקן פון אַנדערע געסט, און האָט פאַרגעזעצט:

— און ווען מ'רעדט וועגן יידישער קולטור... איך רעד ניט וועגן דער גאַנצער יידישער געשיכטע, וועלכע איז פול מיט טראַגיזם, נאָר איך דערמאָן מיך, אַז אין פערצנטן יאָר־הונדערט, אין זעכצנטן, אין זיבעצנטן און אַכטצנטן יאָרהונ־דערט, ווען די שעפער פון דער יידישער קולטור זענען גע־ווען רבנים, למדנים, שרייבער און איבערשרייבער, שטייט וועגן אַ סך פון זיי פאַרשריבן הגאון הקדוש, דאָס הייסט, אַז ער איז ניט געשטאָרבן מיט זיין טויט, נאָר אומגעבראַכט געוואָרן, ווייל פאַרפאָלגונגען און הריגות דויערן פון אַלטע צייטן. און איצט זעען מיר, אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען ערשט אומגעבראַכט געוואָרן די טרעגער פון דער יידישער קולטור. און דעם גרעסטן אָנטייל אין דעם האָבן גענומען דאָס פאַרגעשריטענע, דאָס קולטורעלע דייטשע פאָלק, בשותפות מיט אַנדערע גאַנץ פיינע פעלקער. און ווי

ס׳האָט געזאָגט איינער אַ דאָקטאָר ביי אונדז: ווען מען האָט זיך געקענט חלומען, אַז פון דער מענטשהייט אויסגעטרוימטן סאָציאַליזם וועט ווערן אַ מאָל אַ נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם?

נייכין האָט באַמערקט ערנסטקייט אויף די פּנימער פון די געסט און צוגעגעבן:

— דאָס דאַרפן מיר געדענקען און זיך ניט לאָזן איינשלעפן מיט קיין שום גליקן.

דאָ האָט בראזער זיך אָנגערופן שמייכלענדיק:

— עסט, חברים, כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז ער קען אייך דאָ ביים טיש איינשלעפן.

— ניין, חבר בראזער, זאָרגט ניט, מיר האַלטן ניט ביי שלאָפן — האָט זיך אָנגערופן די פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן איבערזעצער, קענטיק זיין פרוי.

איר מאַן האָט גענומען אַ וואָרט:

— קיין קאָמוניסט בין איך ניט געווען, אָבער אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט. נאָר איך האָב מיר ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז איך דאַרף אַ טראַכט טון, ווער בין איך און פון וועמען בין איך אַרומגערינגלט. ערשט איצט אינדערמיט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָב איך מיך אַרומגעקוקט, און בין געוואָרן דערשטוינט. אייגנטלעך, איז טאַקע נויטיק זיך צוקוקן ווי אַזוי דאָס קומט פאָר. ס׳שטייט אויף עפּעס אַ טשינגיסכאַן צי אַ גיטלער און דערציילט זיין פאָלק: איר זענט דאָס גרעסטע פאָלק און אויב דאָס גרעסטע איז שוין פאַרשטענדלעך — דאָס בעסטע. גאָט האָט אייך אָנגעצייכנט איר זאָלט הערשן איבער דער וועלט, קומט, איך וועל אייך פירן איינעמען די וועלט, באַלד יאָווען זיך אַזעלכע וויסנשאַפטלער, וועלכע פאַרעדיקן אָט די גרויסע אידייען. די אידייען זענען אַזוי גרויס, אַז קענען זיי דאַרפן קעמפן אַלע פעלקער. ס׳איז נאָך צו באַמערקן אַ זאַך: אייניקע פעלקערליידן אויף מיסיאָמאַניע, זיי ווילן איינרעדן דער וועלט, אַז זיי זענען דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל, זיי האָבן אויסצופירן אַ וויכטיקע מיסיע אין דער וועלט. דעם פאָלק גע־

פעלט אַזעלכע מעשות און ס׳גייט. און אייגנטלעך זענען אָט די פירער פּראָסטאַקעס, וועלכע ס׳פעלט אַ טאָרמאָז אין די געהירן, וועלכער זאָל באַגרענעצן די מעגלעכקייטן, וועלכע עפענען זיך פאַר זיי... אָט האָבן זיי געהאַט מעגלעכקייטן צו מאַכן אַבאַזשורן פון מענטשלעכער הויט און האָבן זיך פאַר דעם אויך ניט אָפּגעשטעלט. און טויזנטער קליינע נישטיקע פּראָסטאַקעס ווייסן שוין אוודאי ניט ווי צו באַגרענעצן זייערע מעגלעכקייטן. און בכלל קען מען ניט זיין זיכער, אַז דער שטאַרקער וועט ניט מיסברויכן מיט זיין כוח קעגן שוואַכן. און דערפאַר איז אַזוי געפערלעך, אַז איין מלוכה זאָל הערשן איבער אַנדערע מלוכות. ס׳איז שווער פאָרויס־צוזאָגן, צו וואָס פאַרשידענע מאַכט־פאַרכאַפּער קענען דער־גיין. און ס׳איז אויך צו באַמערקן אין דער געשיכטע, ווען ס׳קומט איינער אַזעלכער אויף די מענטשנס קעפּ, דולדן זיי שוין אים ביז ער פּייגערט, ווייל דער קאַמף קעגן אים דויערט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגעגעבן:

— און דערביי מוז מען אנערקענען, יידן אַממערסטן יידן.

נייכינס אויגן האָבן מיט דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף דעם מענטשן, וואָס האָט אים אַזוי אומדערוואַרט אונטער־שטיצט.

צו בראַזערן האָט זיך ווידער אומגעקערט זיין שפּילעווו־דיקער איראָנישער טאָן און ער האָט שמייכלענדיק געזאָגט:

— איך זע, איר האָט זיך אָנגעשטעקט פון נייכינען.

— פאַרוואָס מיינט איר, אַז אָנגעשטעקט, איך האָב די לעצטע צייט אַליין פיל געטראַכט וועגן דעם... און נאָך אַ זאַך דאַרף מען געדענקען: צווישן מענטשן איז דאָ אייביקע ריוואַליטעט, איינער וויל שטענדיק איבערגיין אַ צווייטן. דאָס זעלבע איז נאַטירלעך דאָ אויך ביי פעלקער. דער מאָווור מעג שוין גיין... דאָס איז ניט קיין שפּאַס, דער מאָוור מעג זיין דער געניאַלסטער, דאַרף מען אים מער ניט האָבן. און

דערויף מעגן יידן, אויפן גרונד פון זייער היסטאָרישער דער־פאַרונג, זיך שטאַרק פאַרטראַכטן. ס׳איז נישטאָ קיין גרונד צו דענקען, אַז אָט די שטענדיקע ריוואַליטעט, די פסיכיק ביי מענטשן, זאָל זיך אַמאָל ענדערן, אפילו ווען די אידייען פון הומאַניזם זאָלן פייערן זייער גרעסטן נצחון. די געשיכ־טע פון דער מענטשהייט איז אָנגעזעטיקט מיט קאָנפליקטן, ס׳קומט איינער מיט אַ נייער לערע. אין די אַלטע צייטן האָט ער זי געפּרעדיקט פון אַ באַרג ווי למשל ישו הנוצרי, אין די שפּעטערדיקע צייטן ווערט זי שוין געגיבן אין אַ בוך. די נייע דאָקטרינעס און לערעס האָבן געבראַכט צו גרויסע קאָנפליקטן צווישן מענטשן, צווישן פעלקער און וואָס נענטער צו אונדזער צייט זענען די קאָנפליקטן אַלץ שאַרפער, אַלץ מער קאַטאַסטראָפאַל. נאַטירלעך, גייט טאַקע דערצו, אַז איי־ניקע דאָקטרינעס זאָלן טאַקע זיגן, נאָר צו וועלכע צרות ברענגען זיי די מענטשהייט! און קען מען דען לייקענען, אַז אַממערסטן האָבן ביז איצט באַצאָלט און צאָלן דערפאַר ביז היינטיקן טאָג מיר, יידן? דערפאַר בין איך ביי דער מיינונג, אַז מיר האָבן וועגן וואָס צו טראַכטן, אַז מיר מוזן מאַכן דער־פון עפּעס אַן אויספיר.

אין דער צייט האָט פרוי בראַזער, מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויף איר חנעוודיק פּנים, דערלאַנגט אויפן טיש אַ טאַץ מיט געבעקס, געשניטן אין ריכטיקע פּערטלען. דאָס געבעקס האָט געשיינט פון דער טאַץ און זי האָט געזאָגט מיט באַשיידנקייט:

— פאַרזוכט אַ קוטוזאָוו.

— וואָס גאָר קוטוזאָוו? ס׳איז דאָך נאַפּאָלעאָן — האָט געזאָגט איינע פון די פרויען, נעמענדיק אַ שטיקל פון דער טאַץ.

— איך מוז אייך דערציילן ווי די זאַך איז — האָט מיט לייכטן שמייכל געזאָגט פרוי בראַזער. — ניט לאַנג בין איך געווען צו גאַסט ביי אַ געלערנטער פרוי, זי איז אַ לערערין פון געשיכטע. ווען זי האָט דערלאַנגט אַזאַ טאָרט און אים אָנ־גערופן קוטוזאָוו האָט מען אויסגעדרוקט פאַרוווּנדערונג, האָט

זי דערקלערט, אַז דער קוק אויף נאַפּאָלעאָנען האָט זיך געענ־דערט... אין די פריערדיקע יאָרן האָט מען אין נאַפּאָלעאָנען געזען דעם גרויסן העלד. איצט, זאָגט זי, האָט מען זיך אָפּ־געגעבן חשבון, אַז ער איז געווען אַ געמיינער אַגרעסאָר, אַ באַנדיט פון גרויסן מאַסשטאַב. און אונדזער סימפּאַטיע איז איבערגעגאַנגען אויף קוטוזאָוון, וועלכער האָט מיט כבוד און דערפאָלג געראַטעוועט זיין לאַנד פון פאַרקנעכטונג און האָט פאַרדינט אונדזער אייביקע ליבע און אנערקענונג.

— דאָ קען מען באַמערקן נאָך אַ זאַך — האָט געזאָגט דער אינטעליגענט — דאָס רוסישע פאָלק האָט ניט געוואָלט ווערן טאַטעריש ביי די טאַטערן, ניט געוואָלט ווערן פראַנ־צויזיש ביי די פראַנצויזן און ניט ווערן דייטשיש ביי די דייטשן, און די וועלט קוקט אויף דעם מיט דער גרעסטער אַכטונג. ס'איז מערקווירדיק זיי האָבן געוואָלט בלייבן רוסן...

— און אַז יידן ווילן בלייבן יידן לאַכן זיי אויס ניט נאָר שונאים, נאָר אפילו אייגיקע יידן אויכעט — האָט מיט אָפּע־נעם אָנדייט געזאָגט בייכין.

אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ קליינווזקסיקער מאגערער יונגערמאַן, וועלכער האָט די גאַנצע צייט מיט קיין וואָרט זיך ניט אַריינגעמישט אין געשפּרעך, און פּלוצים האָט ער זיך אַ ריר געטון, אויפגעהויבן אַ האַנט און געזאָגט:

— דערלויבט מיר. אייגנטלעך פאַרוואָס זענען מיר יידן? ווייל מ'פאַרפאָלגט אונדז, ווען מ'פאַרפאָלגט אונדז ניט וואָלטן מיר שוין לאַנג קיין יידן ניט געווען. דערפאַר דאַרפן מיר זיך אַסימילירן, דעמלט וועט מען אונדז אויפהערן צו פאַרפאָלגן.

די אַנוועזנדע האָבן זיך אומגעקוקט אויף אים, און איין פרוי האָט שוין איבערגעגעבן דער אַנדערער: — איר ווייסט וועער ער איז? ער איז אַ גרויסער אינזשעניער, מ'שיקט אים קיין אויסלאַנד בויען זאַוואָדן. ער שטעלט אַוועק די גרעסטע זאַוואָדן.

דער אינטעליגענט האָט דערווייל געזאָגט רויק און זיכער:

— די מיינונג איז מיר אויך באַקאַנט, און גראַדע די לעצטע יאָרן האָבן באַוויזן ווי פאַלש זי איז. ס'איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַן אַלטער דייטשער בוך. דער מחבר ווייזט ניט אַרויס קיין אַנטיסעמיטיזם, נאָר אויף איין אָרט זאָגט ער: ווי קלוג ס'האָט געטון די שיינע יידישע פריילין, וועלכע איז איבערגעגאַנגען צום קריסטלעכן גלויבן און געוואָרן באַראָנעסע פאָן-וואַרנהאגען. לויטן בוך איז עס, ווייזט אויס, געשען ערגעץ אין אַכצנטן יאָרהונדערט, און דאָס איז געווען די טובה, וואָס אָט די באַראָנעסע האָט געטון אירע אייניקלעך אָדער אור־אייניקלעך, ווען מ'האָט אָט די עלטער־באָבע אַרויסגעשלעפּט, אין מיט פון צוואַנציקסטן יאָרהונ־דירט, פונעם אַרכיוו, און אירע אור־אייניקלעך, וועלכע זענען שוין געווען אינגאַנצן אַסימילירט — עכטע דייטשן, האָט מען אָפּגעשיקט אין לאַגער.

נאָך אַ פּאַוזע האָט ער ווייטער געזאָגט:

— אַז מ'רעדט וועגן דעם, קומען אויפן געדאַנק היס־טאָרישע פאַרגלייכן. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך אויסמעקן פונעם פעלקער־צעטל? ווען צוריק מיט אַ קאַרגע פאַר טויזנט יאָר זענען די מכבייער באַזיגט געוואָרן פון דער גרויסער צאָל רוימער, האָבן זיי זיך ניט אונטערגעגעבן, זענען נאָר אָפּגע־טרעטן...

בראַזער האָט אים איבערגעריסן:

— נו, דאָ גייט איר שוין איבער אויף פשוטן ציוניזם, און וועגן דעם רעדן אין אונדזערע צייטן... — אומפאַרשטענדלעך געווען צי ער שפּאַסט צי ער פאַרווערט יענעם צו רעדן.

— אַנטשולדיקט, קיין שום ציוניזם, אויף מיין לעבן בין איך קיין ציוניסט ניט געווען. אָבער היסטאָרישע פאַקטן זע־נען מיר ניט מחויב צו פאַרשווייגן. הייסט עס, די מכבייער זענען אָפּגעטרעטן, אונטערגעגעבן זיך — ניט. שפּעטערדיקע היסטאָרישע פאַקטן: קאָטוזאָוו איז אָפּגעטרעטן פאַר נאַפּאָ־לעאָנען, נאָר זיך ניט אונטערגעגעבן, דער פאָלקאָווניק דע־גאָל האָט אָפּגעטרעטן פאַר היטלערן, נאָר זיך ניט אונטערגעגעבן,

די סאָוויעטישע אַרמיי האָט אָפּגעטרעטן ביז מאָסקווע, נאָר זיך ניט אונטערגעגעבן. און קוקט זיך צו, אַט די אַלע דער־מאנטע אָנפירער האָבן שפּעטער זיך אומגעקערט קעגן שונא און אים באַזיגט, פאַרוואָס זאָלן מיר די איצטיקע לאַגע ניט באַטראַכטן אַזוי ווי זי איז: דאָס יידישע פאָלק לעבט און קערט זיך אום אויף זיין ערד.

— אָבער דאָס ווייסט איר — האָט שוין מיט גיפט אַ זאָג געטון בראזער — אַז דאָס לאַנד, דאָס געהויבענע ארץ־ישראל, לעבט פון קצבה, אַ לאַנד, וואָס לעבט פון קצבה — האָט מיט בייזקייט איבערגעחזרט בראזער.

— און איך רעכן — האָט שטיל און מיט גלייכגילט גע־ענטפערט נייכין, — אַז דאָס איז אפשר דער אמתער קאָמוניזם, אויב נעמען אין אַכט, אַז דער אָנהויב דערפון איז דאָס לאַ־טיינישע וואָרט קאָמון. ס'איז דאָך עפּעס אַ זאַך, וואָס איז שווער אַרומכאַפּן מיטן געדאַנק: יידן פון ארבע פינות עולם, פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אָפּגערופן, ס'איז געוואָרן זייער אַלעמענס זאַך. זעט איר, אַט אין דעם יידישן קאָמו־ניזם גלויב איך יאָ.

— נו, נעמט אַ קוטוזאָוו — האָט מיט אַ ליבליכן שמייכל געזאָגט פרוי בראזער — לאָזט שוין אָוועק די דיסקוסיעס.

נייכינען איז שוין עטלעכע מאָל אויסגעקומען זיך צו־זאַמענשטויסן מיט בראזערן אין אַזעלכע פראַגן און ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּהאַלטן אַריינטרעטן מיט אים אין דיסקוסיעס, ווייל זיין אַמביציעזע איינגעשפּאַרטקייט האָט אים געעקלט, נאָר דער אָוונט האָט אים קעגן זיין ווילן נאָכאַמאָל צונויפגעפירט מיט אים, ער האָט אָבער געהאַט די באַפרידי־קונג, וואָס אייניקע פון די געסט האָבן מיט אינטערעס צוגע־הערט דעם געשפּרעך און איבערהויפּט האָט ער מיט וואַרעמ־קייט געקוקט אויף דעם גראָען אינטעליגענט.

די געסט האָבן זיך שוין אויפגעהויבן און, שטייענדיק אויף די פיס, האָט נייכין געזאָגט:

— איך וועל אייך עפּעס דערציילן... אַז מ'וויל האָט עס

ניט קיין שייכות צו דעם, וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט און אַז מ'וויל האָט עס זייער אַ נאָענטן שייכות. צו מיר קומט אַריין אַן עלטערע פרוי, זי שטאַמט פון אַ רייכער משפחה, אַ גע־בילדעטע און האָט אין זיך קולטור פון די צייטן פון איר יוגנט. אין מלחמה-צייט האָט זי פאַרלוירן איר היים און איז איצט אויף גרויסע צרות, האָט ניט וווּ צו וווינען און אַז זי וווינט איז נאָר ביי די „ניזן״ ווי זי רופט זיי אָן. איך זאָג איר, אַז היינט זענען נישטאָ קיין ניזן, נאָר ווען זי דערציילט מיר וועגן דער אויפירונג פון די מענטשן ביי וועלכע זי וווינט, מוז איך אָנערקענען, אַז צום באַדויערן זענען נאָך היינט אויך דאָ ניזן, און זי ליידט פון זיי. נאָר זי קומט אַריין צו אייניקע מענטשן, וועלכע באַציען זיך צו איר מיט מיטגעפיל. אַ טבע האָט זי — זי דערציילט מעשיות. דערציילט זי: אין אַ הויז האָט זי באַגעגנט אַ יונגע פרוי, וועלכע אַרבעט אויפן ווייטן צפון. אַהער איז זי געקומען ווייל זי וויל מאַכן אַ יאָרצייט פאַר אירע פאַרשטאָרבענע עלטערן, האָט דערציילט, אַז איר מאַמע האָט איר געמאַכט אַן אוקראַינישן פּאַספּאָרט און האָט איר געזאָגט: דאָ ביסטו אַן אוקראַינקע, דאָס איז צוליב דעם ס'זאָל דיר זיין גרינגער אין לעבן, נאָר געדענק, דו ביסט פון יידן און ביסט אַ יידישקע. און דאָרט וווּ זי אַרבעט אויפן צפון ווייסט מען טאַקע ניט, אַז זי איז אַ יידישקע. ווייטער דער־ציילט מיר אָט די באַקאַנטע מיינע, אַז זי קומט אַריין צו איינער אַ יונגער פרוי ראָזע. יענע האָט אַ משפחה, אַ שיינע שטוב און נעמט זי גוט אויף, איז זי מכבד מיט מיטיק... קומט זי צו איר נאָך ראש השנה, באַגריסט זי מיטן נייעם יאָר.

— ש-ש־א, רעדט שטילער אַביסל — זאָגט צו איר ראָזע

— מיינע קינדער זאָלן ניט הערן, זיי זענען אזוי דערצויגן, אַז זיי ווייסן גאָרנישט וועגן יידן, וועגן יידישע ימים טובים און איך וויל ניט זיי זאָלן דערפון וויסן. רעדט ניט קיין יידיש, ווען זיי זענען אין שטוב. זיי זענען אַזוי דערצויגן, זיי קענען דאָס ניט ליידן. זיי רעדן נאָר רוסיש. און איר פאַר־שטייט, גיט צו מיין באַקאַנטע, זי איז שטאָלץ דערמיט, זי

רעכנט עס פֿאַר אַ גרויסע דערגרייכונג — די דערציונג פֿון אירע קינדער. און... נאָך אַ קורץ מעשהלע — האָט נייכין צוגעגעבן — מיר איילן זיך ניט אינערגעץ... דאָס איז מיר אַליין אויסגעקומען צוצוזען. ביי דער איבערשרייבונג פֿון דער באַפֿעלקערונגג קומט אַריין דער איבערשרייבער, אַ קריסט. דאָרט איז אַ משפּחה און ביי זיי אויף קוואַרטיר וווינט אַ פרוי אַן אַרבעטערין, וועלכע רעדט גוט רוסיש. אויף דער פֿראַגע: וואָס ראָדנוי יאזיק (אייער מוטער־שפּראַך), ענטפֿערט זי: יעווריסקי, פֿאַרשרייבט ער. די באַלעבאָסטע פֿון הויז רעדט רוסיש ווי אַ טערק, אויף דער זעלבער פֿראַגע וועגן מוטער-שפּראַך, ענטפֿערט זי: רוסקי. דער איבערשריי־בער קוקט אָן די קוואַרטיראַנטקע און די באַלעבאָסטע, זאָגט ער צו דער ערשטער: דו רעדסט אַזוי גוט רוסיש, וואָלסטו געדאַרפֿט פֿאַרשרייבן דיין מוטער־שפּראַך רוסיש, ענטפֿערט יענע: ניין, איך בין אַ יידישקע און מיין שפּראַך איז יידיש, און צו דער באַלעבאָסטע זאָגט ער: און איר וואָלט געדאַרפֿט פֿאַרשרייבן אייער מוטער־שפּראַך יידיש... ער האָט איר ניט געזאָגט, אַז זי רעדט ווי אַ טערק, נאָר די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט צו די איבריקע אין שטוב: יאָ, ט׳וועל איך גיין פֿאַר־שרייבן יידיש!

— איר פֿאַרשטייט, מיינע פריינט — האָט נייכין געזאָגט צו די אַרומשטייענדיקע — ס׳איז אַ פּלאָנטער, ס׳איז אַ נעץ, אין וועלכער מיר פֿאַרפּלאָנטערן זיך אַליין...

ביים געזעגענען האָט נייכין אויסגעדרוקט צופֿרידנקייט דעם גראָען אינטעליגענט, וואָס זיי האָבן זיך באַקענט, און זיי האָבן זיך לאַנג געדרוקט די הענט.

28

נייכינען האָט די גאַנצע צייט באַאומרויִקט דער געדאַנק, אַז די אייניקלעך זענען ווייט פֿון זיינע אנשויונגען און אינ־גאַנצן ווייט פֿון יידישער קולטור. כאָטש זיינע קינדער זענען אויך געווען דערווייטערט פֿון יידישער קולטור, האָט ער זיך מער געערגערט וועגן די אייניקלעך. דערפֿאַר האָט ער אויס־

גענוצט יעדע געלעגנהייט איינצופלאַנצן אין זייערע מוחות כאָטש עפּעס פון יידישער געשיכטע, פון יידישער פאַרגאַנ־גענהייט.

ווען ער האָט איינמאָל באַגעגנט דעם קאָמסאָרגטשיק אויף דער גאַס גייען מיט אַ חברטע האָט ער זיך דערמאַנט, אַז ער האָט אין קעשענע אַ בילעט אין פילהאַרמאָניע צו אַ באַ־ווּסטער יידישער זינגערין, ער האָט זי אָפּגעשטעלט און גע־זאָגט:

— כ׳האָב אַ בילעט אין פילהאַרמאָניע אויף אַ יידישן קאָנצערט, נא דיר דעם בילעט, נאָר, זע, פאַרליר ניט. אָבער דו וועסט פאַרשטיין?

— יאָ, יאָ, איך וועל פאַרשטיין — האָט זי געענטפערט אויף רוסיש.

דער געשפּרעך איז בכלל געפירט געוואָרן אויף רוסיש.

ווען ס׳איז געקומען פסח האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער וויל פאַרלייענען פאַר זיי די הגדה. די אייגענע האָבן זיך גע־וווּנדערט, ווייל אַלע זענען שוין לאַנג געווען ווייט פון פראַ־ווען אַ סדר. דאָך איז ער באַשטאַנען אויף זיינעם, און ביים פאָטער פון דער דאָקטאָרין הורוויץ האָט ער אָפּגעזוכט אַן אַלטע, אין פּראָג געדרוקטע הגדה, און געהייסן צוגרייטן אַ סדר. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע פאַראָדיע אויף אַ סדר, ווייל אויפן טיש איז געשטאַנען אַ טעלער מיט מצות און טאָ־קע ניט ווייט איז געשטאַנען אַ טעלער מיט אָנגעשניטן ברויט. דעם שרעקלעכן ווידערשפּרוך צווישן מצות און ברויט האָט געפילט נאָר בייכין, די איבריקע האָבן דערביי גאָרניט גע־פילט. לויט זיין ווּנטש האָט מען איינגעלאַדן אַ שכן מיטן ווייב און זייער מיידל פון אַ יאָר פופצן. דאָס מיידל, כאָטש גאָר אַ יונגע, האָט שוין געטראָגן אַ ברייט־צעשויבערטע פריזור פון אירע ליכטיק־בלאָנדע געפאַרבטע האָר.

ווען מ׳האָט זיך אַרומגעזעצט ביים טיש האָט בייכין גע־זאָגט צו די קינדער:

— איך וועל אייך פאַרלייענען, נאָר איר וועט ניט פאַר־

שטיין, וועל איך אייך אַלצדינג איבערזעצן אויף רוסיש.

באַלד האָט ער אָנגעהויבן זאָגן די ערשטע ווערטער: הא לחמא עניא און שוין איבערגעגאַנגען אויף רוסיש:

— אָט דאָס איז דאָס אָרעמע ברויט, וואָס אונדזערע אור־עלטערן האָבן געגעסן אין לאַנד מצרים.

דערביי האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף דער מצה.

— ווער ס׳איז הונגעריק זאָל קומען און עסן. ווער ס׳נויטיקט זיך זאָל קומען און עפענען אונדזער טיר. ער האָט ווייטער געלייענט און זיך אָפּגעשטעלט ביי עבדים היינו:

— קנעכט זענען מיר געווען ביי פּרעהן אין מצרים און גאָט האָט אונדז פון דאָרט אויסגעלייזט מיט זיין שטאַרקער האַנט. און ווען ער לייזט אונדז ניט אויס, וואָלטן מיר און אונדזערע קינדער און קינדס - קינדער געבליבן קנעכט ביי פּרעה אין מצרים.

יעדעס מאָל האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן און דערקלערן זאַכן, וועגן וועלכע די קינדער האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט.

— און ניט נאָר זיי האָבן אונדז געוואָלט פאַרניכטן, נאָר אין יעדן דור שטייען אויף אַזעלכע אונדז צו פאַרניכטן און גאָט ראַטעוועט אונדז פון זייערע הענט.

און דאָ האָט ער זיך שוין געמוזט אָפּשטעלן אויף לאַנג און דערקלערן, אַז ניט שטענדיק ווערן מיר געראַטעוועט. ער האָט ניט גערעכנט פאַר נויטיק צו שאַפן ביי די קינדער אי־לוזיעס וועגן געטליכער ראַטונג, לאָזן זיי וויסן דעם אמת. די זאַך איז ניט אַזוי ווי מ׳שרייבט דאָ — האָט ער צוגעגעבן — אָפטמאָל זענען די יידן ניט געראַטעוועט געוואָרן, קיינער האָט זיי ניט געהאָלפן.

די קינדער האָבן מיט ערנסטקייט צוגעהערט זיין דערציילונג, נאָר די אָנוועזנדע דערוואַקסענע האָבן אַרויסגעזאָגט אַ ווונטש ער זאָל עס מאַכן קורצער, ווייל אויף דער גאַנצער הגדה וועט ניט קלעקן קיין געדולד. נייכין איז באַלד איינגע־גאַנגען דערויף, ווייל זיין צוועק איז געווען גיבן די קינדער

אַ מינימאַלע פאָרשטעלונג וועגן יציאת מצרים. דעם וויטער־דיקן געשפּרעך האָט ער שוין דערפירט נאָר מיט די אייניק־לעך איינער פון זיי האָט געפרעגט, ווי אַזוי קומען די יידן קיין מצרים, דער אַנדערער האָט געפרעגט ווי אַזוי זיי האָבן זיך פון דאָרט באַפרייט. נייכין האָט זיי דערקלערט וועגן פאַרשידענע קאַמפן וואָס די יידן האָבן געפירט קעגן אונטער־דריקונג און קנעכטשאַפט.

— אָט איז געווען שוין אין מיין צייט אַ פּעטליורע, וואָס האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן. איר האָט געהערט פון אַ פּעטליורע?

— ניין, ניט געהערט.

— אָ, איך זאָג דאָך אייך, אַז איר ווייסט גאָרניט. געווען אַ פּעטליורע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן. שפּעטער האָט אים אַ ייד שוואַרצבאַרד דערהרגעט אין פּאַריז. ביי אַזאַ פּאָגראָם איז געהרגעט געוואָרן מיינער אַ חבר עליק קאגאן. די באַנדיטן האָבן זיך געשפּילט מיט אים פאַר די אויגן פון זיין מאַמען. די באַנדיטן האָבן געהאַט ביקסן און אים אַלע מאָל אַוועקגעשטעלט און געצילט אין אים ביז זיי האָבן אים דערשאָסן. אין אונדזער געשיכטע איז פאַרשריבן אַזויפיל אכזריות, אַזוי פיל שלעכטס, ס'איז געוואָרן כמעט אַ געוווינהייט, אַז אונדז מעג מען אַלעס טון, קיינער וועט דער־פאַר ניט ענטפערן... נאָר וואָס האָט ער געקענט טון, אַז די באַנדיטן זענען געווען שטאַרקער, וואָס האָט ער געדאַרפט טון, לויט דיין מיינונג? — ער האָט מיטן פינגער געוויזן אויפן עלטערן ייִנגל.

— ער האָט געדאַרפט אַרויסכאַפּן אַ ביקס ביי איינעם פון זיי און שיסן — האָט געענטפערט דאָס ייִנגל.

— אַזוי האָט ער געדאַרפט טון, נאָר ער האָט עס ניט געטון און זיי האָבן אים דערהרגעט. ער איז געווען אַ סטו־דענט און אַלט געווען צוואַנציק יאָר — האָט נייכין פאַרענ־דיקט.

29

ווי ס׳טרעפט זיך ביי קינדער זענען ביי נייכינס אייניק-לעך געווען נאָענטע חברים, וועלכע זענען געווען גאַנץ היי-מיש ביי זיי אין הויז. אַזוי האָבן פיגורירט אַ וואסיע, אַן אַב-ראַשע, אַן וועלכע ס׳איז ניט פאָרגעקומען קיין איין שפיל. בעת אַן אָרגאַניזירטער מלחמה האָט זיך צוזאַמען מיט די אייניקלעך געיאָגט איבערן הויף מיט אַ הילצערנער שווערד וואסיע, נאָך אים אַבראַשע — מיט אַ הילצערנער שפיז, אַלע מיט געווער פון אייגענער אויסאַרבעטונג.

נאָר זייערע קינדער־יאָרן האָבן זיך אַלץ ווייטער אָפּגע-רוקט אין דער פאַרגאַנגענהייט, און ביי די יינגלעך האָבן זיך אַלץ מער אַרויסגעוויזן נייע ערנסטע פאַראינטערעסירונגען. ווען אַבראַשע איז אַ פּאָר מאָל אַריינגעקומען און געזען ווי נייכין צווינגט די אייניקלעך לערנען יידיש און זיי מוזן נעבעך זיצן און זיך באַמיען איבערלייענען עטלעכע שורות, האָט אָט דער אַבראַשע אַרויסגעזאָגט מיט גענוג ביטול זיין מיינונג און זיי אָפּן אויסגעלאַכט, וואָס זיי לערנען יידיש, אוודאי איז עס פאָרגעקומען ניט אין נייכינס אָנוועזנהייט. דערוווסט האָט ער זיך וועגן דעם, ווען ער האָט זיי גע-הייסן זיך זעצן לייענען.

— מיר ווילן ניט — האָט געזאָגט דער קלענערער — אַבראַשע לאַכט פון אונדז.

— יאָ — האָט אונטערגעהאָלפן דער עלטערער — ער לאַכט, ער זאָגט צו וואָס דאַרפן מיר עס האָבן.

— נו, וואָס־זשע, אַז ער לאַכט — האָט נייכין געזאָגט, פילנדיק אין האַרצן אַ קלעמונג — אַ וואַזשנער חכם, אַבראַ-שע.. ער לאַכט... זאָל ער לאַכן.

און ער האָט אַ שלעפּ געטון דאָס בחורל צום טיש צום אויפגעעפנטן ביכל.

אָט דער אַבראַשע האָט געוווינט אין שכייניש הויף, און נייכין האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך דערוויסן נאָך איינצלהייטן וועגן אים.

זיין פאָטער אַן אַרבעטער, די מוטער, אַ הויז־באַלעבאָס־טע, פּשוטע מענטשן מיט טראַדיציעס, געבראַכטע פון זייער אַמאָליקער יידישער היים, האָבן זיי צום יינגלס דרייצן יאָר געפּרוווט איינאָרדנען אים אַ בר־מצוה־פייערונג. אַבראַשע האָט ניט געוואָלט הערן דערפון.

— וואָס ? איך וועל גיין אין שול אַריין, טאָמער וועט מען זיך דערוויסן און מיך אויסלאַכן ? אָדער גאָר אויסשליסן פון דער שול ? איך וויל ניט.

אַליין אַן אויסגעוואַקסענער, מיט געגוג ברייטע פּלייצעס פאַר זיין עלטער, איז נאָר געווען צו באַוואונדערן דאָס פּחד־נות, וואָס דאָס היבשע בחורל האָט אַרויסגעוויזן, טאָמער וועט מען אים אויסלאַכן, טאָמער וועט מען אויף אים „זאָגן".
ווייטער האָבן די אייניקלעך דערציילט, אַז אַבראַשע וויל שוין ניט הייסן אַבראַשע.

— ווי אַזוי דען ?

— אַרקאַדי וויל ער הייסן.

— וועט ער שוין הייסן ארקאשע ? איז עס שענער ווי אַבראַשע ? — האָט נייכין געפרעגט.

— ווייל אַבראַשע נעמט זיך פון אַבראַם, וויל ער ניט, ווייל ס'געפונען זיך אַזעלכע, וואָס לאַכן פון אַזאַ נאָמען. איך בין געווען ביי זיי אין שטוב — האָט פאַרגעזעצט דאָס יינגל — האָב איך געזען ווי ס'קומט אַריין זיין זיידע און רופט אים : אַבראַשע, רירט ער זיך ניט פון אָרט און רופט זיך ניט אָפּ, אַזוי עטלעכע מאָל ביז זיין מאַמע זאָגט צום זיידן : זאָג אים שוין אַרקאַדי וועט ער זיך אָפּרופן. ווען זיין זיידע האָט געזאָגט אַרקאַדי האָט ער זיך אָפּגערופן.

— אָבער דו הייסט יוסף און דו ברוך, טראָגט יידישע נעמען און בלייבט יידן. ס'איז אַ נאַרישקייט און אַ דערנידרי־קונג זיך שעמען מיטן אייגענעם נאָמען. לערנט זיך אויס שטענדיק צו באַשטעטיקן, אַז איר זענט יידן.

30

ווי געזאָגט זענען די יינגלעך געוואַקסן און זייערע

לעבנס-אינטערעסן האָבן זיך געבריייטערט. דאָס עלטערע יינגל, ברוך, אַ שיין בחורל, וועלכער האָט מיט זיין לערנען און אויסזען זיך אויסגעטיילט פון אַנדערע שילער אין זיין אַכטן קלאַס, האָט אָנגעהויבן אָפטער צו רעדן מיט זיינער אַ מיטשילערין, מיטן קריסטלעכן מיידעלע ליאַליע. דאָס איז געווען אַ פּערצן־יעריק מיידל אין דעם עלטער, ווען זי הויבט אָן אָפטער צו קוקן אין שפּיגל, רוקט אַראָפּ אויפן שטערן אַ שייטעלע און ריכטעט עס אַהין און אַהער ביז זי אָנערקענט, אַז ס׳איז געגוג חנעוודיק, ביז זי אַנטדעקט אין זיך דעם מיידלשן צויבער, מיט וועלכן די נאַטור פאַרזאָרגט כמעט יעדער מיידל. דאָס שייטעלע איז געווען ביי איר אַביסל לענגער ווי מ׳דאַרף און איר צוגעגעבן אַ חוצפּהדיקן אויסזען. נאָר דאָס האָט ניט געשטערט דערצו, אַז אין שול־הויף בעת די איבערייסן צווישן די לעקציעס, זאָל דאָס יינגל מיט דעם מיידל שטענדיק געפינען וועגן וואָס צו רעדן, און יעדע קלייניקייט איז געווען אַ סיבה דורכצורעדן זיך. צווישן די שילער איז שוין גערעדט און געשפּאַסט געוואָרן איבער זייער ליבע. נאָכן קלינג פונעם שול-גלאָק, לויפנדיק אין קלאַס, האָבן זיי זיך שטענדיק געגריסט און געזעגנט מיט אַ מאַך מיט די הענט. ביים בחורל איז עס געווען אַן אָנהויב פון אַן ערשטער ליבע און ער האָט זיך פולשטענדיק איינגעשפּאַנט אין דעם צויבערנדיקן יאָך. און ליאַליע איז געקומען צו אים אַהיים וועגן אַ לערן-ביכל, פרעגן וועגן אַהיים־פאַרגיבענע לעקציעס, אַמאָל מיט אַ פשוט אויסגע־טראַכטער סיבה. אַוועקגייענדיק האָט זי שוין ביי דער טיר, זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנימל און געפרעגט:

— דו גייסט מיך ניט אונטערפירן?

— יאָ, ער גייט. אַזוי ווי ביי אים איז געווען זיין חבר אַבראַשע מיט זיין איבערגעאַנדערשטן נאָמען אַרקאַשע, איז ער אויך מיטגעגאַנגען. ליאַליע, גייענדיק צווישן די צוויי יינגלעך, האָט גערעדט צו דעם און צו יענעם, און איר לע־בעדיק חוצפּהדיק פּנימל האָט געשיינט און געשמייכלט.

געוווינט האָט ליאַליע מיט אַ פּאָר גאַסן נידעריקער פון זיי. שוין ניט ווייט פון איר וווינונג זענען זיי אַנטקעגנגעקומען פּאָר ייִנגלעך פון איר גאַס. זיי זענען באַלד צו צו זיי און איינער האָט אומגעריכט דערלאַנגט ברוכן אַ פּאַטש. אין שול איז געווען אין גאַנג אונטערשטעלן דעם קעגנער אַ פיסל און אים דערלאַנגען מיטן קולאַק אין ברוסט־קאַסטן, האָט ברוך באַלד אויסגענוצט אָט די מעגלעכקייט און אומגעוואָרפן דעם אָנפאַלער. אַביסל ווייטער האָט זיך פאַרבונדן אַ געשלעג צווישן אַרקאַשען מיט די אַנדערע צוויי אָנפאַלער. זייער ווידערשטאַנד האָט געווירקט און די אָנפאַלער זענען אָפּגעשטאַנען. ליאַליע איז ניט ווייט אָוועקגעגאַנגען, זיי האָבן זי דעריאָגט און דערפירט אַהיים, אַרומריידנדיק דעם אָנפאַל. ס׳איז געווען קלאָר, אַז ליאַליע איז די סיבה דערפון און זי האָט זיך ניט געערגערט.

ווען די ייִנגלעך זענען אַהיימגעקומען האָט מען אויף זייערע פּנימער דערקענט, אַז זיי האָבן זיך געשלאָגן, ווייל ביי איינעם די בלויקייט אונטערן אויג און ביים אַנדערן די נאָז, האָבן עדות געזאָגט דערויף. די מוטער האָט באַלד אָנגעהויבן אויספרעגן, וואָס איז געשען, און ווען נייכין איז אַהיין געקומען האָט זי אים שוין דערציילט, פאַרוואָס ביים אייניקל איז בלוי אונטערן אויג.

— ס׳איז דאָ אַ ליאַליע אין שול, יענע ליאַליעטשקע... אין שול רופט מען זי מאַלטשישניצע. אַלע מאָל קומט זי אַהער און ברוכן איז זי אַריין מיט ביידע פיס אין האַרצן. הכלל נעכטן איז ער זי געגאַנגען באַגלייטן און ס׳האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס קענען דאָס ניט איבערטראָגן, און ווי איר זעט, האָט ער שוין אַן אונטערגעקלאַפּט אויג.

נייכין האָט אים באַטראַכט און דערפילט אַ קלעם ביים האַרצן.

— אַזוי פשוט געשלאָגן? מיט וואָס פאַרא מאָטיוו? — האָט ער געפרעגט.

— דער מאָטיוו איז אייפּערזוכט — האָט דאָס יינגל גע־ענטפערט מיט אַ שמייכל.

— נו, און מיט וואָס האָסטו געענטפערט ?

— זיי זענען געווען עטלעכע און מיר זענען געווען צוויי, איך און אַבראַשע. נאָר איך האָב איינעם געגעבן אַ קער איבער און דעם אַנדערן אויך דערלאַנגט, ביז זיי זענען אָפּגעשטאַנען.

טראַכטנדיק מיט אַנגסט וועגן דער צוקונפט פון די יינגלעך איז בייכין אַוועק אין זיין אייגענער פאַרגאַנגענער יוגנט...

... אַ פיינער זומערדיקער אָוונט. ער גייט מיט זיין חבר נחמן איבער דער גאַס. נחמן נעמט אַרום מיט דער האַנט זיין פּלייצע. ער דערציילט אים ווי ליב ער האָט דוניען, אַ בלאָנדע קריסטלעכע מויד מיט אַ מילך־ווייס פּנים. נחמן רעדט וועגן איר שטיל און צאַרט, זי האָט אים ווי פאַר־כישופט. ער האָט זי שטאַרק ליב. ס׳איז פאַר אים אַ גליק זיך צורירן צו איר האַנט, צו איר קאָפּטעלע. נאָר זי האָט אַ ברודער, ער וויל ניט זי זאָל גיין מיט נחמנען און דראָט איר, און האָט שוין געדראָט נחמנען. נאָר דוניע זאָגט, אַז זי וועט אים ניט הערן. זי האָט אַ פּלאַן צו סמען דעם ברו־דער. זי האָט שוין אפילו צוגעגרייט דעם סם. זי זאָגט, אַז זי וועט דאָס אָפּטון און קיינער וועט דערפון ניט וויסן. און בייכין האָט אים דעמלט געזאָגט ער זאָל זיך היטן אַנטייל צו נעמען אין דעם, ווייל דאָס איז אַ גרויס פאַרברעכן. צו נחמנען זענען שוין צוגעגאַנגען שקצים פון דער גאַס, ווו דוניע וווינט, און אים געוואָרנט ער זאָל ניט גיין צו זייערע מיידלעך, זיי ווילן ניט. נחמן האָט זיי געענטפערט, אַז ער וועט דווקא גיין מיט דוניען, האָבן זיי אים געזאָגט ער זאָל זיך היטן... און אויף מאָרגן ווען ער האָט באַגלייט דוניען, איז צו אים צוגעגאַנגען איינער און ניט ווייט זענען געשטאַ־נען נאָך עטלעכע, און אים דערלאַנגט אַ פּאַטש, נאָר ניט ער און ניט דוניע האָבן זיך ניט איבערגעשראָקן, זיי האָבן

ווייטער זיך אָפּגעשטעלט באַגעגנישן. ערב דעם קריסטלעכן פּסח איז דוניע געקומען אַלע טאָג אין קלויסטער, זי האָט „גאווייעט” און דאָרט האָבן זיי זיך באַגעגנט. די חברים האָבן שוין דערפון געוווסט און אים געפרעגט, צי היינט „גאווייעט” ער אויך.

נייכין גייט ווייטער אַוועק מיטן געדאַנק אין זיינע פאַר־גאַנגענע יאָרן. דערמאָנט זיין ערשטע ליבע, אומגעפּער אין דעם עלטער וואָס דאָס אייניקל, ליבע איז שוין זיכער אַ ירושה... ער גייט מיט אסתרקען איבערן שטאָט-בולוואַר, זיי זענען געווען שטאַרק צופרידן, מ׳איז דאָך אַלט געווען צו פופצן-זעכצן יאָר... די צייט איז געווען אַן אומרויִקע... פאַר יידן.... ס׳קומען אַקעגן צוויי פאַרשוינען, אַן עלטערער און אַ יונגערער, מ׳שטעלט זיי אָפּ, איינער פרעגט:

טי זשיד?

—יאַ ניע זשיד — ענטפערט ער.

ער דערלאַנגט נייכינען דעם פּאַטש, אסתרקע לאָזט זיך לויפן, די צוויי גייען זיך זייער וועג, ער דעריאָגט אסתרקען, זי פרעגט צי ס׳טוט אים ווי. ניין, די באַק טוט ניט ווי, נאָר אַ ווייטיק האָט ער געהאַט אַ טיפן און לאַנגדויערנדיקן, און זי האָט נאָך געזאָגט: ס׳איז ניט גוט וואָס דו האָסט געזאָגט „יאַ ניע זשיד”.

— כ׳בין דאָך ניט קיין זשיד, כ׳בין דאָך אַ ייד.

ניט זי, ניט נייכין זענען ניט געבליבן צופרידן מיט דעם ענטפער. אסתרקע איז ווייט פון אים, פון יענער זייט ים, נאָר איצט האָט ער זיך דערמאנט אין דעם פּאַטש, אין דעם פּאַטש אין פנים, וואָס אַ ייד באַקומט נאָך ביז היינט... איצט האָט אים דאָס אייניקל באַקומען. דער פּאַטש גייט אויך בירושה?... אָך, ער זאָל כאַטש מיט דעם אָפּקומען...

נייכין איז געזעסן אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ, אַ טיף פאַרזאָרגטער, ווי אַמאָל דער טאַטע.

31

נייכין האָט שטאַרק ליב געהאַט די אייניקלעך, סיי די

מיידלעך, סיי די יינגלעך, די מיידלעך האָבן שויןביידע געלערנט אין אינסטיטוט און אַרויסגעוויזן ערנסטע אָנגעשטרענגטקייט פון שטודירנדיקע רייפע מענטשן. דאָך האָט ער געהאַט מער אינטערעס און אָבסערווירט די כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פון די יינגלעך. אַזוי ווי אַ פּאַרמלאַז כאַאָטיש שטיק ליים ווערט אונטער די הענט פון אַ סקולפּטאָר אַ באַשטימטע אויסגעצייכנטע פיגור, אַזוי האָט ער געזען ווי פון די יינגלעך, וואָס האָבן זיך ניט לאַנג געשפּילט אין הויף מיט זאַמד און אַנדערע שפּילעכלעך, ווערן אַלץ מער און דייטלעכער אויסגעפורעמט מענטשן מיט באַשטימטע אינטערעסן און נויגונגען. זיי האָבן פרי אַרויסגעוויזן ליבע צו אַרבעט, דערצו האָט אויך מיטגעווירקט די שול, וווּ ס׳איז איינגעפירט געוואָרן אַרבעטס־לעקציעס. אין שול זענען זיי אויסגעצייכנט געוואָרן פאַר אַרבעט. נאָר ס׳איז געווען גאָר־ניט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגעאַרבעט אין דער היים. דער קלענערער האָט געהאַט אַ גאַנצן אַרסענאַל מיט געצייג און אָפט האָט אים בייכין געטראָפן עפּעס מייסטרעווען, און אַרום האָט זיך געוואַלגערט דאָס גענוצטע געצייג. איינמאָל האָט ער מיט די חברים אויסגעבויט אַ הייזל אין הויף אונטער זייער ווױנונג. ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ הייזל פון דריי אויף פיר מעטער, מיט אַ בודעם, אַ טירל און אַ פענצטערל, אַלע בויער האָבן געקענט אַהין אַרייננגיין און זיך שטעלן דאָרט אין זייער גאַנצער הויך. דאָס הייזל האָט מען אָנגערופן: דער שטאַב. און ס׳איז געוואָרן אַ געוווינהייט צו פרעגן:

— ווו איז באָריע?

— באָריע איז אין שטאַב.

זיי האָבן אַרויסגעוויזן אינטערעס צו נאַטור־דערשיינונגען, געזאַמלט און געוווסט אַ חילוק פון פאַרשידענע זאָמען און געוויקסן, געזאַמלט לאַרוון און שמעטערלינגען און קאָנסערווירט. געזעצט זאָמען אין שאַכטעלעך און געקוקט אַלע מאָל ווי זיי זענען ארויסגעוואקסן. אויף אַלע אַזעלכע אַר-

בעטן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פונעם זיידן, וויסנדיק, אַז אַזעלכע זאַכן אינטערעסירן אים אויך.

איינמאָל האָט דאָס עלטערע ייִנגל געפונען ביי זיי אין גאָרטן אַ גרויסן עמאַלירטן טאָז, ער האָט צו גאָרניט גע־טויגט, ווייל דער דנאָ האָט אינגאַנצן געפעלט. ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אין גאָרטן אונטער אַ בוים, אָנגעשיט מיט ערד, אַריינגעשיט אַ הויפן קוקורוז און פאַרדעקט מיט אַ שיכט ערד. ער האָט גערעכנט איבערזעצן די קוקורוז אין גאָרטן, ווען זי וועט אויפגיין. אין אַ מין חודש אַרום האָט ער אין גאָרטן דערזען דעם טאָז מיט עטוואָס אַרויס־געשפּראָצטע גרינע שפּיצעלעך פון קוקורוז-שטענגלעך. ער האָט די שיסל אויפגעהויבן און מיט פאַרוואונדערונג דערזען אַ כוואַליע גאַנץ לאַנגע גראָע זילבערדיק-גלאַנצנדיקע פעדים.

ווען נייכין איז אַהין געקומען האָט באַריע אים צוגע־טראָגן דעם טאָז, אונטער וועלכן ס׳האָבן זיך געכוואַליעט די לאַנגע זילבערדיק - גלאַנצנדיקע פעדים. נייכין האָט מיט דער האַנט אַ טרייסל געטון די זיידענע דינע פעדים. זיי האָבן געמאַכט אויף אים אַ טראַגישן איינדרוק. זיי האָבן אויסגעזען ווי האָר פון אַן אַלט-געוואָרענער פאַרלאָזטער פרוי. די קוקורוז האָט אָנגעהויבן וואַקסן און די וואָרצלען האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַ באָדן, נאָר אונטער דעם דיי־נעם שיכט ערד האָבן זיי קיין באָדן ניט געפונען און אין זייערע זוכענישן זענען זיי געוואָרן לאַנג און גראָ, און פון זייער אויסזען האָבן אַרויסגעשריגן די יסורים פון אַ באַשעפעניש, וואָס זוכט אַ באָדן און געפונט אים ניט. נייכין האָט אין זיי דערזען די אויף אייביק פאַרבאָרגענע געהיימניש, וואָס שטויסט צום לעבן. די גראָע זיידענע הערעלעך פון די וואָרצלען האָבן אויסגעזען ווי פאַרקערפּערטע האָפנונגסלאָ־זיקייט. ער האָט געזאָגט צום אייניקל:

— דו זעסט, די קוקורוזע האָט געזוכט אַ באָדן און פאַר־יסורים, וואָס זי האָט אים ניט געפונען, איז זי גראָ געוואָרן.

מ׳דאַרף האָבן אַ באָדן אונטער די פיס, אַ מענטש דאַרף אויך האָבן אַ באָדן אונטער די פיס.

— אַ מענטש אויכעט, באַטירלעך, ווען ניט, אויף וואָס וואָלט ער געשטאַנען?

— אַ מענטש אויכעט. אַמאָל ווייזט זיך אים אויס, אַז ער שטייט פעסט אויף אַ באָדן און אָפט דערפילט ער, אַז ער פאַרלירט אים... ועסט אויסוואַקסן וועסטו דאָס פאַר־שטיין...

1961/65

דריטער טייל

1

ואברהם בא בימים...

און נייכין איז צו ביסלעך, אומבאַמערקט פאַר זיך, אַלט געוואָרן. און די אייניקלעך זענען, אַן עין הרע, גרויס גע־וואָרן. דאָס קליינע מיידל, דער קאמסארגטשיק איז שוין געוואָרן דאָקטאָר און איז אַרומגעלאָפן זוכן אַרבעט, ווייל ניט אַזוי גיך האָט מען זי אויפגענומען אויף אַרבעט. ווו זי איז געגאַנגען האָט מען איר געזאָגט, אַז ס׳איז פאַר איר נישטאָ קיין אַרבעט. אין געזונטהייטס־אַמט איז אויפן אָרט פון דער גונאַראָווא שוין געזעסן אַ נעשמאַראָווא, אַ שיין פאַר־קעמטע, אויסגעפּוצטע און זיכערע, צו וועלכער זי איז אַ פּאָר מאָל געגאַנגען ביז זי האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל מער ניט קומען. די יונגע דאָקטאָרין האָט זיך שוין באַגעגנט מיט שוועריקייטן אין איר לעבן צוליב איר יידישן אָפּשטאַם, און זי האָט וועגן דעם גערעדט. נייכין, הערנדיק די טענות פון דעם מיידל האָט געטראַכט, אַז דאָס לעבן אַליין קלערט שוין אויף פאר די אייניקלעך, אַז זיי זענען יידן, ער האָט

זיך נאָר געוווּנדערט ווי גיך דאָס לאַנד שפּאָרט אים אײַן זײַן אַרבעט.

אויך זײַן שנור האָט געשטוינט ווי גיך אירע קינדער קומען צו פּונקט פאַרקערטע איבערצייגונגען. ווען זי אַליין פלעגט עפּעס אַרויסזאָגן קעגן דער מלוכה איז די קליינע אַנגעפאַלן אויף איר און די מוטער האָט איר געזאָגט:

— ביסט אַ משוגענע קאָמסאָמאָלקע — פאַר איבערגע־געבנקייט צו דער אידיי, וואָס מ׳האָט איר אײַנגעפּלאַנצט אין שול.

און ווען דאָס מיידל איז ענדלעך אָנגעקומען אַרבעטן טאַקע אין דער גיכער הילף, פון וואַנען די דאָקטאָרין קאַ־וואַנאַ איז שוין אַוועק אויף פּענסיע און דער בייער אָנפירער איז שוין געווען איוואַן אפאנאסיעוויטש, און די יידישע דאָק־טוירים האָבן שוין געליטן פון זײַן אומפּריינטלעכקייט. אין דער צייט איז שוין אויך בייכין אַוועק אויף פּענסיע, און זײַן אייניקל האָט ווי בירושה איבערגענומען אויף אירע יונגע פּלייצעס די יידן־שנאה פון אָט דעם איוואַן אפאנאסיעוויטש.

דאָך האָט בייכין געהאַט נחת פון דעם אייניקל, ווען ער האָט זי באַגעגנט פאָרן מיט דער מאַשין פון דער גיכער הילף און זי האָט אים דורכן פענצטערל באַגריסט מיט צעשפּרייטע פינגערלעך פון איר האַנט.

ניט געקוקט דערויף, וואָס דער בילבול איז שוין אַראָפּ־גענומען געוואָרן און מ׳האָט זיי שוין ניט באַשולדיקט, אַז זיי פאַרסמען זייערע חולים, דאָך האָט אַ יידישער דאָקטאָר אין דער צייט זיך ניט געקענט אײַנאָרדנען אויף אַרבעט. וועגן דעם האָט געזאָגט בייכינען דער פּראָפעסאָר שופּנער. דעם פּראָפעסאָר שופּנער אַליין האָט מען שוין געפרעגט ווען גייט ער אַוועק אויף פּענסיע, האָט ער געענטפערט: אפילו מאָרגן. ער איז באַלד אַוועק אַ באַליידיקטער פון דעם אָרט, וווּ ער האָט מיט כבוד אָפּגעאַרבעט מער ווי אַ צענדליק יאָר.

אין דער צייט האָט זיך שוין אויפגעקלערט פאַר אַזעלכע יידן ווי פּראָפעסאָר שופּנער די לאַגע פון די יידן בכלל...

צווישן זיך אין געהיים האָבן זיי פאַרביטערטע, די לאַגע אַרומגערעדט, און ווען צו שופנערן איז געקומען זייער אַן אַמאָליקער חבר און שופנער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיי־נונג וועגן דער יידישער לאַגע, האָט אים דער חבר גע־זאָגט:

— דו האָסט זיך שוין אויך אַראָפּגעקייקלט אין זומפּ פון נאַציאָנאַליזם.

די רייד האָבן פאַרוואונדערט און אַביסל באַליידיקט שופנערן.

ס'איז געקומען די צייט ווען פיל יידישע משפחות האָבן איינגעגעבן ביטעס צו דערלויבן זיי אַרויסצופאָרן אין ישראל, און דאָס האָט ביי פיל רוסן אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג און ביי אייניקע אפילו ווילדע שנאה. אויף דער גאַס, וווּ בייכינס זון האָט געוווינט, האָבן שוין יידישע משפחות זיך געגרייט צום פאָרן און ווען שכנים זענען אַריינגעקומען, האָט מען נאָר וועגן דעם גערעדט. אַ שכנה האָט דערציילט, אַז זי וויל אויך איינגעבן, נאָר איר דאַוויד האָט מורא, ער האָט אַ רויט ביכעלע. און דאָרט, וווּ ער אַרבעט האָט איינער איינ־געגיבן, האָט מען געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג און מ'איז אויף אים אָנגעפאַלן, געשפּיגן אויף אים, אַז ער איז אַ פאַרעטער פון דער „ראָדינע" און איינע אַ שיקסע האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט אים צעשאָסן פון אַ פּוליעמיאָט. ס'האָט זיי שטאַרק געבערענט — האָט די שכנה צוגעגעבן — וואָס ער איז אין פאַרטבּיוראָ „פּאָ אידעאָלאָגיטשעסקאָי ראַבאָטע" (פּאָליטישע אַרבעט). נאָך אַ פּאַוזע האָט זי צוגעגעבן נאָך מער אַ פאַר־זאָרגטע:

— אין אַן אַנדער אָרט, האָב איך געהערט, אַז מ'האָט איינעם אין אַ פאַבריק צעשלאָגן דערפאַר וואָס ער האָט איינגעגעבן אויף אָוועקצופאָרן.

די יידישע יוגנט האָט זיך געהיט אַרויסצווייזן אינטע־רעס צו יידישקייט. אַ פערצניעריק מיידל האָט געזאָגט נאָכ־דעם וואָס זי האָט געזען שלום עליכמס אַ פּיעסע:

— אַזעלכע פּיעסעס דאַרף מען פֿאַרוּוערן, ווייל אַז דו זעסט אַזאַ פּיעסע הויבסטו אָן צו טראַכטן, אַז דו ביסט אויך אַ ייד.

און די קינדער פֿון דער שכנה טאַמאַרע יעפּריאַמאָוונאַ, קינדער פֿון אַ קריסטלעכן טאַטן, האָבן זיך גענומען לערנען יידיש און יידישע געשיכטע.

נייכין האָט פֿאַרגעזעצט רעדן מיט די אייניקלעך יידיש, נאָר געענטפֿערט האָבן זיי זעלטן מיט אַ יידיש וואָרט, מער אויף רוסיש. ער דערציילט, אַז ער איז געפֿאָרן מיטן צוג.

— ביסט געפֿאָרן מיטן צוג? — שמייכלט זיין אייניקל.

— יאָ, מיטן צוג, לאָך ניט, ס'זענען געווען צייטן, ווען ס'איז געווען געפֿערלעך צו פֿאָרן מיטן צוג, ווייל מ'האָט יידן אפילו אַרויסגעוואָרפֿן פֿון די צוגן... מיך האָט מען אויך געפּרוּווט אַרויסוואַרפֿן ווען איך בין אַהיימגעפֿאָרן פֿון דער מלחמה, און איך ווייס ניט ווי אַזוי איך בין בייגעשטאַנען דעמלט... נאָר כ'האָב מיך אַזוי אָנגעכאַפּט אין אים, אַז אַרויס־פֿליען האָט ער געמוזט נאָר צוזאַמען מיט מיר.

ער פֿלעגט זיך אָפּהאַלטן צו דערציילן אַזעלכע געשע־ענישן פֿון זיין לעבן, נאָר ער האָט אויסגעפֿולט זיין פֿליכט אַרויפֿלייגן אויך אויף זייערע פּלייצעס די דורותדיקע לאַסט, ס'זאָל זיי ניט איבעראַשן, טאָמער וועלן זיי עס חלילה באַ־געגענען אין זייער לעבן.

2

אין לאַנד איז געווען שטיל און מ'האָט מיט אינטערעס איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן, אַז ערגעץ „גיט מען" אייער און ערגעץ אַנדערש גיט מען לעבעדיקע פֿיש, נאָר באַרעכטנדיק דאָס רוסישע שפּריכוואָרט, אַז ניט מיט ברויט אַליין לעבט דער מענטש, אַזוי האָט זיך אין דער שטיל געכוואַליעט אין די הערצער פֿון די יידן, און דער הויפּט־געדאַנק איז געווען וועגן ארץ־ישראל.

אין געדאַנקען־גאַנג פֿון נייכינען זענען פֿאָרגעקומען

ראַדיקאַלע ענדערונגען, און זיין קעגנערשאַפט צו דער ציוניסטישער פּאַמפּע איז אינגאַנצן פאַרשווּנדן.

צו גאַסט איז צו אים געקומען זיין בן־עיר בינדלער מיטן ווייב. דאָס איז געווען אַ פּאָר פאָלק אַלטע פּאַדפּאַלש־טשיקעס, וועלכע האָבן גענוג קלעפּ באַקומען אין דער רו־מענישער סיגוראַנצע, געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זיך באַמיט מ׳זאָל זייערע פאַרדינסטן אנערקענען — הגם די מאַכט האָט זיך ניט גע־אײַלט דאָס צו טון — נאָר זיי, דאָס פּאָר פאָלק האָט דערויף געהאַפט און מיט דעם געלעבט.

ווען פון רומעניע איז געקומען איינע פון זיינע חברטעס, וואָס האָט מיט אים אינייִנעם געפירט אונטערערדישע אַרבעט, האָט זי געפרעגט דורך אַ דריטער חברטע, זי זאָל אים פרעגן צי דאָס האָט ער געמיינט.

— פרעג אים — האָט זי געזאָגט מיט גיפטיקער אי־ראָניע — צי דאָס האָט ער געמיינט?

נאָר בינדלער איז געווען אַזוי פאַרזיכטיק און, ווייזט אויס, אויך אָנגעשראָקן ווי פיל אַנדערע, און אויף אַזאַ פראַגע האָט ער קיינמאָל ניט געענטפערט.

בעת אַ באַגעגעניש האָט אָט דער בינדלער שטענדיק פאַרפירט אַ געשפרעך וועגן דער לאַגע פון די יידן, וועגן ישראל, און תמיד געהאַט פאַרטיק־אָנגעגרייטע ווידער־שפּרוכן פאַר נייכינען. איינמאָל האָט ער אפילו אונטערגע־טראָגן נייכינען אַזאַ אויסדרוק:

— איר פאַרשטייט, נייכין, זיי קענען געווינען אַ שלאַכט, נאָר ניט די מלחמה.

תמיד האָט ער גערעדט מיט דער שפּראַך פון דער אָפּי־ציעלער פּרעסע. נייכין האָט זיך דערמאָנט, אַז אָט די ווער־טער האָט ער באַגעגנט אין אַ צייטונג. ער האָט אים גע־ענטפערט:

— נאָר איר פאַרשטייט, זיי האָבן ניט קיין אַנדער אויס־וועג.

נאָך אַ פּאַוזע האָט נייכין געזאָגט:

— איר ווייסט וואָס איך טראַכט אַמאָל, אַז מיר האָבן ניט דערשעצט הערצלען אין זיין צייט.

ער האָט קלאָר דערזען ווי די פּרוי בינדלער איז ווייס געוואָרן, ער האָט דערזען ווי דאָס בלוט איז פאַרשווינדן פון איר פּנים. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין צימער צי איז נישטאָ עמיצער נאָך אין צימער, ווייל די אַרויסזאָגונג איז געווען אַ געפערלעכע. נאָר פאַר אַ מענטשן צו וועלכן מ׳האָט פולן צוטרוי האָט מען דאָס געקענט אַרויסזאָגן. נאָך אַ שטיל־שווייגן איז די פּרוי געקומען צו זיך.

— נייכין, וואָס קערט איר זיך אָן מיט ראָטשילדן? ער איז אַ מיליאָנער, איר זענט אַן אַרבעטער, אַ קבצן, אייערע אינטערעסן זענען גאַנץ פאַרשידן...

נייכין האָט זי איבערגעריסן:

— אין דער פראַגע פון ישראל קער איך מיך אָן מיט אים, נאָר טאָמער וועט זיין אַ שטרייק ביי אים אין דער פאַבריק, וועל איך שטיין אין פּיקעט מיט די אַרבעטער קעגן שטרייקברעכער.

אויף די יידישע פאַרלוסטן האָבן די יידן מיט ווייטיק רעאַגירט. נייכין האָט געזאָגט נאָך אַ פּאַוזע:

— אָבער דאָס האָט איר געהערט, אַז זיי האָבן צעשטערט אַ יידישע קריגס-שיף, וואָס איז געשטאַנען אויסער זייערע וואַסערן, פּלוצים, אָן אַ פּאַרוואָס?

בינדלער האָט געוווסט דערפון:

— וואָס־זשע מיינט איר, ער וועט זיי שווייגן? ער וועט גיבן אַ וויש אָט דער „גראַמילאַ״.

נייכין האָט געוווסט, אַז אַזוי רופט ער משה דיין.

און ערשט אין אַ פּאָר טאָג אַרום האָט ער מיט צופרידנקייט זיך דערוווסט, אַז די ישראל־אַרטילעריע האָט צעשמעטערט אַ נאַפט־זאַוואָד אין מצרים. בינדלער האָט דערויף נביאות געזאָגט און, מעגלעך, אַז ער איז אויך געווען צופרידן פון דער ידיעה — פאָרט אַ ייד.

3

און דאָס לעבן האָט אים אונטערגעטראָגן נייעס מיט אַ מילדער האַנט.

אין אַ ווינטערדיקן אָוונט, שפּאַנענדיק אין אַ טיפן שניי, האָט ער אַרום צען אַזייגער זיך אומגעקערט פון אַ באַזוך. קיין דורכגייער זענען אויף דער גאַס ניט געווען. נאָר פון ווייטן האָט ער דערזען זיך דערנענטערן צוויי מענטשן. נאָך פון קינדהייט האָט זיך אין זיין וועזן אָפּגעהיט אַן אומרויִקייט. ווען ער האָט אויף אַ ליידיקער גאַס באַגעגנט אומבאַקאַנטע. אויך דאָס מאָל האָט זיך זיין אומרו געשטאַרקט ווען די צוויי האָבן זיך דערנענטערט. דאָס איז געווען אַן אָפיציר מיט אַ סאָלדאַט. ווען זיי זענען זיך צונויפגעקומען האָט אים דער אָפיציר אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן פון מאַנטל. דער סאָלדאַט האָט מיט פאַרוואונדערונג אַ זאָג געטון:

— נאַכוואַס, לאָז אים אָפּ.

און נייכינען האָבן שטאַרק פאַרוואונדערט די רייד פונעם אָפיציר:

— דאָס איז אַ ייד.

ביי די ווערטער האָט זיך נייכין אַ ריס געטון פון אים און זיך געלאָזט לויפן. דער אָפיציר האָט אים דעריאָגט און נייכין איז געפאַלן אין שניי.

דער אָנפאַלער האָט זיך צו אים אָנגעבויגן און גענומען שלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ. נייכין האָט אויפגעהויבן אַ פאַרצווייפלטן געשריי.

אין דער צייט האָט נייכין דערהערט אַ הויך געשריי פון אַ מענטש:

— סטוי!... דאַ אין סאָוועטסקי סאָיוז שלאָגט מען נאָך ניט קיין זשידעס! — און באַגלייט זיינע ווערטער מיט דער באַוווסטער רוסישער קללה.

נייכין האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פונעם שניי און דערזען פון דער זייט לויפן אַ הויכן ברייטפּלייציקן יונגנמאַן. איצט האָט שוין דער אָפיציר זיך געלאָזט לויפן. נייכין האָט

זיך דערווייל אויפגעהויבן און דערזען ווי דער יונגערמאַן האָט געהאַלטן זיין האַנט אויפן אָפיצירס אַקסל און געטענהט צו אים:

— ווי אַזוי נעמסטו שלאָגן אַן אַלטן מענטשן און דערצו נאָך אַ ליגנדיקן? דו ווייסט אפילו ניט, אַז אייער סוואָראָוו האָט געזאָגט, אַז אַ ליגנדיקן שלאָגט מען ניט, אפילו אַ שונא, און דו האָסט געשלאָגן אַן אַלטן מענטשן.

נייכין האָט זיך דערנענטערט צו זיי, ווייל ער האָט גע־רעכנט, אַז דער יונגערמאַן ריזיקירט מיט זיין רעדן מיטן אָפיציר.

דער יונגערמאַן האָט געזאָגט צו נייכינען:

— קומט אַהער, וואָס אַנטלויפט איר? — אויך צו ניי־כינען האָט זיך דער יונגערמאַן ניט אָפּגעהאַלטן פון דער באַוווסטער רוסישער קללה.

— איך אַנטלויף ניט — האָט נייכין געזאָגט און צוגע־גאַנגען נענטער.

דאָס איז געווען אַ הויכוווקסיקער יונגערמאַן מיט גענוג ברייטע פּלייצעס, אחד מגיבורי ישראל — האָט נייכין אַ טראַכט געטון — קענטיק געווען — ער קען זיך פאַרמעסטן אי מיטן אָפיציר אי מיטן סאָלדאַט. דערווייל האָט ער מיט זיי גערעדט, ער האָט געפאָדערט זיי זאָלן מיט אים גיין אין קאָמענדאַטור. דער אָפיציר איז אויפגיך אַוועקגעגאַנגען און דעם סאָלדאַט האָט דער יונגערמאַן פאַרהאַלטן. ער איז גע־בליבן איינטענהן מיטן סאָלדאַט, אין דער צייט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער פון אַ פאַבריק, פון וואַנען ס'זענען פונקט אַרויסגעגאַנגען אַרבעטערינס. דער יונגערמאַן האָט זיך אַפילו באַגריסט מיט איינעם אַ באַקאַנטן אַרבעטער. ער האָט דערציילט דאָס געשעעניש פאַר די פרויען און זיי האָבן דאָס אויסגעהערט מיט כלומרשטער באַדויערונג. אַזוי רעדנדיק האָט ער זיך עפּעס אויפגערעגט פון דעם סאָלדאַטס אַן ענטפער און אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. איצט האָבן זיך שוין די פרויען אויפגערעגט:

— אָ, ער האָט דערלאַנגט אַ פּאַטש דעם בויעץ!

זיי האָבן שוין גענומען אַרומרינגלען דעם יונגנמאַן, ס'־זענען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר אַרבעטער מיט טענות: סטייטש, ער האָט דערלאַנגט אַ פּאַטש דעם בויעץ!

דער יונגערמאַן האָט דערפילט, אַז זיין לאַגע ווערט ערנסט, האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס פון דעם קרייז און אויסגענוצט זיינע לאַנגע פיס צו מאַכן גרויסע טריט.

— עי, עי, קודאַ? — האָט מען שוין געמאַכט צו אים טריט, נאָר ער האָט פאַרגיכערט זיינע טריט און אַריין אין אַ קעגנאיבערדיקן הויף.

נייכין האָט שוין געפונען פאַר מעגלעך אַוועקצוגיין. גייענדיק האָט ער געטראַכט וועגן דעם אחד מגבורי ישראל, וועלכער האָט געוואָגט אַן מורא צו רעדן מיט אַן אָפיציר. אָך, די באָבע וואָלט געזאָגט: ס'איז ניט געווען קיין מענטש, ס'איז געווען אַ מלאך, נאָר אַ מלאך פונעם הימל.

4

און אויף דער גאַס, וווּ נייכינס זון האָט געוווינט האָבן זיך יידן שוין גערירט פון די ערטער. מ'איז געקומען אַלץ אָפטער איינער צום אַנדערן זיך ערקינדיקן וואָס הערט זיך. איינע האָט דערציילט, אַז זי האָט שוין דרייסיק ספּראַווקעס. און וויפל נאָך דאַרף מען?

— נאָך פיר.

אַן אַנדערע האָט דערציילט, אַז ביי איר איז שוין אַלצ־דינג פאַרטיק, נאָר דער מאַן וויל ניט פאָרן. זי איז גרייט זיך מיט אים גטן און אַוועקפאָרן מיט די קינדער אַליין.

אין יעדער משפּחה זענען געווען באַזונדערע איבער־לעבענישן צוליב דעם פאָרן.

שוין אויפן ערשטן קורס פון מעדאינסטיטוט האָט זיך יאָסעלע דערנענטערט צום אוקראַינישן מיידל מאַריע, וועלכע האָט זיך אויך געלערנט אויף דעם זעלבן קורס, און שוין איז מען געגאַנגען און געלאָפן איניינעם אויף די לעקציעס, און

שוין האָט מען זיך געטיילט מיטן איבערבייסן, וואָס מ'האָט מיטגענומען פון דער היים, און מאַריע איז געקומען צו יאָסעלען אַהיים און זיין מוטער האָט זי איינגעלאַדן צו מיטיק. דאָס האָט זיך געצויגן ביזן פינפטן קורס און די דערנענטערונג איז געוואָרן גאָר אַ דראָענדיקע. אַלע פאַרנאַכט האָט יאָסעלע, ווי פאַרנומען ער איז געווען, געמוזט לויפן אויף אַ באַגעגעניש מיט מאַריען. און ווען דער אַלטער נייכין האָט זיך געפונען אין שפיטאָל צוליב אַן אָפעראַציע, איז יאָסעלע געקומען אים באַזוכן צוזאַמען מיט איר. שפעטער האָט נייכין געזאָגט די אייגענע: אַ ווילע שיקסע, אַ שיינע שיקסע, זי געפעלט מיר... נאָר זי האָט איין חסרון — זי איז ניט קיין יידישקע. — דערביי האָט יאָסעלע געגיבן אַ קרומען שמייכל פול מיט איראָניע.

און דער געדאַנק האָט גענאָגט נייכינען דאָס האַרץ. ער האָט ניט געוואָלט אַרויסלאָזן יאָסעלען פון אונטער זיין השפעה.

נאָר דאָס האָט ניט באַרירט די משפחה: יאָסעלע גייט מיט אַ סטודענטקע פונעם אינסטיטוט, זיי לערנען זיך צוזאַמען, געזעסן מיט אים אין גאָרטן און זיך געגרייט צו די עקזאַמענעס, אַ געוויינלעכע זאַך. נאָר ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון אַוועקפאָרן און ס'איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער פראָבלעם. די מוטער האָט שוין גערופן צו הילף איר טאָכטער די דאָקטאָרין, זי זאָל מיט אים רעדן, נאָר יענע האָט געזאָגט: — רעד דו מיט אים, די מוטער האָט געענטפערט: — רעד דו, ביסט דאָך אַ שוועסטער. און יעדערע פון איר זייט האָט גערעדט.

יאָסל האָט געזאָגט מאַריען וועגן דעם. יאָ, זי פאָרט מיט אים. ס'איז געווען אמת, זי איז געווען שטאַרק איבערגעגעבן צו אים. זי האָט וועגן דעם אַרומגערעדט מיט איר מוטער. די לעצטע האָט אַרויסגעזאָגט איר מיינונג, אַז בעסער וואָלט געווען ווען יאָסל זאָל בלייבן און זיין משפחה זאָל דערווייל אַליין פאָרן... ער וועט שפעטער קומען... אַזוי

איז די זאַך אַרומגערעדט געוואָרן, וועגן צעשיידן זיך האָט ניט יאָסל, ניט מאַריע אפילו ניט געטראַכט. ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי זיי זאָלן זיך גיין פאַרשרייבן אין „זאגס״ צו דער חתונה. ביי יאָסלס מוטער איז דאָס שוין געוואָרן אַ שווערע פּראָבלעם... זי קען ניט פאָרן אָן יאָסלען. זי האָט שוין אַ סך איינגעטענהט מיט אים וועגן דעם. און ער האָט זיך געפונען אויף אַ שיידוועג: פון איין זייט איז געשטאַנען איינע וואָס האָט אים געשלעפּט און אויף דער אַנדערער זייט איז געשטאַנען אַן אַנדערע, וואָס האָט אים געשלעפּט אויפן אַנדערן וועג. צוויי שטאַרקע כוחות האָבן געקעמפט צווישן זיך און יעדער כוח האָט אים געשלעפּט צו זיך, און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז דער צד מיטן נאָמען מאַריע זאָל זיגן.. אַזוי איז דער כוח פון דער נקבה, וואָס שטרעבט צו באַהערשן אַ מאַן.

יאָסל איז געווען שטאַרק באַזאָרגט און אומרויִק. ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט ווי אַזוי צעשיידט ער זיך מיט מאַריען, ער האָט זיך געפילט פאַרפּליכטעט: אַלע פאַ־־־נאַכט איז ער געלאָפן זיך באַגעגענען מיט איר... זי האָט אים איינגערעדט ווי אַזוי קען ער אָוועקפאָרן פונעם פינפטן קורס, דאָס האָט אים אויך געעגבערט דעם מוח. דאָ ענדיקט ער שוין דעם אינסטיטוט און דאָרט... ווער ווייסט צי וועט ער בכלל קענען לערנען? געהערט האָט ער, אַז דאָרט קען מען ניט אָנקומען אויף דעם זעלבן קורס, אפילו ער וועט קענען לערנען, וועט ער אָנקומען אויף אַ נידעריקערן קורס. דאָס האָבן זיי אַרומגערעדט אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אופן.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן איינלאַדן מאַריעס מוטער. דאָס האָט געפאָדערט יאָסל. אַלע מאָל גערעדט מיט דער מוטער וועגן דעם, און אויב מ׳לאַדט זי ניט איין — האָט ער געדראָט — פאָרט ער ניט...

און מ׳האָט זי איינגעלאַדן צו יאָסלען אַהיים.

דער טיש איז געווען באַשטעלט מיט מאכלים און מיט משקה. די מחתנסטע איז געקומען. אַ פּשוטע פּויערטע פון

דאַרף מיט אַ פּילקאַליריק טיכל אויפן קאָפּ. ביים טיש איז געזעסן די גאַנצע משפחה, יאָסל לעבן מאַריען.

די געסט זענען געבעטן געוואָרן זיי זאָלן עסן, נאָר די אויפגאַבע איז געווען אַן אַנדערע — מ׳האָט געדאַרפט רעדן.

— נו, איר זענט איינשטימיק מאַריע זאָל מיט אונדז פאָרן ? — האָט געפרעגט די מוטער.

— ניין, — האָט געענטפערט מאַריעס מוטער — ס׳איז מיר טיאַזשקא זיך שיידן מיט איר, זי איז ביי מיר אַן איינציקע.

— מיר נעמען זי אויף אונדזערע הוצאות.

— בעסער וואָלט געווען ווען יאָסיע זאָל דערווייל בלייבן און איר פאָרט, ער וועט שפּעטער קומען.

— דאָס קען ניט זיין — האָט געזאָגט יאָסלס מוטער — אָן אים קענען מיר ניט פאָרן.

דער אַלטער נייכין איז געזעסן ביים אַנדערן עק טיש און זיין פּנים האָט ניט אויסבאַהאַלטן זיין קעגנערשאַפט צו דעם געשפּרעך. מאַריע האָט אויף אים אַ קוק געטון און איר פּנים האָט אויסגעדרוקט פאַרווונדערונג: דו ביסט אויך קעגן ?

5

יעדע באַגעגעניש מיט יאקען האָט איבעראַשט נייכינען.

ווי שטענדיק אין זיין גראָען ארבעט־אנצוג, מיט זיין היטל־לעמעשקע אויפן קאָפּ, האָט ער דערציילט, אַז ער קען זיך ניט דערוואַרטן אויף דעם אָוונט ער זאָל הערן די ידיעות פון ישראל, און זיין שכן — האָט ער דערציילט — לייגט זיך שלאָפן מיטן קעסטל צוקאָפּנס.

נאָר עגמת נפש האָט נייכינען פאַרשאַפט די באַגעגעניש מיטן העברעישן לערער.

אַ קליינינקער מיט אַ וווקס פון אַ צוועלפיעריק יינגל, אַ גראָער מיט אַ צעקנייטשט פּנים, געגיבן העברעישע לעקציעס, די לעצטע צייט געהאַט אַ סך לעקציעס, ווייל די פיל

אָפּפּאָרנדע האָבן זיך געאײלט אױסלערנען עברית, און אײ־ניקע האָט ער געמוזט אָפּזאָגן צוליב מאַנגל אין צײט.

— נו, איר האָט נאָך אַ סך לעקציעס ? — האָט נײכין געפֿרעגט.

— נײן, איך האָב שױן גאָרניט. מ׳האָט מיך װײזט אױס געמסרט. מ׳האָט בײ מיר געמאַכט אַן אַביסק, צוגענומען בײ מיר די לערן-ביכער, דערנאָך האָט מען מיך אַרױסגערופן אין די „פיר אותיות" און מ׳האָט מיך געװאָרנט, טאָמער װעל איך נאָך לערנען מיט עמיצן װעט מען מיך אײנזעצן. װען כ׳האָב געזאָגט, אַז כ׳האָב ניט פון װאָנען צו לעבן, האָט מען אַרױסגערופן מײן זון און אים געזאָגט ער זאָל מיר העלפן איך זאָל מיט קײנעם ניט לערנען, װײל ער װעט אױך אָפּ־װעטשאַיען.

נאָך אַ פּאַוזע האָט ער געזאָגט :

— פון מײנע שילער פון ישראל זענען מיר אָנגעקומען עטלעכע פּעקלעך, מ׳רופט מיך איך זאָל קומען.

ער האָט גערעדט שטיל, זיך אומגעקוקט צי עמיצער הערט זיך ניט אונטער, געמאַכט אַן אײנדרוק פון אַן אָנגע־שראָקענעם מענטשן. נײכין האָט געקוקט אױף אים מיט מיטגעפיל און באַדױערונג, נאָר העלפן האָט מען אים מיט גאָרניט ניט געקענט. ס׳איז קענטיק געװען, אַז דאָס איז אײ־נער פון די פיל אָנגעשראָקענע.

6

ס׳איז געװען די צײט װען מ׳איז שױן געפאָרן, און גאַנץ אָפט איז אױפן װאָקזאַל געװען אַ געדרענג פון מענטשן, װאָס זענען געקומען באַגלײטן די אָפּפאָרנדיקע.

אין אײנעם אַן אָװנט, װען נײכינס אַ באַקאַנטער האָט געזאָגט, אַז ער גײט הײנט צום װאָקזאַל באַגלײטן זײַנעם אַ חבר האָט נײכין געזאָגט, אַז ער װיל אױך מיטגײן.

בײ אַלע װאַגאָנעס זענען געשטאַנען צו עטלעכע מענטשן, נאָר בײ אײנעם איז געװען אַ גרױסער געדרענג און אַ רעש. דאָס האָט מען זיך געזעגנט מיט די אָפּפאָרנדע

קיין ישראל. יעדער האָט זיך געשטופּט צו זיי, געהאַט עפּעס אָנצוזאָגן, דרוקן די האַנט. אַרום זיי איז געווען ענג. און אינמיטן פון דער שטופּעניש האָט מען פלוצים דערזען אַ קליינוווקסיק מיידל, אַ גאַרנישט פון אַ מיידל, אין אַ רויטן מאַנטל. זי האָט זיך אויך אַריינגעשטופּט צווישן עולם, און פלוצים האָט יעדערן פאַרוווּנדערט: זי האָט אָנגעהויבן גיבן לשון...

— קודאַ יעדוט? טאַם וויינא-א (וווהין פאָרט מען? דאָרט איז מלחמה), — האָט זי צעצויגן די ווערטער.

מ׳האָט זיך אויף איר אומגעקוקט, זי איז געווען אַ קליין, אַ נישטיק באַשעפעניש. זעענדיק, אַז מ׳קוקט אויף איר האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— קודאַ יעדוט? טאַם וויינא־א.

אייניקע האָבן אויף איר געקוקט ווי אויף אַ קריכנדיק באַשעפעניש. ווען מ׳האָט אויפגעהערט אויף איר קוקן האָט זי זיך גיך פאַרלוירן צווישן געדיכטן עולם.

דאָס געדרענג ביים וואַגאָן האָט געדויערט ביז דער צוג האָט גערירט.

אַהיימגייענדיק פונעם וואָקזאַל האָט נייכין געטראַכט:

ס׳איז דאָך טאַקע אמת וואָס דאָס שיקסל האָט געזאָגט: טאַם וויינאַ. פון אַ פּאָר יידן האָט נייכין געהערט פאַרוואָס זיי פאָרן ניט — איר ווייסט ניט, ס׳איז דאָך פאָרט אַ מלחמה דאָרט. נאָר ס׳איז אים געווען ניט גוט אָנצוקוקן די מענטשן, וואָס פאָרן ניט איבער דער מלחמה. הייסט עס, דערווייל וועל איך דאָ זיצן, ווייל דאָרט גייט אַ מלחמה... ס׳איז דאָרט געפערלעך... נו, און איך וועל דערווייל אָפּהיטן מיין פּע־לעכל. נאָר איינער אַ שיינער ייד האָט ממש פאַרוווּנדערט נייכינען אין שול, ווען ער האָט געזאָגט:

— איך פאָר ניט, צו וואָס דאַרף איך פאָרן? איך האָב אַ גוטע פּענסיע, ס׳איז דאָ אַלצדינג דאָ...

ער האָט אים אויך דערציילט:

— מיינע קאָכט מיר אַלע טאָג אַ פיש, מיינע קען... ווען

איך קום פון דער שול נעם איך אַביסל בראָנפֿן, כ׳האָב ניט קיין טענות צו גאָט.

ס׳איז געווען מיאוס און אומבאַקוועם צו טראַכטן וועגן דעם: נאָר מיטן גרעסטן רעספּעקט האָט מען זיך באַצויגן אין שול צו די, וועלכע פאָרן אַוועק. איינער האָט אים געזאָגט:

— אָבער איר זענט צופֿרידן, וואָס אייערע קינדער זענען איצט ניט דאָרט?

— ניין, מיין אייניקל טוט באַנג, ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל זיין דאָרט אַ ראָזוועדטשיק. איר מוזט פֿאַרשטיין, אַז מיר האָבן ניט קיין אַנדער ברירה.

דאָס שיקסל האָט געזאָגט אמת, ס׳איז דאָרט אַ מלחמה, נאָר סיי די אָפּפֿאָרנדע און סיי די באַגלייטער האָבן זיך אויף איר אומגעקוקט און זי געהערט ווי אַ הונט.

7

אין דער גיכער הילף, ווו נייכינס אייניקל האָט געאַר־בעט אַלס דאָקטאָר, האָט דער נייער דירעקטאָר, וואָס האָט פֿאַרביטן די קאָוואַנאַ, דער איוואַן אַפּאַנאַסיעוויטש, אינגיכן אַרויסגעוויזן גאַנץ שאַרפֿע אַנטיסעמיטישע נעגל. ער האָט באַוויזן צו שאַפֿן אַ גהינום פֿאַר די יידישע דאָקטוירים.

נייכינס אייניקל, דער קאַמסאָרגטשיק, האָט געהאַט אַ חברטע לעסיע, וואָס האָט מיט איר געלערנט אין אינסטיטוט און צו די עקזאַמענעס האָבן זיי זיך אינאיינעם געגרייט, און דאָס איז געווען באַוווּסט אין אינסטיטוט. ווען ביי די עקזאַ־מענעס האָט די לעסיע ניט געוווּסט צו ענטפֿערן, האָט דער פּראָפֿעסאָר געהאַט אַ טענה צו נייכינס אייניקל:

— פֿאַרוואָס ווייסט איר יאָ און זי ווייסט ניט?!

דער קאַמסאָרגטשיק האָט זיך געפֿילט שולדיק, כאָטש ביים גרייטן זיך האָט זי לעסיען געהאָלפֿן און זיך באַמיט איר אָנהענגען אַלצדינג, וואָס זי האָט אַליין געוווּסט. נאָר וועגן לעסיען האָט מען שוין גערעדט, אַז קיין דאָקטאָר וועט זי ניט זיין, נאָר אַ גלאַוווראַטש וועט זי קענען זיין. פֿון אַזעל־כע „קענערס" איז אויך געווען אָט דער איוואַן אַפּאַנאַסיע־

וויטש. ער האָט נאָר געענדיקט דעם אינסטיטוט, איז ער שוין באַשטימט געוואָרן פאַר גלאַוווראַטש אין דער גיכער הילף און האָט שוין זיך ניט געגוויטיקט אין מעדיצינישן וויסן. אויף אָנצופאַלן אויף יידישע דאָקטוירים, האָט ער גע-האַט געגוג וויסן.

ווייל דאָס פאָרן קיין ישראל איז געוואָרן אַן אָפּטע און אַלעמען באַוווסטע דערשיינונג און מ'האָט וועגן דעם אָפּן גערעדט, און כאָטש מ'האָט שוין קיין דאָקטוירים ניט פאַר-פאַלגט, האָט דער איוואַן אפּאנאסיעוויטש אויף יעדער פינפ-מינוטקע, וואָס פלעגט פאָרקומען אין דער גיכער הילף, גע-פונען וואָס צו זאָגן וועגן די, וואָס פאָרן קיין ישראל. אויף איינער פון זיינע יידישע דאָקטאָרינס האָט ער גלייך געזאָגט, אַז זי האָט געשאַפן אַ ציוניסטיש קרייזל אין דער גיכער הילף. דאָס האָט ער אָנגעדייט אויף דער דאָקטאָרין קיסליוק בעלאַ נאַומאָוונע. זי איז געווען נאַטשמעד און דערפאַר אַן אָנגעזעענע פערזאָן אין דער גיכער הילף. מיט איר אויפ-פירונג האָט זי שטענדיק געשטרעבט דערווייזן איר געטריי-שאַפט, נאָר זי האָט עס אַזוי אונטערגעשטראָכן, אַז ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איר פאַלשקייט און דאָס בעסטע מיטל דערצו איז געווען דאָס, וואָס זי האָט אויף יעדן שריט און טריט געטאַדלט די יידישע דאָקטוירים, אויסמיידנדיק מיט עפּעס אָנצורירן די ניט-יידישע, וועלכע זי האָט אפילו געכאַנפעט.

די אומשטענדן אַרום די אָפּפאָרנדיקע זענען געוואָרן אַביסל לייכטער, ווייל זייער צאָל איז געוואָרן אַלץ גרעסער. די בעלאַ נאַומאָוונא איז געווען זיין געטרייע מיטהעלפערין און זי האָט אים שטאַרק איבערראַשט, ווען זי איז געקומען צו אים נאָך אַ ספּראַווקע, וואָס איז איר נויטיק געווען צום אָפּפאָרן. דערפאַר האָט ער איר איינגעאָרדנט אַ פאַרזאַמלונג מיט עטלעכע אַרויסגעשטעלטע רעדנער, וועלכע האָבן זי שטאַרק דורכגעזייפט, נאָר זי האָט דערביי אַרויסגעוויזן געגוג קאַלטבלוטיקייט.

צום סוף פון דער פאַרזאַמלונג האָט איוואַן אפאנאסיעוויטש געזאָגט:

— און די נייכינא פאָרט אויך גאָר אינגיכן.

— זאָרגט ניט, איוואַן אפאנאסיעוויטש, אַז איך וועל האַלטן ביי פאָרן וועט איר דער ערשטער וויסן.

דער געדאַנק פון אָפּפאָרן האָט זי אַלץ מער באַהערשט. די סיבות זענען געווען סאַמע געווינלעכע.

מ׳האָט זי אַרויסגערופן צו אַ חולה, זי האָט ביי אים גאָרניט געפונען. שפעטער האָט מען אַרויסגערופן די איוואַנאָווא. ביים חולה האָט זיך די טעמפעראַטור אין דער צייט אויפגעהויבן. שפעטער האָט מען די נייכינא נאָכאַמאָל אַרויסגערופן. זי האָט געפונען, אַז זיין לאַגע איז ערנסט און האָט אים האָספּיטאַליזירט. ס׳איז נויטיק געווען אַן אָפּעראַציע, ער איז געראַטעוועט געוואָרן. און כאָטש אַזוי האָט מען אויף איר אַרויפגעוואָרפן די שולד פאַר שפעטער האָספּיטאַליזירונג, אויסמיידנדיק די שולד פון דער איוואַנאָוואַ.

ס׳איז אויך געווען אַ כמיזאָווא, אַ היבשע סאָלידע דאַמע, אַ שטעלפאַרטרעטערין פונעם גלאַוווראַטש. זי איז שוין פּשוט אַריין אין אַ שמועס מיט דער סאַניטאַרקע אקסאַנא און געזאָגט, אַז סטאַלין האָט גוט געטון, וואָס ער האָט געשאָסן, מ׳דאַרף זיי אַלע אויסשיסן. אַזוי האָט גערעדט אָט די סאָלידע דאַמע, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ניט ווייט איז געזעסן די נייכינא און דאָס געהערט.

באַלד נאָך דער פאַרזאַמלונג וועגן דער קיסליוק איז זי געזעסן און גערעדט מיט אַן אַנדער דאָקטאָרין און געזאָגט:

— איך וואָלט שוין אויך אַוועקגעפאָרן ווען איך האָב מעגלעכקייט.

זי איז געווען אומפּאַרזיכטיק: אונטער אירע פּלייצעס, ניט ווייט, איז געשטאַנען די איוואַנאָווא. דאָס דערהערטע האָט זי באַלד אָפּגעטראָגן צו איוואַן אפאנאסיעוויטש. ער האָט די נייכינא אַרויסגערופן:

— אמת, איר האָט אַזוי געזאָגט?

— ניין, איוואַן אפאנאסיעוויטש, כ׳האָב ניט געזאָגט.

— זי האָט אויסגעהערט פון אים אַ לאַנגע נאָטאַציע.

נאָר זי איז שוין דערצו געוווינט געווען אין דער גיכער הילף און נאָר געטרוימט פון יענער צייט, ווען זי וועט פון דאָרט אַוועק. נאָר אייניקע מאָל פלעגט זי אַהיימקומען פון דער אַרבעט, דערציילט אירע צרות, וואָס זי האָט ביי דער אַרבעט, און דערביי געוויינט.

8

דאָס אייניקל יאָסל איז שוין געווען אויפן פינפטן קורס אין מעדאינסטיטוט, ווען ער האָט זיך געווענדעט נאָך אַ ספּראַווקע. אין רעקטאָראַט האָט דער פּאַרטרעטער געפרעגט דעם אַנדערן, אָנווייזנדיק אויפן סטודענט:

— וווהין פאָרט ער? — האָט יענער געענטפערט, אָנ-ווייזנדיק מיטן קאָפּ ערגעץ אין אַ זייט:

— ער פאָרט אַהין...

וועגן דעם האָט יאָסל דערציילט אין דער היים מיט אַן איראָנישן שמייכל.

כאָטש דאָס איז שוין געווען אַלעמען באַוווּסט און מ׳-האָט גערעדט וועגן דעם רוּיִקער, האָט ער דאָך געמוזט איבערקומען אַ קאָמסאָמאָלסקע פאַרזאַמלונג, וווּ מ׳האָט פאַראורטיילט זיין אַוועקפאָרן, אים אָנגערופן „פּרעדאַטעל ראָדיני״, וועלכע האָט אים אויסגעלערנט, אויסגעכאָוועט, און עטלעכע פון זיינע חברים האָבן וועגן דעם אַרויסגעטרעטן מיט רעדעס. דערנאָך האָט ער נאָך געדאַרפט איבערקומען דאָס אָפּגיבן דעם קאָמסאָמאָלסקי בילעט. אין דער ספּראַווקע האָט מען אים אָנגעשריבן, אַז ער איז אויסגעשלאָסן פון קאָמסאָמאָל פאַר „פּרעדאַטעלסטווא ראָדיני״. נאָכדעם האָט ער די ספּראַווקע באַקומען.

אויפן אַנדערן טאָג האָט ער באַגעגנט איינעם פון די קריסטלעכע חברים, וואָס איז קעגן אים אַרויסגעטרעטן. יענער האָט זיך מיט אים גאַנץ פריינטלעך באַגריסט, זיך אַנטשולדיקט:

— דו פאַרשטייסט דאָך, טאָק נאַדאַ. (אַזוי דאַרף מען).
— יאָ, איך פאַרשטיי.

דער חבר האָט אים געפרעגט ווען ער פאָרט און גע-ווונטשן אַ גליקלעכע רייזע. זיין פריינטלעכקייט האָט יאָסלען אַביסל פאַרוווּנדערט און געמאַכט אַ גוטן איינדרוק.

אין דער צייט האָט אויך די דאָקטאָרין נייכינאַ דערלאַנגט אַ ביטע וועגן אַ ספּראַוּוקע, און ווען איוואַן אפּאַנאַסיעוויטש האָט זי איר אַרויסגעגעבן, האָט ער געפרעגט:

— הייסט עס, קומט איר ניט מאָרגן צו דער אַרבעט?

— איך קום ניט, איך באַפריי אייך פון מיר — האָט זי געענטפערט.

ער האָט זי שוין באַפרייט פון אַ פאַרזאַמלונג, ווי דאָס איז איינגעפירט געווען אין אַזעלכע פאַלן.

אַלעס איז געווען באַגלייט מיט אָנשטרענגונג, מיט איי-בערלעבענישן, און ווען זי איז דאָס לעצטע מאָל אַרויסגע-גאַנגען פון דער גיכער הילף האָט זי דערפילט ווי זי וואָלט אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערן יאָך פון עם קאָפּ.

9

ס'איז געווען פרייד ביים באַקומען די לעצטע דאָקו-מענטן, אָן וועלכע מ'האָט זיך ניט געקענט רירן פונעם אָרט, און שווערע איבערלעבענישן ביי די, וועלכע האָבן געהאַט שוועריקייטן, ווייל מ'האָט זיי אומדערוואַרט אָפּגע-זאָגט אין אַרויספאָר־וויזעס. דאָס האָט געטראָפן ביי יאָסלס חבר יאָשע קאַפּלמאַן מיט זיין משפחה, וועלכע זענען שוין געווען גרייט צו פאָרן, נאָר אין לעצטן מאָמענט האָט מען ביי יאָשען געפאָדערט אַן אונטערשריפט, אַז ער וועט גאָר-ניט דערציילן וועגן דעם, וואָס ער ווייסט.

ער האָט געלערנט אין אַ שטאָט אין צפון־רוסלאַנד, וווּ ס'איז געווען אַ „וואָיענע אָביעקט”, וועגן וועלכן ער האָט ניט געטאָרט דערציילן. זיין ענטפער אַז ער ווייסט ניט גאָרניט און האָט ניט וואָס צו דערציילן האָט מען ניט גע-נומען אין אַכט. מ'האָט געפאָדערט ער זאָל זיך אונטער־

שרייבן, אַז ער וועט ניט דערציילן. דער משפחה האָט מען דערלויבט דעם אַרויספאָר און אים ניט, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן וועגן דעם, וועגן וואָס ער האָט גאָרניט געוווסט. זיין משפחה האָט ניט געוואָלט פאָרן אָן אים און איז פאַרבליבן דאָרט אויף יאָרן.

אַ באַזונדער פאַרדרייעניש איז געווען ביי יאקען. ער האָט אויך געטראַכט וועגן פאָרן, און ווען ער איז געגאַנגען דערלאַנגען זיינע פּאַפּירן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ניט ער, ווייל אין פּאַספּאָרט האָט ער געהייסן חיימאָוויטש און אין דער מעטריקע איצקאָוויטש.

— איר פאַרשטייט — האָט ער דערקלערט נייכינען — מיין טאַטע האָט געהייסן חיים-איציק, האָט מען אַמאָל פאַר־שריבן אַזוי און אַמאָל אַזוי, האָט מען מיר געזאָגט, אַז מ׳קען גאָרניט העלפן.

— ע, איך וועל שוין ניט פאָרן — האָט יאקע אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— איר האָט דאָרט עמיצן? — האָט נייכין געפרעגט.

— יאָ, מיין מוטער איז שוין דאָרט פון לאַנג.

און ס׳האָט געקלעמט און גענאָגט דאָס האַרץ, ס׳איז ניט געווען קיין אויסוועג.

— נאָר כ׳האָב אויך פאַרגעניגן — האָט יאקע געזאָגט,

— אַלע אויפדערנאַכט גיי איך אַריין צו מיין אַלטן שכן קאַץ און מיר הערן ישראל. איר ווייסט, ער איז אַלט דריי און אַכציק יאָר, נאָר איין זאַך בעט ער ביי גאָט: ער וויל נאָך דערלעבן שלום אין ישראל.

— אוי, ס׳איז נאָך ווייט דערצו — האָט נייכין געזאָגט מיט אַ קרעכץ.

מיט בראַזערן האָט ער זיך שוין לאַנג ניט באַגעגנט, ער האָט דאָס אויך ניט געוואָלט צוליב זיין שטענדיקער קעגנער׳שאַפט און צולעהכעיסדיקע אַרויסזאָגונגען וועגן יידן, וועגן ישראל. דאָס מאָל האָט דווקא בראַזער זיך דערפרייט

מיט דער באַגעגעניש און אַנשטאָט די טראַדיציאָנעלע: וואָס טוט איר? ווי אַזוי איז אייער געזונט? האָט בראַזער דאָס ערשטע אַ זאָג געטון:

— מיינע קינדער האָבן מיר אָנגעפּייפּט.

נייכין האָט ניט פאַרשטאַנען און זיך פאַרוווּנדערט. ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט אַ טאָכטער פונעם ערשטן ווייב און אַן איידעם אַ מעדיקער אַ דאָצענט, און צוויי דערוואַקסענע אייניקלעך. און בראַזער האָט זיך געאיילט מיט ווייטערדיקע דערקלערונגען.

— זיי האָבן מיר אָנגעפּייפּט און אַוועקגעפאָרן קיין ישראל. זיי האָבן אונדז פאַרזיכערט, איבערגעלאָזט געלט, נאָר זיי זענען אַוועקגעפאָרן.

קיין בעסערע נקמה האָט נייכין ניט געקענט האָבן אין בראַזערן פאַר זיין שטענדיקער צולהכעיסדיקער קעגנערשאַפט צו ישראל.

— נו, אפשר וועט איר שוין אויך פאָרן איצט?

— ווו, ס'איז שוין ניט דער כוח, נישט די יאָרן... ס'איז אַוואדע ניט קיין לייכטע זאַך... פאָרט אַן איינציקע טאָכטער, נאָר מ'קען גאָרניט מאַכן.

איצט האָט בראַזער געמאַכט אַ נעבעכדיקן איינדרוק. ס'איז ניט געווען דער בראַזער, וואָס האָט ניט לאַנג געזאָגט נייכינען, מיט דער כוונה אים צו טרעפן, אפילו באַליידיקן, אַז דאָס איז אַ לאַנד, וואָס לעבט פון קצבה און דערמיט אים געבראַכט צום געדאַנק, אַז דאָס איז אפשר דער אמתער קאָמוניזם, אין וועלכן ער גלויבט.

נאָך דער נקמה, וואָס ער האָט דערפילט אין ערשטן מאָמענט פון דער באַגעגעניש, האָט ער שוין איצט געהאַט מיטגעפיל צו אים. זיין קעגנערשאַפט האָט ער פאַרעכנט פאַר אַ צולהכעיס, ווי אַ שלעכטן ווילן. אַזעלכע אַרויסזאָגונגען האָט ער געהערט פון נאָך עטלעכע אין שטאָט, וועלכע ער האָט פשוט ניט געקענט פאַרשטיין. אין האַרצן האָט אים נייכין באַדויערט ווי אַ געפאַלענעם, ווי אַ באַזיגטן. דאָס

היטל אויף זיין קאָפּ האָט אים איצט דערמאנט דאָס פלאַכע לעמעשקעוואַטע היטל אויף יאַקעס קאָפּ מיט דעם חילוק, וואָס אויף יאַקעס פּנים האָט ער קיינמאָל ניט געזען דעם אויסדרוק פון געפאַלנקייט, וואָס ער האָט דערזען ביי בראַ־זערן. יאַקע איז תמיד געווען פריידיק־אָפּטימיסטיש און אין קעגנזאַץ צו בראַזערן האָט ער געלעבט און געהאָפט אויף גוטע בשורות פון ישראל.

10

די גאַס, וווּ נייכינס זון האָט געוווינט, האָט זיך שוין אויסגעליידיקט פון יידן, ס׳שוין געבליבן אַ פּאָר משפּחות, וועלכע האָבן זיך דערפילט אומהיימלעך. זיי האָבן געגרייט גרויסע קאַסטנס צו פּאַקעווען די שטוב־זאַכן. איין גרויסער קאַסטן איז אָנגעפולט געוואָרן מיט ביכער. ווען די שנור האָט אַריינגעלייגט איר נייי־מאַשין האָט זי געוויינט. די קריסטלעכע שכנה האָט איר געזאָגט:

— איר זענט אַ גליקלעך פאָלק.

— מיט וואָס זענען מיר אַזוי גליקלעך?

— איר פאָרט אַוועק, אָבער מיר וואָס?

אין שטוב זענען געווען אָנגעוואָרפן פאַרשידענע זאַכן. וואָס מ׳האָט זיך געזישובט צי זאָל מען זיי נעמען מיט זיך. דריי קאַסטנס זענען אָנגעפולט געוואָרן און מ׳האָט נאָך גע־דאַרפט. יאָסלס חבר, יאשע, וועלכן מ׳האָט אָפּגעזאָגט דעם אַרויספאָר, האָט געהאָלפן צונויפקלאַפּן נאָך קאַסטנס.

דאָס קלויבן זיך און דאָס פּאַקעווען איז געווען אַ פיבער־האַפטע און אַ שווערע אַרבעט, נאָר מ׳האָט זיך שוין געמוזט איילן, ווייל ס׳איז געווען באַגרענעצט דער טערמין, צו וועל־כן מ׳האָט געמוזט אַרויספאָרן.

זיי צו באַגלייטן זענען געקומען קרובים און באַקאַנטע. אַלע זענען געווען אויפגערעגט, אויפגערודערט — מ׳פאָרט אין אַ ווייטער אומבאַקאַנטער וועלט, מ׳האָט זיך מיט אַלעמען געקושט. איינע אַ קריסטין, וועלכע האָט געאַרבעט מיט ניי־כינס שנור און אויף דער פאַרזאַמלונג אַרויסגעטרעטן קעגן

איר אַרויספאָרן קיין ישראל, וואָס האָט אָפיציעל געפאָדערט דער דירעקטאָר, האָט איר צום וואָקזאַל געבראַכט אַ טאָרט און שמייכלענדיק געבעטן ביי איר אַנטשולדיקונג.

צו איינער אַ גוטער באַקאַנטער האָט די נייכינא געזאָגט:

— נו, זייט געזונט, איך וועל אייך שרייבן בריוו...

— ניין, ניין, איר ווייסט דאָך, אַז מיין זון אַרבעט אויף אַ יאַשטשיק (אַן אונטערנעמונג, וואָס איז „פאַרסעקרעטשיט" און ווערט באַצייכנט נאָר מיט אַ נומער פונעם פאָסט-קעסטל), שרייבט צו פאַנין און זי וועט מיר איבערגיבן. איר ווייסט דאָך, אַז מ'דאַרף זיך היטן פאַר באַקומען פון דאָרט בריוו. אין ענגשאַפט זענען צוגעקומען נאָך מענטשן, כדי זיך געזעגענען. זיי האָבן פריי אָפגעדעכעט ווען זיי זענען אַריין אין וואַגאָן.

מיט די געדאַנקען און גליקוואונטשן האָט מען זיי באַגלייט אין דער ווייטער וועלט.

אין וואַגאָן איז אויך אַריין מאַריע. זי איז געפאָרן באַגלייטן ביז דער גרעניץ. מיט יאָסלען האָט זי איבערגעחזרט דעם באַשלוס, אַז ער וועט זי אַרויסרופן צו זיך. ווען זי איז ביי דער גרעניץ אַרויס פונעם וואַגאָן און דער צוג האָט גערירט, האָט זי גענומען נאָכלויפן און געשריגן:

— יאָסיאַ!!!

איצט האָט שוין דער אַלטער נייכין זיך געשטעלט די פראַגע:

— נו, און איך? איך וועל דאָ זיצן? זיי די גאַנצע צייט איינגערעדט זיי זאָלן פאָרן און איך וועל דאָ בלייבן? איך בין שוין באַלד ווי יענע ציוניסטן, וועלכע אגיטירן אַנדערע זאָלן פאָרן און אַליין בלייבן זיי פון דער זייט. ער האָט שוין וועגן עפּעס אַנדערש ניט געטראַכט, זיך דערמאַנט, אַז אין ישראל שרייט דער קאָמאַנדיר אחרי! און ער האָט געשיקט פאָרויס די אייניקלעך? ער האָט אַמאָל אין אַ געשפרעך איינעם געזאָגט: אַהין פאָרן אפילו שטאַרבן... ער

דערמאָנט זיך, אַז די באָבע האָט וועגן דעם געטרוימט אַלע יאָרן און אָפטמאָל דאָס איבערגעחזרט... אָבער איצט ער...

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט ער שוין באַקומען פון יאָסלען אַ בריוו. ער האָט גערופן דעם זיידן ער זאָל קומען, ער וויל מיט אים רעדן. געשריבן, אַז ער האָט פאַר אים אַ חדר פנוי, אַליין לערנט ער אין תל-אביב און דאָרט וווינט ער שוין. אין אַ בריוו צו אַ חברטע האָט דער קאמסארגטשיק געשריבן זי זאָל קומען „וו נאַשו סטראנו״. (אין אונדזער לאַנד).

נייכין איז שוין געגאַנגען אין פאַרשידענע ערטער נאָך ספּראַווקעס, ווייל פון דעם האָט מען געדאַרפט אָנהויבן. איינגעצאָלט געלט אין באַנק, דאָס איז אויך געווען פון די ערשטע זאַכן.

אין אָנגעלעגנהייטן פון אָפּפאָרן איז ער געשטאַנען אויף אַן אויטאָבוסן-סטאַנציע און געוואַרט. ווען ס'איז אָנגעקומען אַן אויטאָבוס איז פון אים אַראָפּ אַ מיטליאָריקער שכורער מענטש. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט:

— ווו בין איך?

— וווהין דאַרפט איר? — האָט נייכין געפרעגט.

ווען יענער האָט געענטפערט האָט נייכין געזאָגט:

— אויב אַזוי דאַרפט איר פאָרן צוריק.

און ער האָט זיך געשטעלט וואַרטן.

נייכין האָט אים באַטראַכט: אַ רויטלעכער, אַ געזונטער מענטש, זיך ניט געהאַלטן אויף די פיס. פלוצים האָט ער זיך געווענדעט צו נייכינען:

— און פאַרוואָס איז ישראל קעגן ראַטן-פאַרבאַנד?

פאַרווונדערט פון דער פלוצימדיקער פראַגע און איינ-איינוועגס פילנדיק אַ דראָונג אין איר, האָט נייכין געענטפערט:

— ניט קעגן סאָוועטן-פאַרבאַנד, ער האָט דאָך מיט די אַראַבער.

— נו, ס׳איז אַלציינס — האָט דער שכור געענטפערט, שאָקלענדיק זיך.

נייכין האָט געוואָלט ענדיקן דעם געשפּרעך און מיט מער אומגעדולד אָנגעהויבן אַרויסקוקן אויפן אויטאָבוס און ווען ער איז אָנגעקומען האָט ער זיך שוין אינעווייניק דער־ווייטערט פונעם שכור.

זיצנדיק אין אויטאָבוס האָט ער געטראַכט: איך פאָר אַוועק פון דעם לאַנד איבער מיינע אייגענע לאַנגיאָריקע מאָטיוון... איך האָב ניט קיין שום שנאה צו דעם לאַנד... נאָר דאָס, וואָס דער שכור רעדט... נאָכוואָס רעדט מע איין אַזאַ שכור, אַז ישראל איז קעגן סאָוועט־רוסלאַנד? ווען דאָס איז אַ הימלשרייענדיקער ליגן?

אַזעלכע רייד האָבן ביי אים אַרויסגערופן ברענענדיקן פאַרדראָס.

און אויף אַן אַנדער אויטאָבוסן־סטאַנציע האָט ער גע־הערט רעדן שוין אַ ניכטערן, ווייזט אויס, מיטן ציל צו טרעפן אים נייכינען:

— דער סאָוויעטסקי סאָיוז קען אין איין טאָג אַפּווישן ישראל פון דאָרט.

אָפּווישן... פאַרוואָס? נאָר קיין פאַרוואָס איז ניט געווען אויך ביי היטלערן. און ער האָט מיט אומרו געטראַכט וועגן דעם, וואָס ס׳דערוואַרט נאָך די יידן.

ער האָט שוין געהאַט ביי זיך די אַרויספאָר־וויזע און שוין געקוקט אין דער ווייט, אין דעם לאַנד פון טויזנט־יאָריקער יידישער האָפנונג.

ישראל, 4.11—76

משה בר אבא־זיס

לידער, וואָס זענען פאַרשפּרייט געווען אויף די הענט

אין ראַטנפאַרבאַנד

אין די זעכציקער יאָרן איז דערשינען אין ר.פ. אין קיעוו אַ בראָשור פון אַ „געלערנטן" טראָפים קיטשקאָ „יודאיזם אָן באַפּוצונג". אין דער בראָשור דערציילט ער, אַז יידן טוען אָן אַ טלית, אַז זיי וואַשן די הענט פאַרן עסן (ווייזט אויס, אַז ער וואַשט ניט), אַז די יידן האָבן אַמאָל פאַרניכ־טעט די איינוווינער פון כנען און נאָך אַזעלכע „וואַזשנע" היסטאָרישע ידיעות.

דאָ גיב איך די איבערזעצונג פון דעם ליד, וואָס איז געשריבן אויף רוסיש. דאָס ליד אויף דעם ביכל „יודאיזם בעז פּריקראַס".

פרעגט יעדערן פון אונדז באַזונדער צי זענען מיר גרייט
זיך אין ישראל באַזעצן,
און ווי אַ כאָר וועט קלינגען דער ענטפער פונעם פאָלק:
מיר זענען גרייט זיך פאַר ישראל שלאָגן!
פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן האָבן מיר אַ סך געלערנט:
נבכדנצרן, דעם העלד פון יענע צייטן, און אַנטיאָך
יעפּיפאַנען האָבן מיר ניט פאַרגעסן — די צייט האָט
זיי געמאַכט צו פּראָך און שטויב.
אַלץ איז ביי אונדז פאַרשריבן: דער זיגערישער רוים, פון
שפּאַנישער אינקוויזיציע די שייטערהויפנס, און דער
קרייצטרעגערישער פּסולת פון אייראָפּע, וואָס האָבן
צום קבר פונעם נוצרי זיך געאיילט, פון זייער גאָט
דעם קבר צו באַשיצן, און גאָנטא, און כמעלניצקי, און
פּעטליורא, אין אונדזער כראָניק זענען זיי
געשטעמפּלט ווי יאָרן בלוטיקע־גזרות ת"ח.
נאָר אַלע רוצחים איז אויסצורעכענען שווער — זיי האָבן זיך
אין יידיש בלוט געבאָדן, מיר זענען געפּאַנגען געווען,
מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ. און יעדער פון די אַלע האָט
געהרגעט און גערויבט און געטון נאָר דאָס וואָס זיי
האָט זיך געגלוסט, און קיין איינער פון זיי האָט ניט
פאַרגעסן זיינע קעשענעס מיט פאַרמעגן פון די גע־
רודפטע אָנצופילן, און געפּרעפּלט וועגן ווילזיין
פונעם פאָלק.

און היטלערס כנופיות, צעלאָזענע און ווילדע, ווי מיליאָניקע
טשערעדעס פון חיות, מיט ווייבער און מיט קינדער
האָבן זיי מלחמה געהאַלטן, זיי איז לייכט געווען צו
באַזיגן, דאָס אַלעס געדענקען מיר, מיר טאָרן דאָס
ניט פאַרגעסן.

נאָר אונדזער געדאַנק האָבן מיר קיינמאָל ניט פאַרטויבט,
נאָר געזוכט אַן אויסוועג פון טויזנטיאָריקע ליידן,
אונדזערע אויגן די אויסגעבענקטע, האָבן מיר נאָר
געווענדט צום אייביק טייערן, צום פאַרלאָזטן לאַנד.

איצט האָט אונדז אויפגעבראַכט טראָפים קיטשקאָ, אָט דער
„געלערנטער אַקאַדעמיקער" קרענקט צופיל דערפון,
וואָס ביי די יודייען די אייניקלעך און זיידעס וואַשן
תמיד די הענט פאַרן עסן און בענטשן נאָך דערביי
זייער גאָט. און אָט די יודייען, וואָס האָבן זיך מיט
יאָרטויזנטער צוריק באַזעצט אין כנען, האָבן פון הו־
מאַניזם קיין אַנונג ניט געהאַט, און דאָרט טאַקע איינ־
געפירט זייערע יידישע מנהגים.

און נאָך איז געווען אַ המן, אַ סאַטראַפּ אין מיטלאַלטער,
באַוווּסט פון לאַנגע צייטן באַ יידן אויף דער וועלט.
ער האָט צוגעטראָגן זיין קעניג אחשורוש, אַז אין
לאַנד ביי אים וווינט אַ פאָלק־יהודים, וואָס אונטער־
שיידן זיך פון אַלע זיינע אונטערטאַנען, און אָט דאָס־אָ
פאָלק איז אים ניט צום האַרצן, און אחשורוש, ניט אַ
פינטל געטון מיטן אויג און ניט גערעכנט עס פאַר
שענדלעך אונטערצושרייבן: די יידן הרגענען און
רויבן — נאָר אָט דאָס האָט קיטשקאָ ניט געוואַגט צו
זאָגן!

און געדאַנקען שווערע באַאומרויִקן אונדז גאַנץ אָפט: צוליב
דעם האָט פאַר דער רעוואָלוציע זיין לעבן אָפּגעגעבן
דער ייד יעקב סווערדלאָוו, כדי שפּעטער, פאַרשפּריי־
טנדיק זיין חוצפּהדיקע אַמאַראַצעס, ווי אַמאָל אויף
ביילעס דער אַדוואָקאַט שמאַקאָוו, זאָל אין אַ האַלבן
יאָרהונדערט אַרום, אַרויסשווימען אַזאַ טראָפים קיטשקאָ?

צו שווערסטער אַרבעט זענען מיר שטענדיק גרייט, נאָר
דעם קאָפּ אַנבויגן ווילן מיר קיינמאָל ניט. פון אונדז,
אַ סך גרייטן זיך קיין ישראל, און אויב די שעה
וועט שלאָגן, וועלן מיר דאָס לעבן אַוועקגיבן!

בלבולים פון 1971

איצט האָבן מיר איינגעשריבן נאָך אַ בלעטל אין דער געשיכטע פון אומזין אין רוסלאַנד, עס שאַפן זי גאָר אַנדערע לייט, און גאָר אַנדערש פּרעפּלען אירע גרויסע רעדנער. זיי וויסן גאָרניט, אַז צוריק מיט צייטן, אַרויסגעריסענע פון זייערע משפחות, האָבן אין תפיסות אין רוסישע געשמאַכט יידן אין טלית־קטנס, אין קאַפּאָטעס לאַנגע, וואָס האָבן כלומרשט בלוט געצאַפּט בא קינדער קריסטלעכע, וואָס האָבן דאָס כלומרשט געדאַרפט צו זייער פּסחדיקער מצה.

שפּעטער האָט מען דאָקטוירים געשלעפּט, פּראָפעסאָרן, נאָר אינגיכן האָט מען פאַר בושה דאָס אויפגעהערט. דאָס אַלעס איז פאַרגאַנגען. איצט האָבן די סאָוועטן פאַר די, וואָס ווילן קיין ישראל פאָרן, צוגעטראַכט נייע בלבולים. נאָר אויב ס'איז מיר טייער ישראל מיין אַלט־נייע, הייסט עס דען, אַז כ'האָב אַנדערע פיינט? — פראַנצוויזן, רוסן, טערקן, ענגל'ענדער, נאָר פון אַלע איז מיר נענטער און טייער משה דיין*) און אַלע די, וואָס האָבן ס'לעבן אָפּגעגעבן פאַר ישראל און גערעטעט פון אַ מצרישן פאָגראָם. דער ייד אין ישראל איז באַ זיך אין דער היים, און די מענטשן־פרעסער האָבן זיך געמוזט איינשטילן — יידן האָבן זיך אויסגעלערנט שלאָגן.

און ס'טוט מיר וויי, וואָס שוין באַם סוף פון גערימטן יאָרהונדערט, ווען אַלצדינג ווערט געטון פאַר דעם ווילזיין פונעם מענטשן, ווען ס'זענען שוין פאַרגעסן די קריסטלעכע קינדער און זייערע כלומרשטע פייניקער די יידן אין טלית־קטנס, אין קאַפּאָטעס לאַנגע, וואָס האָבן כלומרשט בלוט געצאַפּט, זיי האָבן עס כלומרשט געדאַרפט צו זייער פּסחדיקער מצה.

די מצה האָט מען געבאַקן ווען זענען אַרויס פון מצרים, — מעל און וואַסער, דאָס בלוט האָט מען געדאַרפט צום געשמאַק, און די קינדער האָבן זיי געפייניקט ווי דעם נוצרי אַליין, נאָר דאָס האָט קיינער קיינמאָל ניט דערוויזן, און דער ליגן איז פאַרשווינדן אויף אייביק פון דער וועלט.

---

*) דאָס ליד איז געשריבן ביז דער יום־כפור־מלחמה פון 1973.

פאַר יענע און פאַר די טויט מיר יעצט ווײַ, װעלכע האָבן זייערע אויגן צום הימל געווענדעט, ווי אַלטע יידן אַמאָל — מאין יבוא עזרי — פון וואַנען וועט מיין הילף קומען — האָבן זיי מיט האָפנונג געפרעגט. איצט זענען אין די תפיסות שוין געגאָלטע יורשים פון יענע מיט די באָרד־און־פאות מיט די טלית־קטנס און קאַפּאָטעס, און צוגעטשעפעט האָט מען זיי: פאַראַט און שנאה — שנאה צום לאַנד פון די סאָוועטן — אַזוי חזרן זיך איבער די בלבולים שוין אין דעם באַרימטן לאַנד פון די סאָוועטן.

O

געווען איז עס שוין לאַנג, פחדנותדיק און יונג בין איך געווען,
פאַרלאָקט פון פוסטע קלייניקייטן, ניט פאַרשטאַנען,
אַז אין לעבן איז אַ געבאט —
דער קאַמף פאַר דיין אייגן פאָלק, אַז דאָס לעבן פאַרטיידיקן
דאַרף מען ניט מיט געבעט,
פון רוצחים זאָלסטו ניט וואַרטן אויף מיטגעפיל, אין דער
רגע ווען ער לאָזט זיך וווילגיין איבער דיר,
הרגע אַוועק זיין לעבן און זיין גליק. אין דער רגע זיי
גרייט דאָס לעבן אַוועקגיבן,
זאָלסט שוין גלייבן, אַז דאָס לעבן איז פאַרלוירן, אין דער
רגע זאָלסטו מיט די הענט זיין האַלדז דערטאַפּן,
זיך איינגראָבן אין אים ווי אין טעג.
אין לעבן זאָלסטו תמיד אַ קעמפער נאָר זיין, אין דעם האָבן
מיר אַ גרויסע דערפאַרונג,
דעם רוצח זאָלסטו באַגעגענען מיט מעסער, מיט האַק,
נאָך בעסער מיט אַטאָם־אויטאָמאַט.

Copyright by Moche Haimsky

Kiriat-Ata near Haifa, rh. Henrietta Sold 23/2

Israel

Она пеклась по выходе из Египта
Мука — вода,
А кровь нужна была как будто бы
для вкуса,
А деток распинали как самого Иисуса,
Но это не доказано никем и никогда,
И ложь эта исчезла из мира навсегда.
За тех и этих я теперь болею, что очи
к небу обращали,
Как в древности евреи —
Мэаин ювой эзри — откуда помощь будет —
Они с надеждой вопрошали.
Теперь по тюрьмам безбородые потомки
тех пейсатых,
В лапсердаках, бородатых,
И прицепили им предательство, вражду,
Вражду против страны советов,
Их превратили во врагов заклятых.
Так повторяется история наветов
Уже в прославленной стране советов.

Это было давно, я был молод, труслив,
Увлеченный пустой суетой,
Не ведал, что в жизни есть императив —
Борьба за народ свой родной,
Что жизнь защищать не надо мольбой,
От убийц не дождаться участья,
В мгновенье, когда он глумит над тобой —
Убей ты в нем жизнь и счастье!
В тот миг будь готовым ты жизнь отдать,
В потере ее ты уверься,
В тот миг устремись его глотку достать,
В нее ты вкопайся как в тесто.
В жизни ты будь всегда лишь бойцом,
На то у нас опыт богатый,
Убийцу встречай ножом, топором,
А лучше — атом-автоматом.

НАВЕТЫ 1971 ГОДА

Теперь вписали мы еще одну страницу
В историю бессмыслицы в России.
Творят ее теперь совсем другие лица
И по-иному разглагольствуют витии.
Они не ведают, что во время оно,
Вырванные из семейственного лона
По тюрьмам российским изнывали
Евреи в лапсердаках, в кафтанах
национальных,
Что кровь будто цедили у деток христиан,
Что будто-бы нужна была для их мацы
пасхальной,
Потом уже врачей, профессоров тащили,
Но вскоре устыдясь то дело прекратили.
Все то прошло, теперь уже советы
для жаждущих в Израиле селиться,
придумали новые наветы.
Но если дорог мне Израиль мой древнейший,
То значит ли, что я всех прочих
ненавижу —
Французов, русских, турок, англичан —
Но всех других мне ближе
И бесконечно дорог мне Моше Даян *)
И те, что жизнь отдали за Израиль,
Спасая от мицрийского погрома,
Еврей в Израиле считает, что он дома,
И хищникам пришлось смириться,
Евреи научились биться.
И очень я болею оттого, что уж к концу
прославленного века,
Когда все деется для блага человека,
Когда забыты детки христиан и мнимые
убийцы их евреи
В кафтанах национальных,
Что кровь будто цедили для мацы
пасхальной...

*) Стихи написаны до войны Иом-Кипур 1973 года.

С женами, с детьми умевшей воевать,
Ведь их легко так было убивать,
Все это помним мы, нельзя нам забывать.
Но мысль свою мы никогда не заглушали,
Всегда искали выход из муки вековой,
Свой взор измученный всегда мы обращали
К стране покинутой, но вечно дорогой.
Теперь нас возмутил Трофим Кичко.
Вот этот преученый академик болеет
слишком много оттого,
Что у иудеев прадеды и внуки
Всегда перед едою моют руки,
Благословляя Бога своего.
И что у них, осевших в Ханаане
три тысячелетия назад
Гуманизма не было и в плане
И там наладили уж свой иудейский лад.
И был еще Аман, сатрап средневековый,
Известный издавна на свете всем евреям,
Донесший Артаксерксу своему царю,
Что в царстве у него живет народ Иудеи,
Что отличается от всех ему покорных,
И этот вот народ ему не понутру,
И Артаксеркс не моргнул даже бровью
и не почел ничуть позорным,
Чтоб подписать: евреев грабить, убивать —
Но только этого не смел Кичко сказать!
И мысли тяжкие нам часто ум тревожат:
Для этого за революцию здесь жизнь
отдал Свердлов,
Чтобы потом, свое невежество размножив,
Как некогда на Бейлиса Шмаков
Здесь через полстолетья всплыл такой
Трофим Кичко?
Тяжелый труд всем сердцем одобряем,
Но голову склонять мы не хотим,
Из нас многие готовятся в Израиль
И если час пробьет, мы жизнь там отдадим!

Моше бар Аба-Зис

Где-то в шестидесятых годах вышла брошюрка Трофима Кичко «Юдаизм без прикрас». В ней автор рассказывает, что евреи одевают талес, что они моют руки перед едой (как видно он их не моет), что они уничтожили все население Ханаана и еще такие «важные» исторические сведения.

И в общем, пахнуло обыкновенным, самым заурядным антисемитизмом.

И вот стихи на книжку Трофима Кичко «Юдаизм без прикрас».

Спросите каждого из нас
Готовы ль мы в Израиле селиться,
И хором прозвучит наш всенародный глас:
Мы все готовы за Израиль биться.
Прошедшие века нас многому учили:
Мы Навуходнецера героя тех времен
И Антиоха Епифана не забыли —
История их стерла в прах и тлен.
У нас все записано: и Рим победоносный,
Испанской инквизиции костры,
И сброд Европы крестоносный,
Что Господу Иисусу несли свои дары,
Господний гроб спасти спешили,
Гонта, и Хмельницкий, и Петлюра,
В хрониках у нас они заклеймлены годами
крови — гзерас тах,
Но всех погромщиков не перечесть в стихах,
Они еврейской кровью руки обагрили,
Мы шли невольниками головы понурив.
И каждый из всех этих грабил, убивал,
И произвол по-своему творил,
И ни один из них не забывал
Свою казну трудом гонимых пополнять,
И о благе всенародном говорил.
И орды Гитлера разнузданны и дики,
Толпой зверей миллионноликой,